STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07242

UMETIKER SHMEYKHL

Hanah Viderman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חנה ווידערמאן

אומעטיקער שמייכל

דעראינערונגען
דערציילונגען
בריוו
מאָנאָלאָגען
הומאָרעסקעס
פעליעטאָנען

מאָנטרעאל מאַי, 1946

דרוקערײ „נאָרטערן פּרינטינג און סטיישאָנערי"

PRINTED IN CANADA

Copyright 1946 in Canada

by

ANNE VIDERMAN

Printed by

THE NORTHERN PRINTING & STATIONERY

MONTREAL, CANADA

27

חנה ווידערמאַן

פאָרוואָרט.

פון מיין פריהסטער יוגענט אָן האָב איך ליב געהאט ליטעראטור.

איך פלעג לייענען קורצע דערצעהלונגען, ראָמאנען און ערנסטע ביכער. איינמאָל האָט מיין פאָטער פאַרגעלייענט פאר מיר איינינגע זאכען פון שלום עליכם׳ען און זייט דאן איז שלום עליכם געוואָרן פאר מיר דער באַליבסטער פון אַלע שרייבער! די ביבליאָטעק אין מיין היים שטעטעל אישיצע איז געווען זעהר אָן אָרימע און האָט פארמאָגט א פּאָר צענדליק אלטע צעריסענע ביכער.

גאנץ אָפט האָט אויסגעפעהלט אין זיי דער אָנהויב, דער סוף אָדער גאָר א פּאָר בלעטלעך פון דעם סאמע מיטען! . . .

אַזוי ארום האָב איך זיך גענומען צוטראכטען דעם ארויסגעפליקטען אינ־האלט פון פארשידענע ביכער און איך בין געוואָרען אָן אומאָפיציעלע שותפ׳טע צו די מחברים פון פארשידענע ווערק, שלום עליכמ׳ס ארייַנגערעכענט! . . .

מיט דער צייט איז שוין א גאנץ בוך פאר מיר געוואָרען א זאך פון קלע־נערען ווערט . . . מיין פאנטאזיע האָט שוין ביי אזא בוך ניט געהאט וואָס צו טאָן!

די געשיכטעס וועגען דעם דרייפוס פּראָצעס אין פראנקרייך און שפעטער דער בייליס פּראָצעס אין רוסלאנד האָבען געמאכט אויף מיר אָן אומפאר־געסליכען איינדרוק! איך האָב שטענדיג געטראכט פון די דאָזיגע צוויי מאר־טירער פון אונזער פאָלק. און איך האָב דערפיהלט די גרויסע וועלט א׳מגערעכ־טיגקייט, די גרויסע טראגעדיע פון מיין פאָלק! . . .

כאָטש מיינע עלטערען, וועלכע זענען געווען גאנץ פארמעגליך, האָבען מיר נאָכגעגעבען אלע פארגעניגענס, בין איך געווען שטארק ערנסט, פאר־טראכט און האָב זיך זעלטען געשפּילט מיט קינדער. אזוי אז צומאָל דאכט זיך מיר אז איך בין גאָר קיינמאָל קיין קינד ניט געווען, נאָר איך בין גע־בוירען געוואָרען א דערוואקסענע! . . .

מיינע עלטערען זענען געווען שטארק ניט צופרידען וואָס איך בין אזוי פאַרקאָכט אין ביכער „וואָס צי איז איבעריג!" האָבען זיי געטענה׳ט און זיי האָבען געהאט רעכט.

איינמאָל האָט פאסירט אָט וואָס:

מיין מוטער האָט באדארפט ערגיץ אוועקגעהן בעת איך בין געלעגען אין מיין צימער און געלייענט. איך געדיינק עס איז געווען „קינדהייט" פון טאָל־

סטאָי. „חנה׳לע, הער זיך צו צו דער שטוב, איך געה אוועק!״ האָט זיך די מאַמע צו מיר געווענדעט.

— גוט — האָב איך געענטפערט, אָבער . . .

מיט א שטונדע שפּעטער האָב איך געהערט ווי עס קלינגט עפּעס אזוי ווי זילבערנע לעפעל, גאָפּעל און מעסער, אָבער איך האָב זיך בשום אופן ניט געקענט אָפּרייסען פונ׳ם בוך . . . און כדי צו באַרעכטיגען מיין האַנדלונג האָב איך זיך בארוהיגט מיט׳ן פּזמון אז „בייטאָג געהן ניט ארום קיין גנבים״... און איך האָב ווייטער געלייענט די אינטערעסאנטע באשרייבונג פון גרויסען טאָלסטאָי . . .

ווען מיין מוטער איז אהיימגעקומען און האָט געוואָלט גרייטען דעם טיש פאר מיטאָג האָט זיך ארויסגעוויזען אז עס איז ניטאָ קיין איינציגער לעפעל, גאָפּעל אָדער מעסער ! . .

מיינע עלטערען האָבען פארשטאנען אז די גנבה האָט פּאסירט בעת איך בין געווען פארטיפט אין לייענען; זיי האָבען אָבער קיינמאָל ניט אויסגעפּרעגט אז איך האָב געהערט קלינגען און האָב זיך גענארט אז מסתמא ווייזט זיך מיר אויס און איך האָב זיך אפילו ניט באמיהט א געשריי טאָהן: „ווער איז דאָרט?״ איך האָב נאָכדעם א לאנגע צייט שרעקליך געליטען פון געוויסענביסען ! . . .

נאָך דער מלחמה נומער איינס, אין צייט פון בירגער קריג, האָב איך צוזאמען מיט מיין מאן אויסגעוואנדערט פון מיין אלטער היים (אוקראינע) נאָכדעם ווי מיר האָבען פארבראכט א פינף יאָהר אין בעסאראביע און אין רומעניע, זענען מיר ענדליך אין יאָהר 1924 אָנגעקומען אין מאָנטרעאל. אין 1929 האָב איך אָנגעהויבען שרייבען, ערשט מיט צעהן יאָהר שפּעטער אין יוני 1939 האָב איך אריינגעבראַכט א פּאָר דערציילונגען אין רעדאקציע פון „קענעדער אדלער״ און די דערציילונג „דער איינזאמער קינסטלער״ (זייט 39) איז דערשינען אין צייטונג. זייט דאן דרוקען זיך מיינע שאַפונגען רעגעלמעסיג אין דער דערמאָנטער צייטונג.

אויפ׳ן פאָרשלאָג פון מיינע לעזער האָב איך באשלאָסען ארויסצוגעבען דאָס דאָזיגע בוך — א זאמלונג פון א טייל שאַפונגען וואָס זענען פארעפענטליכט געוואָרען אין צייטונג פאר די לעצטע זיבען יאָהר.

איך וויל אויסדריקען מיין הארציקען דאנק צו מיינע פילע פריינט: אָהן זייער מיטהילף און קאָאָפּעראציע וואָלט דאָס דאָזיגע ווערק ניט געקאָנט קומען צו דער ליכטיגער שיין.

ח. ווידערמאַן

געווידמעט

מיינע אומפארגעסליכע עלטערן

וועמעס גורל (אין סאָוועטן פאַרבאַנד) איז מיר אומבאַוואוסט

נחום און חוה שפּיראָ

אינהאלט

דעראינערונגען

זייט

שבת — 9
פריהלינג — 12
ערב פסח — 15
סאמואיל — 18
בערעלע וואסערפירער — 20
דער טאנץ מייסטער — 23
מענדעל דער רופא — 29
פעדארא — 32
די נגודות — 36
דער איינזאמער קינסטלער — 39
סאלדאטן — 43
ניקאלאי וואסילעוויטש — 45
אין צייט פון דער רעוואלוציע — 49
דערוועקט רחמנות — 53
רומענישע לצנות — 56
מוטער טאג — 62
אפקלאנגען פון טרויער טאג — 65

דערצעהלונגען

צווישען קוקורוזעס — 70
אליין — 76
אידא — 79
זיך געביטען מיט די ראלען — 84
אייגענס — 87
ערגעץ פיהרט זיך א חשבון — 90
בענקשאפט — 93
זיינע לעצטע מינוטען — 95
מיטגעפיהל — 98
אויף אורלויב — 100
אוועקגעפאהרען — 103

בריוו

בריוו צו א זוהן — 108
א בריוועל צו אידישע קינדער — 117
א בריוועל צו אידישע עלטערען — 119
מיין סליכה — 122
מיין תחינה — 124

מאנאלאגען

אין בוטשער סטאר — 128
ביים דענטיסט — 130

זייט

אין מארקעט — 131
אין די מואוויס — 132
אמעריטשקע — 134
פרישע לופט — 136
ליבע — 138
ליבע נומער 2 — 139
דאס שייגעצעל — 140
דער קעניג פון לאמפעדוסא — 142
א מאנופעקטשורער וויל זי — 144
א בליץ ליבע — 145
איהרע לאנדסלייט — 147
אין א שטארקן פראסט — 149
א דערפארענע מיידעל — 151
אז עס איז באשערט ווערט מען
א העלד — 153
די פלאפלערקע — 155
ענדליך זיך פארשטענדיגט — 156
א היימיש שטיקל ברויט — 157
אין רעדאקציע — 159
ביים טעלעפאן — 160

הומארעסקעס

קינדער — 166
אין א וואלקענדיגען טאג — 168
נאך פאראן עהרליכע מענשען — 171
א הינטישע פארטי — 173
דער גרינער הערינג — 176
זי האט איהם גוט געטראפען — 178
דער כוח פון זון שטראלען — 181
פלעזשור פאר א קוואדער — 184
,,גוואלד דער רעדאקטאר געהט" — 186

פעליטאנען

אידען און אידיש — 190
,,א הער ניט אהין" . — 192
געדיינקט עס וועט ניט טויגען. — 195
ס'איז שוין נאך דער מלחמה — 197
שוין די העכסטע צייט — 199
אידיש בלוט — 201
דאס פיצעלע היינט — 203
איך שלאף רוהיג — 205
אויפן שוועל פון 1946 — 207

דערמאָנונגען

שבת

גיב איך נאָר א טראכט פון מיינע קינדער יאָהרען, קומט גלייך די דע־רינערונג וועגען שבת.

איך פלעג אזוי ליב האָבען דעם אמאָליגען קליינשטעטעלדיגען שבת!

שוין פון פרייטאָג בייטאָג האָט זיך געמערקט דאָס אָנקומען פון גרויסען וויכטיגען גאסט — שבת.

די דילען פריש אויסגעוואשען, דער טיש פארשפרייט מיט א שבת'דיגען טישטוך די זילבערנע לייכטער, וויין און קוילעטשען אונטער אן ארטיסטיש־אויסגעניייטען טישטעכעל באשיינען דאָס גאנצע הויז.

דער טאטע קומט אריין פון דרויסען מיט א רוהיגען, שמייכלענדיגען פנים.

די טיפע קנייטשען אויף זיין הויכען שטערען זיינען ווי אויסגעפרעסט ערגעץ פארשוואונדען געוואָרען.

דער טאטע מיינער איז ניט איבריג רעליגיעז, און מ'שמועסט אפילו אין שטעטעל, אז ער איז אן אפיקורס, און אז ער פארפעהלט גאנץ אָפט צו דאווגען אָבער פון שבת האַלט ער שטארק.

מסתמא ווייל ער ווייסט אז ער וועט אביסעל אויסרוהען דעם גוף און די נשמה פון א וואָך אָנגעשטרענגטער ארבייט און קאָפּדרייעניש, חשבונות און דינגענישען מיט סוחרים וואָס קומען צו איהם פון פארשידענע גרויסע שטעדט.

אין אווענט ווען דער טאטע קומט פון שוהל און מאכט קידוש זעצט זיך די פאמיליע צום טיש עסען דעם פרייטאָג צונאכטיגען מאָלצייט וועלכער באַ־שטעהט פון א סך פארשידענע געריכטען.

נאָכ'ן עסען דערלאנגט די מאמע צום טיש א גרויסע טאץ מיט געפרא־זשעטע דינע קערלאך (פּאָמקין סידס) וועלכע שמעקען איבער דער גאנצער שטוב, און חברה (מיינע צוויי יונגערע ברידערלאך און איך) כאפּען זיך צו צום קנאקען.

נאָכדעם זינגט יעדער א ליד ווער אידיש, ווער רוסיש און דער טאטע „העלפט" מיט אָבער ער האָט זעהר ניט קיין „פויגעלדיגע" שטימע, קוקען מיר זיך איבער מיט דער מאמען און שמייכלען.

„נחום, בעסער מיש זיך ניט אריין, מאכסט א תל פון די קינדערס גע־זאנג!" ווענדעט זיך צו איהם די מאמע מיט אן איידעלער, צארטער שטים.

„איך ווייס אליין אז איך ברענג מעהר שאדען ווי נוצען, אָבער איך קען זיך ניט איינהאלטען, צו שטארק האָב איך ליב נגינה!" ענטפערט דער טאטע מיט א פארשולדיגטען שמייכעל אויף זיין קלוגען מילדען פּנים.

ער „באמיהט" זיך אָבער צו שווייגען נאָר ער זשעסטיקולירט מיט די הענט, מעשה דיריגענט.

אזוי פארברענגט די פאמיליע ביז שפעט אין אווענט, און גליקליכע צו־פרידענע געהט מען שלאָפען.

שבת פריה כאַפּ איך זיך אויף פון'ם ניגון מיט וועלכען מיין פאָטער אין מעביר די סדרה.

ס'איז אזוי זיס באקוועם אין א ווינטערדיגען פרימאָרגען צו ליגען אונ־טער א ווארימער קאָלדרע און הערען דעם מעלאָדישען „טראָפּ", וועלכער צוטראָגט זיך איבער אלע צימערען: „ויהי!" . . .

נאָך דעם געהט דער טאטע אין שוהל אריין, אמאָל נעהמט ער מיט דעם עלטערען אינגעלע.

די מאמע רופט אריין מיכאילאָ דעם שבת־גוי און דיקטירט איהם ווי אָנצוגעהן מיט'ן איינהייצען די הרובע.

מיכאילאָ, א יונגער שגץ, וועלכער האלט זיך פאר א גרויסען מומחה אין הייצען הרובעס גיט דעם איינדרוק ווי עס פּאַסט איהם ניט וואָס די מאמע האלט איהם אין איין דיקטירען אין זיין ארבייט. זאָגט ער, אז ער איז אן אנער־קענטער הרובע הייצער. אז מיקיטא דער באָד הייצער האָט מיט איהם פּרו־בירט קאָנקורירען, האָט מען איהם מעהר ווי איינמאָל אין ערגעץ ניט גענומען, ווייל אלע הרובעס, ווי ער האָט נאָר איינגעהייצט, זיינען זיי פארלאָשען גע־וואָרען ווי דורך א כישוף.

און אלע רופען איצט נאָר איהם, מיכאילאָ'ן.

אָט אזוי רעדט מיכאילאָ וועגען זיינע גרויסע דערפאָלגען, און קנייפּט א שטיקעל פרישע חלה מיט די פינגער און טונקט עס אין פאסאָליעס־צימעס.

מיט אָט דעם מאכל וואָס זי איז איהם מכבד, מאכט די מאמע, אז דער „קינסטלער" זאָל צו אונז קומען דאָס ערשטע איינצוהייצען די הרובע.

ער האָט שטארק ליב פאסאָליעס־צימעס מיט קוילעטש, און מעגען איהם אנדערע צוזאָגען גאָלדענע בערג, וועט ער צו זיי ניט געהן, ביז ער הייצט ניט איין אין אונזער הרובע.

אָט אזא כוח האָט עס דער צימעס מיט'ן קוילעטש.

שבת שטעהען מיר יונגווארג אויף שפעט, מיר פּוצען זיך אויס אין אונ־זערע שבת'דיגע קליידער, און די מאמע גיט אונז א שבת'דיגען פרישטיק, מיט פרישען שמעקעדיגען האָניג לעקאך.

עס נעהמט לאנג ביז מיר עסען ווארימעס, ס'איז דערפאר וואָס דער טאטע זאמט זיך לאנג ביים דאווגען.

מיר ווערען גוט הונגעריג און ווארטען שוין מיט אומגעדולד אויף זיין קומען אָבער, מ'זעהט ניט און מ'הערט ניט.

ענדליך, באווייזט זיך דער טאטע, עפּעס זעהר אין א פרעהליכער שטימונג. „דאָס געהט ער מסתמא פון א קידוש" זאָגט די מאמע.

— גוט שבת ! — רופט אויס דער טאטע און כאפּט ארום די מאמע ווי צו קושען. זי דרייט זיך אָבער גלייך ארויס פון זיינע אָרעמס.

— וואָס איז די גדולה, און פארוואָס ביזטו געקומען אזוי שפּעט? — פרעגט זי ברוגז'לעך.

— די גדולה איז, וואָס משה יאָסל'ס האָט זיך געקויפט א טכוירענעם טולופּ, און ווייל ער האָט אונז צוליב דעם פאררופען עטליכע פריינט אויף קידוש, בין איך געקומען שפּעט — ענטפערט דער טאטע.

ענדליך זעצט מען זיך אויס צום טיש, און די מאמע דערלאנגט דאָס עסען. אלע עסען מיט גרויס אפּעטיט, חוץ דעם טאטען. ער האָט שוין דאָרט אויפ'ן קידוש, צוגעביסען מיט א פּאָר קוגלען פון מעהל מיט שמאלץ און לאָקשען. מיט א פּאָר צימעסען פון מערען, פלוימען און „ראבע" פּאסאָ־ליעס, איז ער שוין זאט . . .

פריהלינג

דער ליבער גאסט פריהלינג איז שוין דאָ.

יונג און אלט האָבען דערווארט אָט דעם חשוב׳ן גאסט מיט אומגעדולד און בענקשאפט.

יונגוואַרג מיט׳ן פארלאנג צו שטיפען, הוליען, שפילען אין פארשידענע ספאָרט־שפילען, זיך באָדען א. ד. ג.

אלטע האָפען אויסצווארימען דעם רהומאטיזם און אנדערע אָנשיקע־נישען, וואָס קומען אויף די עלטערע יאָהרען.

די ווארימע געטרייע זון־שטראלען דרינגען אריין דורך די פענסטער און פאָרהאנגען און ווארימען, גלעטען די הערצער פון אלט און יונג מיט זייער מוטערליכער געטריישאפט.

די לופט איז פול מיט פריהלינג־געזאנג, און עפּעס וועקט, ברויזט, רופט, דערמאָנט אין די ניט וויט פארגאנגענע קינדער יאָהרען אין א ווייטען, ווייטען לאנד!

עס דערמאָנט זיך דאָס היים־שטעטעל. מיר געהען עטליכע קינדער צו דער פיזשופקער מיהל זיך באָדען אין „טוטש״, מיר כאפּען זיך אריין בגנבה דער פארוואלטער זאָל ניט וויסען.

דאָס וואסער שלאָגט מיט א מורא׳דיגער קראפט, דער טומעל איז גרויס און אָט עפענט זיך די טיר און . . . עס באוויזט זיך דער פארוואלטער!

עס ווערט א געלויף, מ׳שטופּט זיך אלע צו דער טיר, מ׳לויפט ווער אין איין שוך, אין איין זאָק, ווער אין גאנצען אָהן זאָקען.

א סך בעסער איז דאָס באָדען זיך אין דניעסטער. מ׳באדארף פאר קיינעם ניט מורא האָבען. ס׳איז א פרייער פארגעניגען אָהן מורא מ׳זאָל אין מיטען דערינען ארויסטרייבען!

דאָס צוקומען צום דניעסטער איז נאָך מעהר פארגעניגען ווי דאָס באָדען זיך.

פריהער געהט מען פארביי א שטיק וועג, וואָס איז שטארק זאמדיג, אָנגעגליהט פון דער זוהן און בריהט די באָרוויסע פיס ווי מיט פייער!

דאן ציהט זיך אוועק א שמאָלע אלייע פון הויכע ווערבעס, וואָס אויבען פלעכטען זיי זיך צונויף און אונטען קען מער ווי איין מענש ניט געהן!

עס שלענגעלט זיך אוועק אזוי ווייט ווייט און די ערד איז דאָרטען קיהל און פייכט, ווייל די זון קען אהין קיינמאָל ניט צוקומען!

אָט דער שפּאַציר, וואָס פאָדערט זיך אדורכצומאכען דורך דער שמאָ־לער אַלייע איז אַן און פאַר זיך זעהר אַן אינטערעסאַנטער. עס נעהמט אַ האַלבע שטונדע ביז מ׳געהט עס אַדורך.

דער ברעג איז באַדעקט מיט פאַרשידענאַרטיגע, פאַרשידענקאָלירטע שטיינדלעך.

פאַראַן דינע פלאַכע שטיינדלאַך מיט וועלכע מ׳קען מאַכען „קאַטשקע־לאַך״: מ׳וואַרפט עס אַריין אין וואַסער, שווימט עס אַרויף אויף דער אויבערפלאַך און ווערט פאַרשוואונדען, אויסזעהענדיג ווי אַ קאַטשקעלע. מיט קיין קיילעכדיגען שטיינדעל קען מען עס ניט מאַכען; עס פאַלט אַריין אין וואַסער און קומט מעהר ניט אַרויף.

אין די פרייטאָג׳דיגע טעג נעמט מען מיט צום באָדען זיך פרישען מאַ־לאַי באַשמירט מיט שמאַלץ.

אַרויסגעקומען פון באָדען זיך זעצט מען זיך אַוועק ביים ברעג און מען נעמט אַרויס דעם נאָך וואַרימען מאַלאַי, וואָס איז איינגעוויקעלט אין אַ האַנ־טוך ער זאָל אָנהאַלטען די וואַרימקייט, און מ׳לאָזט זיך וואוילגעהן!

ס׳האָט נאָך ניט געטראָפען מ׳זאָל אַרויסקומען פון באָדען זיך אין דניעס־טער און ניט פיהלען הונגעריג.

איהר מעגט האָבען אָפּגעגעסען אַ גרויסאַרטיגען מאָלצייט פאַר׳ן באָדען, וועט איהר אַלץ זיין הונגעריג נאָכ׳ן באָדען זיך, און דער מאַלאַי האָט דעם אמת׳ן טעם. איהר וואָלט זיך געמאָגט פאַרגינען צו פאַרזוכען אַ שטיקעל פריי־שען מאַלאַי מיט שטאָלץ נאָכ׳ן באָדען זיך אין דניעסטער!

אהיים געהט מען מיט באָרוויסע פיס אין טיפען גראָז, פון די האָר רינט וואַסער און עס שמעקט פון זיי מיט דניעסטער.

לעבען אַ גרויסען מיט גרינעם מאָך באַוואַקסענעם שטיין שטעהען צוויי זשאַבעס, אַ גרויסע און אַ קליינע.

די גרויסע קוקט מיט קיילעכדיג-סטאַרטשעטע אויגען און באַוועגט מיט׳ן מויל, עפענט און פאַרמאַכט דאָס מויל.

— וואָס מאַכט זי אַזוי מיט׳ן מויל? — פרעג איך דבורה׳ן, וועלכע איז מיט אַ פּאָר יאָהר עלטער פון מיר און „מוז אַלעס וויסען״.

דבורה טראַכט ניט קיין סך און ענטפערט מיט אַ זיכערען טאָן פון אַ גרויסען אויטאָריטעט:

׳ זי פאַרשילט אונז: עס זאָלען שטאַרבען אונזערע קינדער.

עס ווערט מיר שטאַרק אומעטיג פון איהר באַהויפּטונג, אָבער איך מאַך זיך האַרץ און זאָג: „מיר האָבען ניט קיין קינדער, און מיר האָבען דע־ריבער ניט וואָס מורא צו האָבען!..

ווער עס שילט יענעם ווערט אַליין פאַרשאָלטען — רופט זיך אָפּ עלקע

און גיט צו: — קומט, איך האָב פיינט צו קוקען אויף זשאבעס!

— מיין מאמע זאָגט, אז מ'רירהרט זיך צו צו זשאבעס ווערט די האנט באדעקט מיט קרעץ! — באמערקט אן אנדער מיידעל.

אלע ווארפען א בליק מיט פאראכטונג צו די זשאבעס און מ'נעמט געהן זעהר שנעל, כמעט אנטלויפען פון די אומסימפאטישע באשעפענישען.

ערב פסח . . . .

ס׳איז געווען מיט יאָהרען צוריק, אין מיין אלטער היים, אין אן ערב פסח.

די זון האָט ארומגענומען מיט איהרע געטרייע, ווארימע שטראהלען אלץ און אלעמען, די באריהמטע אישיצער בלאָטע איז שוין געווען באדייטענד צו־געטרוקענט, פאַרמירענדיג, לאנגע, ברייטע סטעזשקעס.

אינגלאך אין נייע אנצוגלאך, אין שיינענדיגע פריש־אָפגעפוצטע שיך מיט „געשוואָלענע״ קעשענעס פון ניס; מיידלעך מיט נאסע, פריש-אויסגעצוואָגענע קעפלעך, מיט רויטע און בלויע סטענגעס פארפלאָכטענע צעפלעך, נייע קליי־דעלעך און קאָלירטע פארטוכלעך האָבען געשפילט אין ניס.

עלטערע מיידעלעך האָבען ארויסגעהאָלפען די מאמעס אין קיך: געשיילט קארטאָפעל, געשטויסען מצה־מעהל אין א „סטופע״, געוואשען די פסח׳דיגע נאָר וואָס ארונטערגעבראכטע פון בוידעם געשיר, די טעלער מיט געלע קוויטען און אין מיטען א מיידעלע וואָס ווארפט פון א פארטוך קוקורוזע־זערנעס צו הינער, די רויטע, בלויע און גרינע כוסות, פלעשער און גראַ־פינקעס א. אז. וו.

איך בין דאן אלט געווען א יאָהר צוועלף.

„חנה׳לע, אָט האָסטו צווי פלעשלעך, געה צו פיני פרומע׳ס, און ברענג מיר רויטען וויין!״

אזוי ווענדעט זיך צו מיר מיין פאָטער מיט א יום־טוב׳דיג, ערב׳פסח׳־דיגער שטים.

איך בין צופרידען פון דער שליחות, ווייל איך וועל זעהן פרויקען, פיני׳ס זונדעל, צו וועלכען איך בין ניט גלייכגילטיג. פרויקע איז א שעהנער בחור׳ל, טראָגט א ווייס זיידען העמדעל און . . . לערענט גמרא!

איך האָב גרויס דרך ארץ פאר די גרויסע, שווערע ביכער וואָס זענען די לעהרע פון אינגלעך, און אין וועלכע קיין מיידעל קוקט קיינמאָל ניט אריין . . . בפרט, האָב איך דרך ארץ פאר עמיצען, וואָס פארשטעהט אין אָט די אימפּאָזאנטע, וויכטיגע ביכער.

און אויף פרויקען זאָגט מען, אז ער „קנאקט אָפּ א בלאט גמרא ווי א וואסער!״

חוץ דעם לערנט ער אויך גוט רוסיש, און קלויבט זיך צו פאָרען אין א גרויסער שטאָדט לערנען אין א גימנאזיע.

אויך ער רעדט מיט מיר גערן וועגען ביכער. גאנץ אָפט לייה איך ביי איהם עפּעס צו לייענען.

פּרויקע לערענט ביי אַן אַנגעזעהענעם מלמד, אברהם „קאָזאַק״ רופט מען איהם, און וויל זיין רבּי וואוינט, די צווייטע טיר פון אונז, האָב איך א געלעגענהייט אָפט צו רעדען מיט פּרויקען.

לעצטענס האָט זיין רבּי זיך ארויסגעצויגען, אין אַן אנדער הויז, און איך האָב שוין זייט דאַן פּרויקען ניט געזעהן.

ווען איך קום אריין אין וויינשענק, זעגען שוין דאָרטען דאָ מעהרערע קונים. ס׳איז א טומעל, א רעש, יעדער וויל וואָס גיכער איינקויפען. מ׳איילט זיך, דער פּסח איז שוין כמעט אויף דער שוועל!

פּרויקע, א צושויבערטער, אין א ווייס זיידען העמדעל, לויפט אלעמאָל אראָפּ אין קעלער און ברענגט ארויף וויין.

איך וואַרט ער זאָל אויך פאַר מיר ברענגען וויין, אָבער ער איילט זיך ניט. אנדערע גיט ער פריהער זייער באשטעלונג און מיך, וועלכע איז געקומען פריהער האלט ער אויף צום לעצט...

— וואַרטצו, זיי וועלען זיך אלע צוגעהן, וועל איך דיר אריינגעהמען ניס פון קיך — ענטפערט ער.

— ביי אונז אין מאגאזין שטעהען א סך זעקלעך מיט ניס! — זאָג איך איהם, באַרימעריש.

— אָבער די זענען בראזיליער ניס, קוקען אויס ווי המן־טאשען, און ס׳איז זיי שווער צו צוקנאַקען, — רעדט ער מיר איין, אויסרעכענענדיג די מעלות פון די בראזיליער ניס.

דערווייל זיינען זיך שוין אלע קונים צוגאַנגען און פּרויקע כאַפּט מיך אַרום, און איך דערפיהל זיין שטעכיקע באַק אויף מיין פּנים, מיט א הייסען קוש...

ס׳איז דער ערשטער קוש פון א בחור, און פון איבעראשונג ווער איך אַנגעצונדען: — ביזט א גרויסער „נאַכאַל״ (א גראָבער נפש) כאָטש דו לערנסט גמרא! — רוף איך אויס. בעת דאָס פּנים ברענט מיר פון בושה, און... עס טוט מיר גלייך באַנג, וואָס איך האָב איהם באַליידיגט, אָבער... פאַרפאַלען!

אין מיטען דעם אינצידענט, קומט ארויף פון קעלער פּרויקע׳ס פאָטער, א איד מיט א ברייטער, רויטער באָרד...

— וואָס נעמט דיר עפּעס אזוי לאַנג איהר צו געבען וויין? — פרעגט ער מיט כעס.

פּרויקע באַהערשט זיין צוטומעלטקייט — איך וויל איהר גיבען בראזיליער ניס, וויל זי ניט נעהמען — ענטפערט ער.

— אז זי וויל ניט, — איז ניט ! דו האָסט זיך אוועקגעשטעלט מיט איהר איינריידען איהר בראזיליער ניס און איך בין איינער אליין אין קעלער און קען זיך ניט צורייסען ! — בייזערט ער זיך.

איך געה אהיים מיט'ן וויין און מיט'ן ערשטען קוש פון א בחור.

מיט א פּאָר טעג שפּעטער, שיקט מיך מיין פאָטער ווידער נאָך וויין. איך שעהם זיך צו געהן; ווי וועל איך קענען קוקען פּרויקען אין די אויגען נאָך יענער פּאַסירונג ? אָבער, איך קען דאָך מיין פאָטער ניט דערצעהלען, וואָס ס'איז „די צרה" פארוואָס איך קאָן ניט געהן, געה איך.

פּרויקע דערזעהט מיך ווערט ער רויט ווי א פייער, דאָס מאָל שטעהט לעבען איהם זיין פאָטער, מאכט ער ניט קיין שמועס מיט מיר, נאָר ברענגט מיר גלייך ארויף פון קעלער דעם וויין.

אויפ'ן וועג פיהל איך, אז דאָס קוישעל אין וועלכען איך טראָג דעם וויין, איז עפּעס זעהר שווער . . .

ווען איך נעהם ארויס די צוויי פלעשלעך וויין, געפין איך דאָרטען א היבש ביסעל בראזיליער ניס ! . . .

סאמואיל

אלע זונטאָג קומט פאָר לעבען קלויסטער א טאנץ.

אויף איין זייט שטעלען זיך אויס שיקסעס, אויף דער צווייטער שקצים, און ווען איינער וויל טאנצען, ווינקט ער זיין אויסדערוועהלטער מיט אן אויג, און זי קומט אריבער, לעגט איהר האנט אויף זיין שולטער און זיי לאָזען זיך אוועק טאנצען.

ביי א זייט שטעלען זיך אויס אידישע מיידלאך און קוקען, מיט גרויס נייגעריגקייט אויף דעם טאנץ. וועלכער איז אלע מאָל דער זעלבער.

אין דער וואָך פון פאסכא (פסח) גיבען די שיקסעס זייערע קאוואליערען פיסאנקעס — אָפגעקאָכטע הארטע אייער אָפּגעפארבט אין פארשידענע קאָלירען.

זיי זיינען אָנגעטאָן גאנץ באשיידען: ער טראָגט א פּאָר שווערע שטי־וועל מיט פּאָדקאָווּעס און זי איז באָרוויס. דער שטויב איז הויך און געדיכט, אז מ׳זעהט זיך קוים ארויס. די מוזיק באשטעהט פון א טרובע מיט א פויק, עס הערט זיך כמעט נאָר די פויק, אָבער זייערע פנים׳ער שיינען פון גליק.

גרויסע צרות איז נאָר מיט איין „קאוואליער" מיט וועלכען די שיק־סעס ווילען ניט טאנצען.

דער קאוואליער איז סאמואיל. דער קליינינקער, דארינקער, אויסגעבוי־גענער, אויסגעקנייטשטער סאמואיל, שטעהט ער אין געהאקטע וואונדען און ווינקט און ווינקט מיט׳ן אויג און . . . גאָרניט. די שיקסעס מאכען זיך ניט זעהענדיג. זעהט סאמואיל אז ס׳איז שלעכט, נעהמט ער ווינקען מיט ביידע אויגען. עס העלפט אָבער ניט. דאן פארקרימט זיך זיין קליין פנים׳ל, וואָס קוקט אויס צוקנייטשט ווי אן אָפּגעבראָטענער עפּעל. און ער קריצט מיט די ציין. שקאָצים ווינקען, שיקסעס קומען אריבער, מען טאנצט, מען שוויצט, די פנים׳ער זיינען באדעקט מיט בלאָטע, די פויק ברומט, די טרובע פייפט און גרילצט — נאָר איין סאמואיל שטעהט נעבאך און פינטעלט מיט די אויגען, און מאכט עפּעס אזעלכע גרימאסען, אז מען זאָל באהיט און באַ־שירעמט ווערען . . . אָבער די שיקסעס געהען ניט צו איהם.

מיין קינדיש הארץ טוט מיר אזש וועה פאר דעם אָרימען סאמואיל׳ן:

„פארוואָס ווילען די שיקסעס ניט טאנצען מיט סאמואיל׳ן ?" פרעג איך מיין חבר׳טע.

„ווייל ער קוקט אויס ווי א מויז פון טעפּעל זויער־מילך!‟ ענטפערט זי און לאכט זיך פונאנדער.

איך גיה צו נאָהענט צו סאמואיל׳ן און קוק אין זיינע אויגען. גאָט מיי־נער, מ׳קען דאָך פּלאצען פון געלעכטער קוקענדיג אויף איהם, ווי ער זידט מיט רציחה, קריצט מיט די ציין און זידעלט זיך מיט׳ן באריהמטען רוסישען מי־שברך! . . .

אָבער איך האָב פּאָרט אויף איהם רחמנות. „ווען איך בין א שיקסע און א גרויסע, וואָלט איך געטאנצט מיט איהם‟, טראכט איך.

מיטאמאָל דערהערט זיך א טומעל. דאָס האָבען עטליכע פריינט פון סאַ־מואיל׳ן ארויסגעטריבען א שיקסע פון טאנץ, ווייל זי האָט ניט געוואָלט מיט איה טאנצען.

סאמואיל ווערט דאן אביסעל לעבעדיגער און די שיקסעס וואָס האָבען מורא פאר קלעפּ, מוזען מיט איהם טאנצען.

ס׳איז א שרעק צו קוקען אויף דעם קרבן וואָס פאלט אריין צו איהם אין די הענט. א שעהנערען לעגט מען אין דער ערד אריין, ווי די שיקסע וואָס טאנצט איצט מיט סאמואיל׳ן. ער ווייסט דאָך אז קיין פארשוין וויל מיט איהם ניט טאנצען, קלויבט ער אויס א פאָרזעהעניש מיט קרומע פיס און טאנצענדיג מיט איהר לאָזט ער אויס זיין ביטער הארץ: ער כאפט אריין זיין קרבן מיט ביידע הענט און שלעפּט זי, טראָגט זי און טרעט איהר אָפּ די פיס, מיט זיינע שווערע פּאָדקאָוועס.

ער ווייסט דאָך, אז זי טאנצט מיט איהם אויס מורא, גיט ער איהר טאקע צו פיהלען, אז זי האָט דאָס „גליק‟ צו טאנצען מיט איהם.

ס׳איז אז אָך און וועה צו איהר. זי פּאָכעט מיט דער נשמה. דאָס פּנים איז באדעקט מיט א געדיכטער בלאָטע פון שווייס און שטויב און זי שלעפּט זי דאָזוי א האלב טויטע, ביז די „מוזיק‟ בלייבט שטיל.

בערעלע וואסערפיהרער

א הויכער, בלאָנדער ברייט־פּלייציגער מאַן, מיט א פּאָר גרויע ארויס־סטארטשענדיקע אויגען איז בערעלע וואסער־פיהרער.

דאָס גאנצע שטעטעל האָט פאר איהם מורא, ציטערט ממש. ער פּאָרט מיט זיין קארטיגע און ס'קומען איהם אנטקעגען צווי חדר־אינגלאך.

די חברה זענען צופרידען, וואָס זיי זענען ענדליך פריי פון פארשטיקטען חדר און שטרענגען רבי'ן, בערעלע גיט זיי א שמייס מיט דער בייטש, איי־בער די קעפּלאך . . . די קינדער צושרייען זיך מיט א יאָמערליך געוויין, און ער פאָהרט זיך ווייטער, גלייך ווי עס האָט מיט איהם גאָרניט צו טאָן.

די קינדער וועלען אפילו זייערע עלטערען ניט דערצעהלען פון דער פאסירונג. זיי ווייסען, אז מיט בערעלען טאָר מען זיך ניט אָנהויבען . . .

אלע גנבות וואָס קומען פאָר אין שטעטעל, ווייסט מען אז בערעלע האָט אין דעם א האנט. ער דערצעהלט אליין ווי קונציג ער מאכט א שטיקעל ארבייט.

„איך געה מיר אזוי אין דער קאָוועלישער גאס, און זעה ווי שרה זעל־דעס האָט אָפּגעבענשט ליכט און איז ארויסגעקומען אויפ'ן גאניק קנאקען קערלאך. איזן איין מינוט בין איך דורך דער אונטער טיר, אריין אין שטוב און האָב א כאפּ געטאָן די לייכטער! ס'איז מיר נאָר געוועזן פריקרע זיי אויסצולעשען, נאָר ליכט בענשען, איך בין דאָך פאָרט א איד"! . . .

אזעלכע און ענליכע געשיכטעס דערצעהלט בערעלע.

ער קומט אריין צו א בעל הבית, און מאָהנט 3 קערבלאך.

„וואָס הייסט, איך זאָל דיר געבען געלט, איך בין דיר עפּעס שולדיג?" פרעגט איהם יענער.

בערעלע'ס אויגען גיסען זיך אָן מיט בלוט: „ווילסט עס זאָל דיך קאָס־טען טייערער" . . . פרעגט ער פּיל־באדייטענד.

יענער כאפּט ארויס א דרייערעל און גיט איהם.

— „נא, נעהם דאָס געלט, מאך זיך ניט נאַריש איך האָב געשפּאסט!"

ווען ער געהט אוועק בייזערט זיך די פרוי אויף איהר מאַן: בערעלען שטעלט ער פראגעס, זיי צופרידען וואָס ער מאָנט ניט 5 קערבלאך!"

געהט א מיידעל מיט א בחור אין גאס און דערזעהט פון ווייטענס בע־רעלען, גיט זי זיך א פארקירעווע אָן א זייט. זי ווייס אז בערעלע וועט א זאָג טאָן א וויץ, פון וואָס ס'וועט זיי אזוי פינסטער ווערען אין די אויגען, אז זיי וועלען ניט זעהן דעם וועג וואוהין צו געהן ווייטער . . .

ווען בערעלע קומט צו מיט'ן וואסער צו א באלעבאָסטע און די טיר איז געשלאָסען, גיסט ער אויס די וואסער ביי דער טיר, און עס ווערט א גאנץ פיינע בלאָטע.

בעט זיך ביי איהם די באלעבאָסטע, ער זאָל עס מעהר ניט טאָן, זי וועט איהם סיי ווי באצאָהלען, אָבער ער ענטפערט: „איך האָב פיינט יענעמס״ . . און ער טוט עס ביי א צווייטער געלעגענהייט ווידער.

ווען זיין פרוי, האָט בערעלען געבוירען א זוהן, האָט ער איהם א נאָמען געגעבען נאָכ'ן גרעסטען נגיד פון אישיצע, משה־דוד. „זיי בריקען זיך די נגידים, ס'שטעהט זיי ניט אָן וואס בערעלע'ס בנ'אק וועט טראָגען דעם נאָמען משה־דוד, אָבער איך האָב זיי אלע אין דער ערד, איך וועל מיינע קומענדיגע קינדער אויך געבען די נעמען נאָך די נגידים!״ רייצט ער זיך מיט די בעלי־בתים.

„מילא, וואָלסטו שוין קיין ערגערס ניט געטאָן״ . . . וואגט א איד א זאָג צו טאָן, און בערעלע גיט אויף איהם א בליק מיט די אויגען, פון וואס דעם אידענ'ס פנים ווערט באדעקט מיט א טויטער בלאסקייט . . .

איך בין געווען א קינד פון א יאָהר פערצעהן, ווען מען האָט מיך ארויסגעשיקט מיט א צעטעל פון א וואָלטעטיגען פאראיין, זאמלען געלט ביי די מיטגלידער.

ס'איז געווען א קאלטער ווינטער טאָג, און איך בין געווען פארנומען דעם גאנצען טאָג, ביז שפעט אין אווענט.

צווישען די פילע טירען, וואָס איך האָב געעפענט, האָב איך דורך א טעות געעפענט א טיר, וואס האָט געפיהרט אין א טונקעל רויכיג הויז. ס'איז דאָרט ניט געווען פיל וואָרימער ווי אין דרויסען.

אויף דער נאסער ערד האָבען זיך געוואלגערט דריי קינדער, צווישען זיי דער געוויסער משה־דוד.

א טונקעלע, דארע, צעשויבערטע פרוי מיט רויטע באקען און קרענקליך גלאנציגע אויגען האָט מיך באגעגענט.

דער ריח פון קויטיגע וועש און רויך האָט געשטיקט אין האלז, און איך האָב זיך שטארק פארהוסט . . .

איך האָב באטראכט וואוהין איך בין פארקראָכען זאמלען געלט פאר אָרימע!

— „איך האָב געהאט א טעות״ האָב איך געזאָגט צו דער פרוי און האָב זיך געלאָזט געהן, אָבער דאָ האָט זיך געעפענט די טיר, און עס איז ארייגעקומען . . . בערעלע, איך בין געבליבען שטעהן א פארציטערטע פון שרעק.

„וואָס ווילסטו?״ האָט ער א דונער געטאָן מיט זיין הייזעריגער באסאָווער שטימע.

„איך . . . כ'האָב געמאכט א טעות, איך האָב געמיינט, אז פייגע חיה'ס וואוינט דאָ, בין איך געקומען נעהמען וואָכען־געלט פאר'ן פאראיין" . . . ענטפער איך מיט א ציטערדיגער שטים און האלט זיך קוים איין פון אויס־שיסען א געוויין.

—„און וואָס איז דאָס פאר א מגילה?!" . . . — און ער רייסט ארויס דאָס צעטעל פון מיינע הענט.

— „דאָס זיינען די נעמען פון די פרויען וואָס צאָהלען וואָכען־געלט", ענטפער איך.

— נו. און מיין פרוי איז ניט קיין מענטש, פארוואָס איז זי אויך ניט פארשריבען צווישען אלע ! — א רוח אין אייערע טאטעס אריין... צו מיר קומט מען נאָר דורך א טעות !" בייזערט ער זיך און ווענדעט זיך צו זיין פרוי :

„רחל ! אויפ'ן קוימען ליגט א גריוונע (10 סענט) גיב עס איהר" . . .

די פרוי ברענגט מיר א זילבערנע מטבע.

„וויפיל זאָל איך אייך ארויסגעבען רעשט?" : פרעג איך, וויסענדיג, אז אנדערע צאָלען 3 און 2 קאָפּיקעס.

„איך בין דיר מוחל, גיב מיר ניט קיין רעשט, ווען איך וועל פטור ווערען פון מיין ביטערער פרנסה, וועל איך צאָהלען נאָך מעהר, און מיין רחל'ען זאָלט איהר מאכען פאר „פרעדסעדאטעלניצע'!' (פאָרזיצערין) ענט־פערט ער.

איך געה ארויס מיט דער גרעסטער ביישטייערונג — פון בערעלע וואַ־סער-פיהרער ! ! !

דער טאנץ מייסטער

כ׳בין דאן געווען א יונג מיידעל, ווען מיין ברודער איז איינמאָל געקומען מיט א בשורה, אז ער לערנט זיך טאנצען ביי א רומענישען טאנץ מייסטער — א דעזערטיר פון דער רומענישער ארמיי, און ער האָט מיר פאָרגעשלאָגען, אז איך זאָל אויך געהן צום טאנץ מייסטער זיך אויסלערנען טאנצען.

איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון אָט דעם פארגעניגען זאָגענדיג מיין ברודער, אז דאָס טאנצען אינטערעסירט מיך ניט.

מיט א פאָר וואָכען שפּעטער קומט אריין מיין ברודער מיט א הויכען, ברייטפּלייציגען בחור, וועלכען ער שטעלט פאר מיר פאָר אלס דעם רומעני. שען טאנץ־מייסטער. יענער גיט א דרוק מיין האנט אזוי שטארק, אז איך האלט זיך קוים אָפּ פון אויסשרייען: „אוי״

— קומט צו מיר אין קלאס, איך וויל אייך לערנען טאנצען! ווענדעט זיך צו מיר דער גאסט גלייך אָהן צערעמאָניעס.

— איך בין ניט פאראינטערעסירט אין טאנצען — ענטפער איך איהם, אָבער ער נעמט זיך רעדען און איינרעדען מיר אז טאנצען איז זעהר א וויכ־טיגע קונסט, אז א מיידעל מוז קאָנען טאנצען; אז א מענש וואָס קען ניט טאנצען איז נאָך זיין מיינונג, ניט ווערט דעם נאָמען מענש! . . . און גלייך גיט ער א כאפּ מיין ברודער, און זיי לאָזען זיך ביידע אוועק אין א ווענגערקע.

וואָס אמת איז אמת! איך האָב נאָך טאָקע אזא טאנצען קיינמאָל ניט געזעהן! אפילו אין די „קינאָ״ (מאָוויס) האָב איך נאָך ניט געזעהן אימע־צען אזוי שעהן טאנצען, ווי דעם רומענישען טאנץ מייסטער!

איך בין ווירקליך פארכאפּט געוואָרען פון דעם וואָס כ׳האָב געזעהן! אויך מיין מוטער איז געשטאנען און געקוקט ווי א פאר׳כשופ׳טע.

אָפּגעטאנצט נעמט זיך דער חברה׳מאן דערצעהלען זאכען און מעשות, וואָס אפילו א קינד קען פארשטעהן, אז זיי זיינען ניט געשטויגען און ניט געפלויגען, אז אלעס איז אויסגעטראכט און קלעפּט זיך ווי אן ארבעס צו דער וואנט. נאָך מעהר, עס איז קענטיג, אז ער אליין ווייסט אויך, אז מ׳גלויבט ניט אין זיינע געשיכטעס, אָבער ער רעדט, דערצעהלט, האקט א טשייניק, אז ס׳איז א שרעק צו הערען און זעהן, ווי א דערוואקסענער מענש קען זיך אזוי נאריש מאכען! . . .

מיין מוטער קוקט צו מיר מיט אויגען, ווי מ׳פרעגט „וואָס איז דאָס

פאַר אַן אַנשיקעניש?" און איך קוק צו איהר ווי מ'ענטפערט: „וואָס פרעג־סטו מיך ? פרעג מאיר'ן — ער האָט איהם געבראַכט, ניט איך!"

ווען ער געהט ענדליך אוועק, ווענדעט זיך מיין מוטער צו מאיר'ן: „וואָס פארא שלעק ברענגסטו מיר אין הויז אריין ? ער איז דאָך עפּעס א שטיק משוגענער אָט דער בחור, וועסט מיר איהם נאכאמאָל ברענגען וועל איך דיך ארויסווארפען מיט איהם צוזאמען !"

איך האָב איהם ניט געבראַכט, ער האָט מיך געבראַכט. איך לערן זיך ביי איהם טאנצען. ווען איך בין אהיימגעגאנגען זאָגט ער: „איך געה אויך מיט אייך, איך האָב געהערט פון מיינע שילערס, אז איהר האָט זעהר א פיינע שוועסטער, וויל איך זיך מיט איהר באקענען ! וואָס האָב איך געזאָלט זאָגען ? „איך וויל אייך ניט באקענען מיט איהר?" אזוי האָט געענטפערט מיין ברודער אין זיין פארטיידיגונג און ער גיט צו: איך האָב ניט געוואוסט, אז ער איז אזא נודניק !"

איינמאָל, ווען מיין ברודער איז געווען אין טאנץ זאַל, האָט מיך דער טאַטע געשיקט איהם רופען.

דער טאנץ זאל איז געווען ביי גאָלדע גיצי'ס, ניט ווייט פון אונז. איך האָב דאָרט געטראָפען א פולע הויז מיט יונגע בחורים און מיידלאך, וועלכע האָבען געטאנצט, אז עס איז אזש געגאנגען א רויך !

דער טאנץ מייסטער טאנצט מיט לייצי בערעזין. א יונגע בלאָנדע שעהנ־הייט און אָט האָט זי געמאכט א פאלשע „פאַ" גיט ער זי א דריגע מיט'ן פוס, אז עס האָט איהר געדארפט פארגעהן אין דער זיבעטער ריפּ.

דער אפעטיט צום לערנען זיך טאנצען, איז שוין דאן פון מיר אין גאנצען פארשוואונדען, אויב ס'איז פריהער עפּעס געווען פון דעם . . .

איך געה ארויס מיט מיין ברודער און דער טאנץ מייסטער געהט אונז נאָך . . .

איך טראכט: „וואָס וועל איך טאָן אויב מיין פאָטער וועט איהם זעהן מיט אונז געהן?" זאָג איך איהם: איהר האָט איבערגעלאָזט אייער קלאַס" . .

—ס'איז גאָר ניט, זיי זיינען שוין געוואוינט צו דעם — ענטפערט ער און גייט נאָך . . . מיר געהן אריין אַין הויז, ער געהט נאָך . . . מיין ברודער זעצט זיך אוועק מיט זיין לערער און דער טאנץ מייסטער מיט מיר. עס נעמט ניט לאנג און . . . ער נעמט דערצעהלען מעשות, ווי מיידלאך האָבען זיך אין איהם פארליבט, ווי זיי זיינען באגאנגען זעלבסטמאָרד, ווייל ער האָט ניט געענטפערט אויף זייער ליבע און אַזוי ווייטער און אזוי ווייטער. מיין פאָטער זיצט ביים טיש, און קוקט ניט אויף איהם נאָר אויף מיר ! . . .

„קאָנטיג אז ער האָט מורא איך זאָל חלילה ניט נאָכטאָן יענע מיידלאך״, טראכט איך.

אָבער מיט אמאָל באמערק איך, ווי ער שטיקט אין זיך דאָס געלעכטער וואָס רייסט זיך מיט א שטארקער קראפט — דאָס געלעכטער וואָס איז כאראקטעריסטיש פאר דעם, וואָס האָט א שארפען חוש פאר הומאָר.

ענדליך געהט דער גאסט אוועק.

וואָס פארא שלעק ברענגט מען מיר אין הויז? וואו האָט ווער געפונען דעם פארשוין ? — פרעגט דער טאטע און בייזערט זיך און לאכט אַזוי, אז טרערען קומען אין זיינע אויגען . . .

מיין ברודער פארענטפערט זיך ווידער :

כ׳האָב איהם ניט גערופען, ערווארט ניט מ׳זאָל איהם רופען. ער קומט אריין אין נאָך א סך הייזער, וואו מ׳איז איהם זעהר ווייניג גערן . . .

מיט א פּאָר וואָכען שפּעטער קומט אריין צו אונז א קליין מיידעלע און זאָגט מיר : דער טאנץ מייסטער האָט אייך זעהר געבעטען איהר זאָלט צו איהם קומען! . . .

מיינע עלטערען קוקען מיך אָן פארוואונדערט . . .

איך קוק אויף דעם מיידעלע פארוואונדערט און פרעג : „ווּעמע׳ס ביסטו ?״

— איך בין הערש בלעכער׳ס, און דער טאנץ מייסטער שטעהט איין ביי אונז.

— וואָס דארף מיך דער טאנץ מייסטער ?

ער איז קראנק און קען צו אייך ניט קומען, אָבער ער בעט אייך זעהר איהר זאָלט קומען!

ווען איך קום אריין צום טאנץ מייסטער, זאָגט מיר זיין באלעבאָסטע, אז זי האָט קליינע קינדער און האָט מורא זיי זאָלען זיך ניט אָנשטעקען פון קראנקען מיט טיפוס . .. איהר ווייסט אז ס׳איז זעהר אנשטעקענד און איך האָב קליינע קינדער, האָב איך איהם געראטען ער זאָל אייך רופען, און בעטען איהר זאָלט עפּעס טאָן פאר איהם. ער זאָגט, אז איהר זענט זיין בעסטע פריינדין . . .

איך געה אריין אין צימער וואו ער ליגט און זעה אז ער איז גוט אין דער ארבייט. דאָס פּנים רויט, די אויגען פארגלאָסען און ער ציטערט פיבערדיג.

— איהר מוזט מיר העלפען, כ׳האָב דאָ קיינעם ניט, איך בין עלענד און קראנק, מיין באלעבאָסטע האָט מורא איך זאָל ניט אָנשטעקען איהרע קינ־דער. איהר זענט מיין איינציגע פריינדין, פריהער גאָט נאָכדעם איהר. און ער הויבט אָן וויינען . . .

איך זעה פאר זיך אן עלענדען, אומגליקליכען מענשען. א מענש וואָס

האָט ערגיץ אין רומעניען א מאמען, א טאטען, שוועסטער, ברידער, אָבער ער קען זיי ניט שרייבען, און זיי איהם — אויך ניט. זיי וויסען אפילו ניט איינער פון צווייטען וואו זיי געפינען זיך אין איצטיגען מאָמענט!

וואָס טהוט מען מיט איהם? ווער וועט וועלען אריינלאָזען א טיפוס קראנקען צו זיך אין הויז? טאָמער איז עס ווייניג זאָגט ער מיר, אז ער פארמאָגט ניט אפילו קיין איינציגע קאָפּיקע...

איך וועל זעהן, וואָס איך קען טאָן פאר אייך — ענטפער איך איהם און געה אהיים און דערצעהל די געשיכטע מיינע עלטערן.

צוערשט געה זוך אויס פאר איהם א צימער, וואו עס זענען ניטאָ קיין קליינע קינדער, נאָכדעם וועסטו זעהן וואָס צו טאָן ווייטער — זאָגט מיין מוטער.

איך לאָז זיך ארויס אין שטעטעל זוכען א צימער, אָבער אין שטעטעל בושעוועט די טיפוס עפּידעמיע, און יעדער איינער איז פארנומען מיט זיך. כמעט אין יעדען הויז איז פאראן א קראנקער אָדער צוויי קראנקע, כמעט אין יעדען הויז זיצט מען שבעה...

ענדליך האָב איך גע׳פּועל׳ט ביי די מענשען וואו ער האָט געהאט דעם טאנץ קלאס, זיי זאָלען איהם אריינגעהמען.

דאָס פאָר פאָלק זיינען געווען שוין צוויי עלטערע מענשען, און טאקע שטיקלעך קרובים מיט אונזער פאמיליע, האָבען זיי מיר ניט געקענט אָפּזאָגען, און האָבען צוגעשטימט איהם אריינצונעמען צו זיך.

איך בין געקומען צוריק, און האָב גענומען דעם קראנקען טאנץ מייסטער אונטערן אָרעם, און איבערגעפירט צו מיינע קרובים די אלטע לייט.

טאָמער איז עס ווייניג איז נאָך געווען א גאנץ טיפּע בלאָטע צו יענער צייט און עס האָט צוגערעגענט.

נאָכדעם ווי גאָלדע מיט איהר מאנ׳ס הילף האָבען אוועקלעגט דעם חולה אין בעט, בין איך אוועק צו דעם קאָמיטעט, וואָס האָט זיך דאן געגרינדעט אין שטאָט צו העלפען קראנקע מיט מעדעצין און דאָקטאָר. כ׳האָב גלייך געקראָגען אן אָנווייזונג פאר׳ן דאָקטאָר און פאר רפואות פאר מיין חולה.

מיין מוטער האָט זיך צו מיר געווענדעט מיט פאָלגענדע ווערטער: „דו האָסט שוין געטאָן פאר איהם דיין חלק, איצט זאָלען די קאָמיטעט מיטארבייטער אויף איהם אכטונג געבען״. איך האָב איהר צוגעזאָגט מעהר ניט צו געהן צו איהם וויסענדיג, אז די קראנקהייט איז זעהר אנשטעקענדיג.

מיט א פאָר טעג שפּעטער קומט אריין אונזער קרובה גאָלדע גיציס און זאָגט, אז דער טאנץ־מייסטער איז היינט זעהר קראנק, און ער וויינט אין בעט, אז חנה זאָל צו איהם קומען!

מיין פאָטער קוקט זיך איבער מיט מיין מוטער . . .

—איהר פארשטעהט דאָך, אז פאר חנה׳ן איז געפערליך צו געהן צו א טיפוס קראנקען, ס׳איז דאָך א זעהר אנשטעקענדע קראנקהייט, און ביי אונז זענען אויך דאָ קליינע קינדער — ענטפערט איהר די מאמע.

— אָבער ער וויל דאָך ניט נעמען דעם רעצעפּט (מעדיצין) נאָר איין קול : איך זאָל איהם רופען חנה׳ן ! — ענטפערט גאָלדע.

מיין פאָטער קוקט זיך ווידער איבער מיט מיין מוטער און איך . . . נעם דעם מאנטעל און לאָז זיך צו דער טיר . . .

— וואוהין געהסטו ? — פרעגט דער טאטע.

איך שוויינ א ווײלע . .. אָבער איך קריג קוראזש :

—איך געה צום עלענדען קראנקען וואָס רופט מיך ! — ענטפער איך און קוק איהם גלייך אין פּנים.

— ווילסט מיר זאָלען חלילה אלע קראנק ווערען ? — פרעגט די מאמע.

— ניין, מיר וועלען ניט קראנק ווערען, גיכער וועלען מיר קראנק ווערען, ווען מיר וועלען ניט רחמנות האָבען אויף קיין עלענדען קראנקען — ענטפער איך און געה אוועק מיט גאָלדע׳ן.

— שטעה דאָרט ניט נאָהענט צו אהים, האָב אויף אונז רחמנות ! — שרייט מיר נאָך די מאמע.

— טו אָן די קאלאָשען — שרייט מיר נאָך דער טאטע.

ווען מיר קומען אריין, דרעהט דער קראנקער אוועק דעם קאָפּ, ווי א קאפּריזנע קינד און וויינט.

— וואָס וויינט איהר ? — פרעג איך איהם.

— איהר האָט מיך איבערגעלאָזט אליין, און איהר זענט ניט געקומען — ענטפערט ער.

די אלטע פרוי גיט איהם דעם רעצעפּט, אָבער ער וויל ניט נעהמען. זי וויל מיך סמ׳ען טענה׳ט ער . . .

— פאר וואָס זאָל זי אייך וועלען פאר׳סמ׳ען ? — פרעג איך.

— כדי צו ירש׳ענען זיין גרויסען פארמעגען !—ענטפערט מיר גאָלדע. איך לאד זיך פאנאנדער און אויך גאָלדע לאכט.

דער קראנקער קוקט אויף אונז און קרימט די ליפּען אויף א שמייכעל, פון וואָס עס באקומט זיך א בילד ווי פון איינעם וואָס מ׳האָט נאָר וואָס אויס־געגראָבען פון קבר און ער שמייכעלט.

איך דערמאָן זיך ווי וואונדערליך ער האָט אויסגעזעהן, בעת ער האָט געטאנצט, א פרעהליכער, א געזונטער און עס טוט מיר שטארק וועה דאָס הארץ פון רחמנות צו איהם.

צו יענער צייט איז איינער פון די אישיצער נגידים, דוד געלמאן, גע־

ווען קראנק אויף טיפוס, און מ׳האָט צו איהם געבראכט א פּראָפעסאָר פון אן אנדער שטאָט.

איך האָב געבעטען דעם קאָמיטעט צו ברענגען דעם פּראָפעסאָר אויך צו מיין טאנץ־מייסטער, און זיי האָבען מיר באוויליגט מיין בקשה.

דער פּראָפעסאָר האָט גוט באטראכט דעם חולה און . . . אויפגעגעבען.

עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז חוץ טיפוס, איז צוגעפאלען אויך פּאָקען, און דערצו זענען זיינע לונגען אויך אָנגעגריפען, אזוי האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר . . .

מיינע עלטערען האָבען אויף מיר געשריען, איך זאָל מעהר צו איהם ניט געהן, ווייל איך וועל זיך אָנשטעקען, אויב ניט פון טיפוס, איז פון פּאָקען זיכער. איך האָב אָבער געטאָן דאָס מייניגע. איך בין געווען זיכער, אז ער האלט שוין אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען און האָב עס געהאלטען פאר מיין חוב צו טאָן פאר איהם אלץ וואָס איך קען. ער האָט אָבער אָפּגעטאָן דעם פּראָפעסאָר א שפּיצעל און זיך גענומען בעסערען און איינמאָל, ווען איך בין אריינגעקומען צו איהם אין א פריהמאָרגען האָב איך איהם געטראָפען זיצען אָנגעטאָן ווי א מענש מיט לייטען גלייך.

איך בין אהיימגעקומען און מיט גרויס פרייד האָב איך געזאָגט צו מיי־נע עלטערען.

— איהר ווייסט פארוואָס מיר זענען כמעט די איינציגע פאמיליע אין שטעטעל, וואָס האָט ניט געליטען פון טיפוס? — ווייל איך האָב געהאָל־פען אן עלענדען, און ווען איהר זאָלט מיך טאקע געווען צווינגען ניט צו געהן צו איהם, וואָלט זיכער געווען אנדערש! . . .

מיט עטליכע יאָהר שפּעטער, ווען איך בין געווען אין בעסעראביע, האָב איך געהערט, צווישען באקאנטע, האָט מען זיך צערעדט וועגען עפּעס א טאנץ־מייסטער, וואָס איז א באוואוסטער ליגנער. צווישען די גאָר גרויסע ליגענס האָט מען אָנגעגעבען א געשיכטע, אז בעת ער איז געווען קראנק אויף טיפוס און פּאָקען האָט א מיידעל זיך פאר איהם מקריב געווען און איהם ארויסגעשלעפּט פון אלע צרות.

איך האָב זיך דאן איבערצייגט, אין דער ריכטיגקייט פון דעם ווער־טעל, אז „א ליגנער ווען ער זאָגט שוין אמאָל אן אמת, גלויבט מען איהם אויך ניט״ . . .

מענדעל דער רופא

א מיטעליעהריגער איד, מיט א גרוי בערדעל און אין ברילען, אנגעטאן אין קורצע קליידער, מעשה אינטעליגענט — דאס איז דער אישיצער רופא.

אין שטעטעל האלט מען פון מענדעל דעם רופא זעהר שטארק. מ׳זאגט אויף איהם, אז ער ווייסט מעהר פון שטאטישען דאקטאר פיסטערמאן.

מ׳זאגט אויך, אז אין זיינע יונגע יאהרען האט ער געלערענט אין אדעס.

דאס שטעטעל האלט פון דעם רופא זעהר פיל, אבער אממערסטען האלטען פון איהם די פרויען. מענדעל דער רופא רעדט זעהר ווינציג, און דערפאר קענען די פרויען איהם דערצעהלען לאנגע געשיכטעס וועגען זייערע קריינקס פון וועלכע זיי ליידען און די קרענקס וואס זיי האבען אמאל, מיט 22 יאהר צוריק, געליטען, און וועגען זייער שוויגער וואס פיהלט אויך עפעס ניט מיט אלעמען, און ווי דער מאן איז אן אפגעלאזטער מענש און לאזט קיינמאל ניט רופען דעם רופא סיידען אז „עס קומט שוין צו גרויסען״.

מענדעל זיצט שטיל און הערט אויס די לאנגע מעשיות, שלאגט ניט איבער מיט קיין ווארט. מעגליך, אז ער טראכט גאר פון עפעס אנדערש, און די מעשיות געהען איהם אין איין אויער אריין און פון אנדערען ארויס, אבער אזוי לאנג ווי ער שוויגט, ארט עס ניט די ווייבער . . .

מענדעל רעדט ארויס א פאר ווערטער נאר אין א סכנה. ווען ער קומט אריין צו א חולה מסוכן און ער וויל אויף זיך ניט שטעלען, דאן זאגט ער : „רופט א דאקטאר״. וויל מען וויסען פון איהם נאך עפעס און מען פרעגט איהם, איז רעדט צו דער וואנט ענטפערט זי ? — אזוי ענטפערט מענדעל.

ווען ער קומט אריין און ביים אוועקגעהן, גיט ער א שאקעל מיט׳ן קאפ און א ברום מיט די ליפען, אויף וואס מ׳ענטפערט איהם „גוט מארגען״, „גוט יאהר״ און „א גוטען טאג, א גוט יאהר״.

שכנים זאגען, אז עס הערט זיך אפט דורך די פענסטער זיין פרוי׳ס אויפגערעגטע שטים : „מענדעל, שעלט מיך אין טאטען, אבער זאג עפעס, גזלן !״

אויך זי, זיין פרוי, איז א שטיקעל „ווייסערקע״ און מ׳רופט זי אפט צו א חולה.

זי רופט מען אבער צו שטעלען באנקעס, אדער אויסשמירען א האלז.

ווען דער חולה האט היץ, רופט מען שוין ניט מעניע׳ן, נאר מענדלען.

און מ׳ווערט טאקע פון איהם געהאָלפען, צי פון זיין מעדיצין וואָס ער פארשרייבט, צי פון זיין שווייגען, אָבער מ׳פיהלט גלייך בעסער.

איינמאָל האָט זיך מיין פאָטער באקלאָגט אויף זיין פלייצע אז עס טוט איהם וועה. די מאמע האָט געוואָלט רופען דעם דאָקטאָר און דער טאטע — מענדלען.

נאָך א לאנגען שפארען זיך, האָט מיין פאָטער אויסגעפיהרט.

מ׳האָט געבראכט מענדלען.

עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז עס איז א מכה, וועלכע איז אויפ׳ן אויס־זעהן קליין, אָבער די וועהטאָגען זיינען שרעקליך. מענדעל האָט אויסגעהערט דער מאמע׳ס לאנגע מעשה, ווי זי האָט געוואָלט רופען דעם דאָקטאָר און ווי ער, דער טאטע, האָט ניט געוואָלט, און ווי ער איז „געקומען צו גרויסען״, א. אז. וו.

— איך וועל עס האקען ! — האָט מענדעל ארויסגעזאָגט עטליכע ווער־טער מיטאמאָל, וואָס האָט געמיינט, אז ער נעהמט אָן דעם טאטע׳ן פאר א געפערליכען חולה, אנדערש וואָלט ער ניט גערעדט.

ס׳איז געוואָרען א טומעל, א רעש, ס׳זיינען זיך צונויפגעקומען קרובים, פריינט און שכנים.

איניגע האלטען, אז מענדעל זאָגט „האקען״ — זאָל מען האקען, אנ־דערע ווידער זאָגען, אז מען דארף זיך בעראטען מיט א דאָקטאָר. עס האָבען זיך געשאפען צוויי צדדים, וועלכע האָבען זיך געקאָכט און געשריען, אָבער העכער פון אלעמען האָט געשריען דער חולה.

ענדליך האָט מען געבראכט דעם דאָקטאָר.

ער האָט עקזאמינירט דעם קראנקען און ערקלעהרט, אז מ׳מוז וואר־טען א פאָר טעג, אָבער ווען ער איז אוועקגעגאנגען, האָט דער טאטע גע־נומען שרייען אז מענדעל זאָל „האקען״. מ׳האָט מענדלען געבראכט.

מענדעל האָט אויפגעעפנט זיין וואליזקע, ארויסגענומען די אינסטרומענ־טען און נאָך דעם ווי ער האָט גוט ארומגעוואשען דעם באטרעפענדען פלאץ, האָט ער שנעל א פיהר געטאָן מיט א מעסערל איבער דער וואונד, מאכענדיג א קליין צלמ׳ל. ס׳האָט גענומען רינען מאטעריע מיט בלוט געמישט, און עס איז אין א פאָר מינוט ארום אָנגעלאָפען א פולע גרויסע שיסעל. ס׳איז ניט געווען צום פארשטעהן, ווי אין א געוועהנליכען געשוויר האָט זיך גע־קענט געפינען אזוי פיל מאטעריע.

מיט א פערטעל שעה שפעטער זאָגט מיין פאָטער, אז ער פיהלט ווי ניי געבוירען, און מענדעל — שווייגט ! . . .

ס׳האָט גענומען א פאָר וואָכען, ביז דער טאטע איז פאָלשטענדיג גע־זונט געוואָרען.

מענדעל פלעגט קומען אלע פריהמאָרגען איבערלעגען די באנדאזשען.
ווען ער האָט ענדליך זיין ארבייט פארענדיגט, האָט מיין פאָטער אַיהם שעהן באלוינט און אוועקגעשיקט די דינסט מיט א קוישעל אַנגעפּילט מיט מאראנצען, קאפּטשאנקעס און פּאסטראָמע.
ווען די דינסט איז אהיים געקומען האָט זי געזאָגט, אז מענדעל רופא איז געווען זעהר צופרידען.
— פון וואנען וויסטו ? — פרעג איך זי.
— ער האָט ארויסגערעדט עטליכע ווערטער מיטאמאָל ! — ענטפערט זי.
— וואָס האָט ער געזאָגט ? — פרעג איך נייגעריג.
— ער האָט פארזוכט א שטיקעל פּאָסטראמע און אויסגערופען: ס'איז אזוי געשמאק — טעם גן עדן.

* * *

ס'האָט אויסגעבראָכען אין שטעטעל די שרעקליכע טיפוס-עפּידעמיע.
מעניע, מענדעל'ס פרוי, האָט זיך אוועקגעלעגט קראנק, און איז געשטאָרבען.
מענדעל איז נאָכגעגאנגען נאָך דער לויה, שטילע טרעהרען זיינען גערונען פון זיינע אויגען, און ער האָט געשוויגען.
מיט א פּאָר וואָכען שפּעטער איז ער אויך קראנק געוואָרען אויף דער זעלבער קרענק, און איז שטיל נאָכגעשטאָרבען זיין לעבענס-באגלייטערין.

פעדאָרא

איך בין אלט געווען א יאָהר 9 און פעדאָרא א יאָהר 13, ווען זי איז אָנגעקומען צו אונז אין הויז אלס דינסט. איהר מוטער, אן אלטע קאצאפקע, האָט זי געבראכט אויסגעפוצט אין א רויטען סאראפאן און א אויסגעניייטען פאַרטוך. אליין איז פעדאָרא הויך, פארמאָגט א פּאָר גרויסע בלויע אויגען, און א קאָפּ רויטע געדיכטע האָר, וועלכע זענען געקנייטשט ווי זי וואָלט ערשט ארויס פון א ניו יאָרקער ערשט קלאסיגער „ביוטי פארלאָר". זי וואָלט געווען א שעהנהייט, אָבער איהר פּנים איז באדעקט מיט זומער-שפּרינקלאך, וועלכע מאכען א תל פון איהר שעהנקייט. זי קוקט פון אונטער'ן שטערען ארויס בייזלאך און מיט אביסעל מורא, אָבער ווען איהר מוטער זאָגט איהר זי זאָל זיך ניט שרעקען, מ'וועט דאָ זיין גוט צו איר ווערט זי ברוגז און קוקט נאָך טיפער פון אונטער'ן שטערען: „איך האָב פאר קיינעם ניט מורא" זי זאָגט דאָס מיט א הייזעריגער און הארטער שטימע.

ווען איהר מוטער געהט אוועק און מיר בלייבען אליין פרעג איך איהר: ווי הייסטו? „פעדאָרא" ענטפערט זי. „ווי הייסטו?" פרעגט זי. זאָג איך איהר מיין נאָמען מאכט זי צו מיר: הער כאנע, — זאָלסט ניט וואגען מיך צו טשעפּען, ווייל אז דו וועסט מיר נאָר אָנריהרען מיט א פינגער, וועל איך דיר פארגעבען אזוינס, אז דו וועסט מיר האָבען צו געדענקען! . . . איך דערפיהל עפּעס ווי מיט קאלטען וואסער אָפּגעגאָסען. עס לויפען מיר אָן טרערען אין די אויגען, און איך דרעה אוועק דעם קאָפּ זי זאָל עס ניט באמערקען.

עס זיינען פארביי עטליכע טעג און פעדאָרא קוקט שוין אויף ביר אביסעל מילדער. זי רעדט צו מיר א וואָרט, איך ענטפער איהר מיט עטליכע ווערטער און אזוי ארום ווערען מיר פריינד.

איינמאָל ווען מיינע עלטערען זענען ערגעץ אוועק פארברענגען און איך מיט פעדאָרא'ן זענען געבליבען אליין, מאכט זי צו מיר אזוי: כאנא, „דו ווייסט אז אידן נוצען קריסטליך בלוט אויף פסח?" איך ווער איבערראשט: „אָט זענען אויך מיינע עלטערען אידען און איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעהן זיי זאָלען נוצען בלוט אויף פסח, ס'איז אוממעגליך", ענטפער איך איהר. זי לאָזט זיך אָבער ניט. „דו ביסט נאָך קליין", זאָגט זי, און פארשטעהסט גאָרניט, וואַרט, וועסט עלטער ווערען — וועסטו זיך איבערצייגען, אז איך האָב רעכט".

זי טראכט אביסעל און זאָגט, אז ביי אונז וועט זי ניט מורא האָבען צו זיין

אפילו פסח. „פאַר וואָס?" פרעג איך. ווייל דיין טאטע איז ניט קיין פרומער. „אָבער, ווען ער וואָלט געווען א פרומער וואָלט איך ניט געשטאַנען ביי אייך אפילו איין וואָך. וואָס טויג מיר מ׳זאָל מיך קוילען?" פרעגט זי מיך.

איך קוק אויף איהר מיט ברייט צעעפּענטע אויגען; זי איז קלוג טראַכט איך, ווייל זי איז עלטער פון מיר, אפשר ווען איך וועל זיין אין איהרע יאָה־רען, וועל איך אויך זיין אזוי „קלוג".

איך פרעג איהר : „פון וואַנען ווייסטו, אז מיין פאָטער איז ניט פרום?" „ער עסט אָהן א היטעל, און דאַווענט ניט", ענטפערט זי. איך זעה זי איז טאַקי א „חכמה". ווער ווייסט, מעגליך אז די אידען וואָס דאַווענען און זענען פרום נוצען טאַקי קריסטליך בלוט אויף פסח, טראַכט איך. איך וואַרט מיט אומגעדולד מיין פאָטער זאָל שוין קומען וועל איך איהם א פרעג טאָן, צי איז אמת וואָס פעדאָרא זאָגט, אָבער מיינע עלטערען קומען שפּעט פון דעם וויזיט, און ווען איך וויל אים פרעגען וועגען בלוט אויף פסח, רעדט ער עפּעס מיט דער מאַמען און שרייט נאָך אָן אויף מיר וואָס איך זיץ אזוי שפּעט. „א מיידעלע דאַרף שוין שלאָפען פון 2 שטונדען", זאָגט ער און איך לאָז איבער די פראגע פאַר א פּאַסיגערער צייט.

ס׳זיינען אוועק עטליכע וואָכען און איך האָב שוין אינגאַנצען פאַרגעסען דעם געשפּרעך מיט פעדאָראַ׳ן. איינמאָל לייענט מיין פאָטער אין א צייטונג, אז אין קיעוו איז א איד, מענדעל ביילים, ארעסטירט געוואָרען אויפ׳ן פאַר־דאַכט, אז ער איז דער מערדער פון א קריסטליך אינגעל יושטשינסקי. איך בלייב שטעהן א דערשלאָגענע.

„טאַטע, איז עס טאַקי אמת וואָס פעדאָרא זאָגט?" שריי איך אויס מיט אנגסט.

„דול מיר ניט דעם קאָפּ מיט פעדאָראַן" שרייט ער אויס בייז און צו דער מאַמען זאָגט ער מיט א זיפץ :

„שטעל דיר פאָר וואָס עס קען זיין, ווען ביילים זאָל חלילה ניט באַפרייט ווערען !"

ס׳איז געווען אין א זונטאָג. פעדאָרא איז געגאַנגען אין קלויסטער. ווען זי איז געקומען צוריק רופט זי מיך אָפּ און זאָגט צו מיר : „נו האָסטו גע־הערט פון דעם זשיד ביילים ? „יע", ענטפער איך.

נו ווער ווייסט און פאַרשטעהט עפּעס, איך צי דו?" פרעגט זי.

„וואַרט, ס׳וועט נאָך זיין אָן אויספאָרשונג, און דאַן וועלען מיר זעהן, ווער פון אונז ווייסט מעהר, זאָג איך.

ס׳איז ענדליך געקומען דער טאָג, ס׳האָט זיך אָנגעפאַנגען דער פּראָ־צעס. מ׳וואַרט מיט אומגעדולד אויף א צייטונג. מען לייענט די רעדעס פון די באַשולדיגער, עס ציהען זיך וואָכען. און אָט קומען שוין אָן צייטונגען מיט

רעדעס פאַר דער פאַרטיידיגונג. ס׳רעדען הרב מאַזע, גרוזענבערג, מאַקלאַקאָוו און אַנדערע. איינער פון זיי א קריסט, פאַרענדיגט זיין רעדע מיט די ווערטער: „איך וועל זיך שעהמען צו זיין א קריסט, אויב ביילים וועט פאַראורטיילט ווערען, ס׳וועט זיין א שאַנדע פאַר רוסלאַנד צו באַגעהן אזא אומגעלומפּערטען פאַרברעכען! . . .

ווען מיין פאָטער לייענט די אויסצוגען הויבט זיין שטימע אָן צו ציטערן און טרעהרען פאַלען איבער דער צייטונג. עס הערט זיך א שטיל געוויין פון אַלע אָנוועזענדע. איך דערזעה פעדאַראַן. זי שטייט נעבען דער טיר, בלאַס ווי קאַלך, די אויגען ברייט צועפענט, אויך דאָס מויל אָפען ווי זי וואָלט שלינגען יעדעס וואָרט וואָס זי הערט. ווען אַלע צוגעהן זיך און מיר בלייבען אַליין, פרעגט זי: „איז עס אמת אז דער רעדנער איז א קריסט?״ איך פאַרזיכער איהר, אז יאָ. זי צלמ׳ט זיך איבער: „גאָט הייליגער, צייג מיר דעם אמת״ . . . און איהרע אויגען גלאַנצען טרעהרען.

איינמאָל האָט מיר די מאַמע געשיקט קויפען לאָקשען, ווען איך בין שוין געגאַנגען אהיים, האָב איך געזעהן ווי אידען און ווייבער שרייען מיט פרעהליכע אויסגעשרייען: „ביילים איז פריי!״ מ׳האָט זיך געדריקט די הענט, געגעבען מזל טוב. איך בין געלאָפען, מיין האַרץ האָט האַסטיג געקלאַפּט, און טרעהרען זענען געפאַלען איבער׳ן פּנים, די לאָקשען האָבען זיך געשאָטען איבער דער גאַס, און איך „האָב ניט געוואוסט. שוין נעבען הויז האָב איך דערפיהלט, אז ס׳איז עפּעס זעהר גרינג אין דער האַנט . . . האָב איך א קוק געגעבען און דערזעהן ווי עס פאַלען אַרויס די לעצטע עטליכע לאָקשען. די מאַמע האָט אָבער ניט געשריען אויף מיר. ווער האָט דעמאָלסט געדאַרפט לאָקשען? אין הויז איז געווען א פרעהליכער טומעל. איך האָב גענומען זוכען פעדאַראַ׳ן. זי איז גראַדע ניט געווען אין דער היים. איך געה אַרויס אין דרויסען און באַמערק, זי קומט. איך לויף איהר אַנטקעגען און איך זעה, אז זי ווייסט שוין די נייעס.

זי שמייכעלט א שולדיגען שמייכעל, אָבער זי איז צופרידען. מ׳קען דערקענען. „נו „כאַנאַ, דו האָסט געוואונען, איך האָב פאַרשפּילט״, זאָגט זי. מען האָט מיך פון קינדהייט אָן אָנגעשראָקען מיט שוידערליכע געשיכטעס וועגען אידען. און איך, נאַר, האָב געגלויבט. זי בעט מיך, איך זאָל איהר אויסלערנען שרייבען. אין 3 אָדער 4 וואָכען האָט זי שוין געלייענט און געשריבען גאַנץ פיין.

זי איז געווען ביי אונז א סך יאָהרען איין אַרויסהעלפערין אין הויז. א געוויסע צייט האָט זי געפיהרט א ליבע מיט א מאַטראָז, אָבער ווינטער, ווען דער „דניעסטער״ איז פאַרפרוירען געוואָרען, די שיפען האָבען ניט קורסירט, איז אויך איהר ליבע קאַלט געוואָרען. איהר צווייטע ליבע איז געווען א

אישיצער קריסט, און מיט איהם האָט זי געהייראט. ביים געזעגענען זיך מיט אינז האָבען מיר אלע 3 געוויינט : מיין מאמע, איך און זי. פעדאָרא האָט געוויינט מעהר פון אונז : „איך וועל געדענקען די הייז ווי די שעהנסטע עראינערונג אין מיין לעבען", האָט זי געזאָגט ארויסגעהענדיג צום לעצטען מאָל פון אונזער הויז. זי האָט געשלוכצעט אויפ'ן קול ווי א קליין קינד.

מיט א פאָר יאָהר צוריק האָב איך געקראָגען פון איהר א בריוועל : „כאנא, וואו נעהמט מען די יאָהרען פון אונזער גליקליכער קינדהייט ?" פרעגט זי אין דעם בריוו.

די נגידית

אויף דער פּאָטשטאָווער גאַס, וואוינט די נגידישע פאַמיליע בערמאַן. די הויז איז א גרויסע, א צוויי־גאָרענדיגע, מיט א גרויסען „באַלקאָן״ (גאַניק), די ווענט ארום דעם גאַניק זענען באַפּוצט מיט ברייטע בלויע קאַנטען, אין וועלכע עס זענען אריינגעפּאַסט קליינע זשאַבע־שיסעלאַך, שפּי־געלאַך און קאָלירטע שטיינדלאַך.

די הויז באַשטעהט פון ארום צעהן צימערען.

אין פּאָדערצימער, אין וועלכען עס הענגט אויפ׳ן וואַנט א גרויס בילד פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, אויף וועלכער צוויי אינקוויזיטאָרען פיהרען א בילד שעהנע מיידעל צום קאַלך־אויווען, זיצט מעהרסטענס די מאַדאַם בערמאַן, א שעהנע, הויכע, דיקע פרוי אויף וועלכער מ׳זאָגט, אז „זי האָט א מאַנסבילשען קאָפּ אויף די פּלייצעס״. די בערמאַנ׳ס האָבען א פּאָר אייגענע מיהלען, חוץ דעם לייט די מאַדאַם בערמאַן געלט צו די קליינע קרעמער פון שטעטעל אויף פּראָצענט, און אזוי ארום האָבען זיי זיך חלילה ניט וואָס צו באַקלאָגען, די בערמאַנס.

זיי האָבען זיבען קינדער : די עלטסטע טאָכטער איז פאַרהייראַט צו א סוחר, די צווייטע איז א דאַנטיסטין, די דריטע שטודירט אויף דאָקטאָר־מע־דיצין, איין זוהן איז א אינזשעניר, א צווייטער — א גימנאַזיסט, און נאָך צוויי מיידלאַך — גימנאַזיסטקעס.

די אינגסטע, בעלא, איז א רויט־האָריגע, צובאַלעוועטע שטיפערקע, און אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג האָט זי אן אנדערען „אוכאַזשאָר״ (פאַרעהרער).

אַלע קינדער לערנען אין גרויסע שטעט און קומען אהיים נאָר אויף „קאַניקולע״ (אורלויב).

זומער, אין די שבת׳דיגע פאַרנאַכטען, ווען יונגוואַרג שפּאַצירט אויף דער פּאָטשטאָווע גאַס, כאַפּט מען א קוק אויף דעם נגידישען באַלקאָן, וואו עס זיצען די קינדער־געסט, אויסגעפּוצט אין שעהנע, זיידענע קליידער.

איינע פון די מיידלאַך קומט אהיים גאַנץ אָפּט, ווייל זי האָט א געליבטען אין שטעטעל, א סטודענט וועלכער איז א זוהן פון ווייט ניט קיין רייכע על־טערען, ער איז אָבער זעהר א שעהנער און פרעהליכער בחור, פאַר וועלכען דער פּאָטער „ציהט פון זיך די קליי״ און האַלט אויס זיין בן יחיד, לערענט איהם אויף דאָקטאָר.

און אין דעם סטודענט איז די נגידישע טאָכטער שטאַרק פאַרליבט. אויך

ער איז אין איהר „פארקאָכט״, שמועסט מען אין שטעטעל, ווייל פארוואָס זאָל ער ניט זיין „פארקאָכט״, אז חוץ דעם וואָס זי איז רייך, איז זי אויך פול מיט חן, און ווען זי גיט א שמייכעל, ווערט ליכטיג יעדען איינעם וואָס קוקט אויף איהר ! ?

און כאָטש אברהאם, דעם סטודענט׳ס פאָטער איז א איד א חכם, צו וועלכען ווי נאָר אימיצער אין שטעטעל האָט א שווערען פראָבלעם צו לעזען, ווענדעט מען זיך צו איהם נאָך אן עצה, קווינקלען זיך די נגידים מיטן שדוך — אָבער איינמאָל האָט זיך געמאכט, אז פסח צום ערשטען סדר, איז די נגי־דישע מיידעל פון דער נגידישער רייכער הויז אוועק צום געליבטענ׳ס על־טערען, אין א קליין שטיבעלע מיט א קליין קרעמעל אין מיטען מארק צו זיין דאָרטען ביים סדר.

דאָס שטעטעל איז געגאנגען אויף רעדלאך : „איין קלייניגקייט, איבער־לאָזען אזא רייכען נגידישען טיש, און געהן ערגעץ אין א שטיבעל מיט א קלייטעל צוזאמען פראווען דעם סדר״. רעדט מען און מ׳גיט צו : „דער כח פון ליבע טוט וואונדער!״

איהר אינגערער ברודער, דער גימנאזיסט, האלט מיט דער שוועסטער און פאָהרט אָפט אויף זיין „וועליסאָפּעד״ (בייסיקעל) צו איהר חתן.

די גאנצע שטאָט קינדער לויפען נאָך, ניט קענענדיג זיך אָפּחידוש׳ן פון דעם וואונדער, ווי אזוי מאָיסעי פאָהרט אָהן פערד !

ווער עס מאכט חתונה א קינד, שיקט דעם ערשטען איינלאדונגס־בילעט צו די בערמאנס, און די מאדאם בערמאן קומט צום באדעקענס, גיט אָפּ מזל טוב די חתן־כלה, און די מחותנים, אָבער צו דער „וועטשערע״ (סאפער) פארבלייבט זי ניט. דאָס וואָלט שוין געווען א קאפּעטשקע צו פיל ! . . .

די מחותנים זיינען אָבער, פון דעם ביסעלע צייט, וואָס די מאדאם בער־מאן גיט זיי, אויך צופרידען, שייך צופרידען, ס׳קומט זיי ממש צו א שטיק געזונט, עפּעס א קלייניגקייט אזא כבוד, די גבירטע איז געקומען צו זיי אויף דער חתונה !

איינמאָל ווען א חבר׳טע האָט מיר דערצעהלט מיט פרייד, אז די מאדאם בערמאן געהט קומען צו איהר עלטערער שוועסטער אויף דער חתונה, האָב איך זי געפרעגט: „איהר זענט באפריינדעט מיט די בערמאנס?״

„ווי קומען מיר צו זיי, מיר זיינען דען גבירים ?״ ענטפערט זי מיט א פראגע.

„טאָ פארוואָס רופט איהר זי אויף דער חתונה ?״ וויל איך וויסען.

„ווייל זיי זיינען די נגידים פון שטעטעל !״ ענטפערט זי.

„און ווען זיי מאכען חתונה א קינד רופען זיי אייך אויך?״ לאָז איך ניט אָפּ דעם ענין.

„מיר זיינען דען נגידים?" פרעגט זי, און גיט צו: „דו פרעגסט עפּעס אזעלכע נארישקייטען, אז ס'איז פּשוט אוממעגליך אויף זיי צו ענטפערען".

ווען די מאדאם בערמאן באווייזט זיך אויף א חתונה, צווישען די מחותנים און „קוקערס", וועלכע שטופּען זיך אויף דערשטיקט צו ווערען טראָגט זיך דורך א באגייסטערטער שאָרך: ש . . . ש . . . שאַ! זי געהט . . . זי געהט. זאָל זיין שטיל "

און עס ווערט טאקע שטיל, און מען מאכט א ברייטען דורכגאנג, צווי־שען געדיכטען עולם.

איינמאָל, אויף א חתונה צוקוקענדיג ווי א פּאָר מיידאלעך, אין ווייסע קליידאלעך טאנצען, האָט די מאדאם בערמאן באמערקט: „איך האָב ניט אָנ-געהויבען וויסען, אז צווישען די אָרימע, קליינע קליידעלעך, וואקסען אויס אזעל־כע שעהנע מיידעלעך !"

די ווערטער האָבען זיך, ווי מיט א גלעקעל צוטראָגען איבער'ן שטעטעל אין א לאנגע צייט נאָך דער חתונה, האָט מען געפרעגט איינע די צווייטע: „איהר האָט געהערט וואָס די מאדאם בערמאן האָט געזאָגט ביי זעלדע פּיי־וועלס אויף דער חתונה?"

אודאי האָט מען שוין געהערט, ווער האָט ניט געהערט? אָבער פּאָר טשיקאוועסט כדי נאָכאמאָל צו הערען די היסטאָרישע ווערטער, האָט מען געפרעגט: „וואָס האָט זי געזאָגט?"

— זי האָט געזאָגט : „איך האָב ניט אָנגעהויבען וויסען, אז צווישען די אָרימע קלייטעלאך וואקסען אויס אזעלכע שעהנע מיידאלעך !"

דער איינזאַמער קינסטלער

ביי מיין מומע חיי־ליבע׳ן אין הויז רעש׳ט זיך: מ׳ערוואַרטעט א חשוב׳ן גאסט. איהר אינגסטער זוהן מאַטיע קומט פון סאָלדאטען. מיין מומע היי־ליבע, איז אן אלטיטשקע אידענע, וועלכע באשעפטיגט זיך מיט שדכנות, איהר מאן וועלוועל פארדינט אמאָל עפּעס פון א בוררות, און פוןביידע פּרנסות זיינען זיי, פארשטענדליך, ווייט פון צו האָבען חיונה.

אלע זייערע קינדער זיינען איבער דער גרויסער וועלט: ווער אין אמעריקע, ווער אין בראזיליע, ווער אין ארגענטינע. זיי זיינען שוין דאָרטען לאנג, אזוי לאנג אז עס איז זיי שוין נמאס געוואָרן צו שיקען בריוו אהיים, צו די עלטערען. קיינער ווייסט ניט זייערע אדרעסען, דער איינציגער זוהן, מאַטיע, וועלכער איז געבליבען מיט זיי, איז אוועקגענומען געוואָרען אין מי־ליטער, דריי לאנגע יאָהר האָט מען געווארט, ביז עס איז ענדליך געקומען די גליקליכע מינוט פון זיין צוריקקומען!

מאַטיע איז א ברונעט, א הויכער, א שלאנקער מיט א קאָפּ שווארצע גע־קנייטשטע האָר, מיט צוויי שורות שניי־ווייסע ציין.

מאַטיע באגעגענט אלעמען מיט א גליקליך־צופרידענעם שמייכעלע. עס הערשט דעם גאנצען טאָג א פרעהליכער טומל אין הויז מענשען האלטען אין איין שטראָמען: קרובים, שכנים, פריינט און סתם באקאנטע, ענדליך האָבען זיך די באגריסונגען געענדיגט, אימיצער דערמאָנט מאַטיע׳ן ווי אזוי ער האָט זיך אמאָל געמאכט א פידעלע און געשפּילט. ער איז נאָך דאמאָלסט א קליי־נער אינגעל געווען, מ׳בעט איהם אז ער זאָל איצט עפּעס שפּילען. מאַטיע לאָזט זיך לאנג ניט בעטען, נעהמט דעם פידעל, טוט א פיר מיט׳ן בויגען איבער די סטרונעס און עס גיסען זיך טענער וועלכע באצויבערען אלעמען, די סטרונעס ווערען אונטער זיינע פינגער פארוואנדעלט אין לעבעדיגע וועזענס, זיי רעדען, בענקען, וויינען, קלאָגען, פּראָטעסטירען, און אָט דריקען זיי מיטאמאָל אויס פרייד, באגייסטערונג און גליק; אלץ וואָס א מענשליכע נשמה קאָן פיהלען און איבערלעבען דריקען זיינע פינגער אויס אויפ׳ן פידעל, און מענשען זיצען באגייסטערטע מיט טרעהרען אין די אויגען, הערען און שלינגען . . .

אויך אין דרויסען שטעהט מען ארומגעשטעלט ארום די פענסטער. מחמת אין הויז איז שוין צו ענג.

איך, צו יענער צייט, א קליינע מיידעלע בלייב זיצען א פאר׳כשופ׳טע: אלס א ליבהאָבערין פון מוזיק, ווער איך אזוי באצויבערט, אז מיר דוכט זיך,

אז איך פליה ערגעץ אין דער הויך, אין א צויבערלאנד, דאָס צויבערלאנד איז מיט בלומען באדעקט, אלע מענשען זיינען ווי מלאכים מיט ווייסע פליגלען, און עס גיסען זיך און גיסען זיך טענער וואָס גלעטען, צערטלען און זאָגען צו . . . אזוי פיל, אזוי פיל גליק . . . נאָר אָט גיב איך ווי מיטאמאָל א פאל ארונטער. עס איז שטיל געוואָרען. ער האָט געענדיגט שפילען. דאָס פידעל ליגט אויף די קני און מאָטיע שמייכעלט א מידען טרויעריגען שמייכעל. עס הערען זיך נאָך די שוואכע לעצטע טענער וועלכע שטארבען אָפּ אין דער לופט. איך בין מאָטיע׳ן שטארק מקנא, ווי גוט איהם איז, וואָס ער קאָן צושטעלען זיינע מיטמענשען אזא גרויסען גייסטיגען פארגעניגען ! !

א פאָר וואָכען זיינען אוועק, ביי מיין מומע חיי־ליבע׳ן אין הויז האָט זיך אָפּגע׳רעש׳ט, מאָטיע איז געוואָרען אויס גאסט. איצט קוקט ער אויס מעלאנכאָליש. עפּעס קאָן ער זיך ס׳אָרט ניט געפינען . . . קאָנטיג דאָס שטעטעל איז פאר איהם צו קליין און ער פיהלט שרעקליך ענג.

איינמאָל, ווען ער קומט צו אונז און מיין מוטער איז איהם מכבד מיט טיי און לעקאך, גיט ער האסטיג א רוק אָפּ די גלאָז טיי : „גיט מיר בעסער עפּעס מיט וואָס מיין הונגער צו שטילען״, שרייט ער אויס, „אלע גיבען מיר טיי, לעקאך אָדער ווארעניע, און קיינער ווייס ניט אז איך בין הונגעריג . . .״

איך ווער דערשטוינט : איז עס מעגליך אז אזא מענטש זאָל זיין הונגעריג און ניט האָבען וואָס צו עסען?!... מיין קינדערשער שכל קאָן עס ניט באנעהמען . . . מיין מוטער דערלאנגט עפּעס צום טיש, איך קוק מיט וואָס פאר אן אפּעטיט מאָטיע עסט, און עס פארקלעמט מיר מיין הארץ ביז טרעהרען . . .

מאָטיע עסט אָפּ און פרעגט מיך צי איך וואָלט א בעלן געווען זיך צו לערנען שפּילען פידעל. „מעגליך איך וועל ערגעץ ווייט-ווייט אוועקפאָהרען וועט מיין שפּילען זיין אן אָנדענק נאָך מיר״, זאָגט ער.

— וואוהין ועסטו פאָהרען ? — פרעג איך איהם.

ער פארקוקט זיך אין דער ווייטקייט אריין: „אפשר וועל איך שטארבען? וועסטו פון מיר ירושה האָבען״.

איך בלייב זיצען אן אומעטיגע. צעלאכט ער זיך מיט זיינע גלאנציגע שניי־ווייסע ציין. שפּעטער שרייבט ער מיר אויף נאָטען און נעהמט זיך זעהר פלייסיג צו לערנען מיך מוזיק.

עס געדיינקט זיך אן אווענט. מאָטיע האָט געגעבען איינעם פון זיינע קאָנצערטען. ווי אלעמאָל איז אויך דאמאָלט דאָס הויז געווען איבערפולט מיט מענשען, גראָד איז פארבייגעגאנגען דעם שטאָטישען נגיד׳ס זונדעל מאָיסעי בערמאן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך א פארגאפטער צוגעהערט און גלייך ארויפגעלאָפען די טרעפּ, און אריין אין הויז.

אלע האָבן זיך אויפגעהויבן ווען מ׳האָט אים דערזעהן. די מומע חיי־ליבע

האָט איהם אונטערגעטראָגען א בענקעל, דער פעטער וועלוועל א צווייטס, די איבעריגע האָבען אָפגעטראָטען זייערע פלעצער. עס איז נאָר א שאָד געוועזן וואס ער האָט ניט געקענט נוצען אלע פלעצער מיט איין מאָל, בכדי צוליב טאָן דעם קנעכטיש־אונטערטעניגען עולם . . .

אויף מאָטי׳ס פנים איז געווען צו מערקען, אז די גאנצע סצענע עקעלט איהם. א ווילע שפּעטער איז אריינגעקומען א שוסטער־יונג, וועלכער האָט קאָנטיג אויך ליב געהאט מוזיק, איהם, דעם שוסטער יונג האָט שוין קיינער קיין בענקעל ניט צוגעטראָגען, ער האָט זיך אוועקגעשטעלט פון וויטען, א באשיידענער, מאָטיע האָט דאָס שפּילען איבערגעריסען.

— קום אהער, וואָס שטעהסטו פון וויטען ? קיינער וועט דיך ניט אָפּ־בייסען ! האָט ער אים געזאָגט און האָט אויסגעזוכט פאר איהם א בענקעל.

און אָט האָבען זיך די קרובים א נעהם געטאָן צו מאָטיע׳ן ער זאָל . . . חתונה האָבען !

ער ענטפערט גאָרניט· ער זיצט א פארטראכטער און שווייגט. מען דער־געהט איהם אָבער אזוי די יאָהרען, אז ער געהט ארויס פון געדולד.

„וואָס ווילט איהר פון מיר?״ — שרייט ער אויס א פארצווייפעלטער — „וואָס פאר א רעכט האָב איך חתונה צו האָבען, אז איך קאָן אויף ברויט ניט פארדינען ? . . . פארוואָס זאָל איך פאראומגליקען אן אומשולדיגע אידישע טאָכטער ? אך, וואו נעהמט מען געלט, אום צו קענען זיך ארויסרייסען פון דאנען!״ און זיינע אויגען גלאָנצען טרעהרען . . . איך קוק אויף איהם, מיין הארץ בלוטיגט, און עס שטעלט זיך מיר פאָר א בילד : א גרויסער מעכטיגער אָדלער, וואָס שלאָגט מיט די פליגלען אין שטייג און קאָן זיך נישט ארויסרייסען . . . ער זאָל זיך ארויסרייסען אין דער גרויסער וועלט, וואָלט ער זיכער געוואָרען א גרויסער קינסטלער, אָבער וואָס קאָן איך, א 12 יאָהריג קינד, פאר איהם אויפטאָן ? . . . אז ער, מאָטיע, איז צוויי מאָל עלטער פאר מיר, און קאָן זיך ניט העלפען . . .

איינמאָל איז א פרייטאָג איז געקומען די מומע חיי־ליבע צו אונז און דער־ציילט אז מאָטיע איז עפּעס ניט מיט אלעמען, פיהלט ניט גוט, מיין מוטער איז אוועק איהם מבקר חול זיין, ווען זי איז צוריקגעקומען, האָב איך גע־הערט ווי זי האָט געזאָגט צו מיין פאָטער, אז דער חולה געפעלט איהר עפּעס ניט . . .

אויפ׳ן צווייטען טאָג האָט מען גערופען דעם דאָקטאָר, דער דאָקטאָר האָט עפּעס צוגעשריבען און איז אוועק.

עס זיינען אוועק שבת און זונטאָג, און אין זכרון איז פארבליבען דער מאָנטאָג. דעם מאָנטאָג וועל איך ניט פארגעסען אזוי לאנג ווי איך וועל לעבען. מאָטיע ליגט א קראנקער אין בעט, זיין פנים איז חרוב, שווארץ ווי קויל,

אויף זיין קאָפּ ליגט א פּענכער מיט אייז, מיט א וואונק פון פינגער רופט ער מיך צו, ער רעדט עפּעס אָבער ס'איז אוממעגליך צו הערען און פארשטעהן וואָס ער רעדט. אפשר האָט ער געפילט אז ער פאָרט ערגיץ „ווייט, ווייט", ווי ער האָט זיך פאר מיר, מיט וואָכען צוריק אויסגעדריקט, בעת ער האָט מיר געגעבען די ערשטע לעקציע אויפ'ן פידעל. איך בויג זיך צו נעהענטער צו איהם, שטרענג אָן אלע מיינע כוחות, צו פארשטעהן כאָטש איין וואָרט פון זיינע פארטריקענטע ליפּען אָבער עס איז אוממעגליך . . .

איך קאָן מעהר זיין אומבאהאָלפענקייט ניט צוזעהן, און געה אוועק. אוועקגעהענדיג ווארף איך א בליק אויף זיינע מידע הענט, מיט די דין־גע־טאָקטע פינגער, וועלכע ליגען אויפן דעק: „איז מעגליך אז אָט די פינגער וועלען פארשוויגען ווערען אויף אייביג ? אָבער גאָט מיינער, ווי וואָג איך גאָר אזוינס צו טראַכטען?" מוסר איך זיך אליין.

מיט א שעה שפּעטער שטעה איך אין דרויסען עס געהט פארביי א פרוי, זי קוקט ארויף אויפ'ן גאניק.

„וואָס הערט זיך ?" פרעגט די פרוי.

—— „עס האָט זיך שוין אָפּגעהערט" . . .. ענטפערט אימיצער פון אויבען.

עס דערהערט זיך א שרעקליך יאָמערען פון די אלטע טאטע־מאמע, וועלכער מישט זיך אויס אין דעם אלגעמיינעם געוויין פון אלע וועלכע גע־פינען זיך דאָרטען אין הויז, מענשען לויפען אָפּ און אויף : דאָס גרייט מען זיך צו דער לויה. מ'טראָגט ברעטלאך, און אָט טראָגט מען א משונה־דיגע טונקעלע משא שנעל, שנעל אוועק . . . אָפּגעטאָן . .. עס ווערט שטיל, אלע זיינען אוועק צו דער לויה, איך געה אהיים, אויפ'ן ברייטען מארק זעהט מען קיינעם ניט, איך געה מיט א געבויגענעם קאָפּ, מיט שטילע לאנגזאמע טריט, אין קאָפּ איז ביי מיר א טשאד. איך בין עפּעס ווי אין א חלום, איז א נעפּעל: מאָטיע איז געשטאָרבען ! . . . די דאָזיגע 3 ווערטער דרעהען זיך אין מיין קאָפּ, גאָט האָט אזוי געוואָלט, פרומע לייט זאָגען אז גאָט איז גערעכט". אזוי טראכט איך, אָבער דאָ .. . . איז ער שוין אביסעל צופיל גערעכט . . . . און וואָס צו איז איבריג . . .

איך קום אריין אין הויז און דערזעה אנטקעגען אויף דעם וואנט הענגט זיך אזוי רוהיג, גלייך ווי גאָרניט וואָלט פּאסירט, מאָטיע'ס פידעל. עס גיט מיר א שניט אין הארצען, ווי מיט א מעסער און איך ברעך אויס אין א היסטעריש יאָמערליך געוויין ! . . .

סאָלדאטען....

ס׳איז געווען אין צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען עס איז אריינגעקומען אין אונזער שטעטעל אישיצע א באטאליאָן סאָלדאטען.

מ׳האָט אין יעדער הויז אריינגעבראכט א סאָלדאט אויף קווארטיר. מיר האָבען געהאט א גרויסע הויז, האָט מען אונז מכבד געווען מיט דריי סאָלדאטען ! . . .

די ערשטע צייט זיינען מיר געווען שטארק אומרוהיג, זיך פשוט געשראָקען פאר די אומגעבעטענע געסט, אָבער ביסלעכווייז האָבען מיר זיך מיט זיי באפריינדעט, און מיט דער צייט זיינען מיר געוואָרען מיט זיי גאנץ היימיש.

זיי, די סאָלדאטען, האָבען אונזער פריינדשאפט זעהר אָפּגעשאצט.

גאנץ אָפט פלעגט מיין מוטער זיי איינלאדען צום טיש עסען מיט אונז, און זיי האָבען שטארק הנאה געהאט פון די געפילטע פיש, פּראקעס, לאָקשענעס קוגעל און אזוי ווייטער.

אין דרויסען, לעבען די פענסטער, האָט געוואקסען א גרויסער אקאציע בוים.

די סאָלדאטען, פון וועלכע איינער איז געווען א סטאָליער (קארפּענטער) האָבען געמאכט א טיש מיט א פּאָר לאנגע בענק און האָבען זיי אוועקגעשטעלט אונטער׳ן בוים. אלע פריהמאָרגען און פארנאכטען פלעגען זיי ברענגען פון זייער סאָלדאטסקער קיך א גרויסען טשייניק מיט טיי און טרינקען טיי אונטערן בוים.

איינמאָל האָבען זיי מיך, האלב אין שפּאס האלב ערנסט, איינגעלאדען צום טיש טרינקען טיי. זיי האָבען עס געטאָן מיט דער זיכערקייט, אז איך וועל זיי אָפּזאָגען.

איך האָב אָבער קיין סך ניט געטראכט און זיך אוועקגעזעצט טרינקען מיט זיי טיי.

דאָס איז פאר זיי געווען אן אנגענאמע איבעררראשונג, ווייל קיין מיידעל וואָלט זיך צו יענער צייט אזעלכעס ניט דערלויבט. די באציהונג צו דעם סאָלדאט איז געווען אזא, אז מ׳האָט מורא געהאט מיט איהם אפילו רעדען און ניט נאָר צו דעם ניט-אידישען סאָלדאט איז געווען אזא באציהונג, נאָר אפילו צו דעם אידישען.

נאטירליך אז דאָס האָט זיי, די סאָלדאטען, שטארק וועה געטאָן. זיי האָבען זיך געפיהלט דערנידעריגט און האָבען דערפון שטארק געליטען.

ס'איז פארבייגעגאנגען א פרוי און איז געבליבען שטעהן: „אז חנה שפירא זיצט אין דרויסען מיט דריי סאלדאטען און טרינקט טיי, וועט קיי־נער אויף איהר קיין שלעכט ווארט ניט זאגען; זאל עס אבער טאן אן ארימע מיידעל, וועט זי פון יעדען איינעם בארעדט ווערען!" — האט די פרוי בא־מערקט צו מיין מוטער.

„סאלדאטען זיינען קיין מענשען ניט? פארוואס זאל זי מיט זיי ניט וועלען טרינקען טיי?" ענטפערט מיין מוטער מיט א פראגע.

— איהר פרעגט פארוואס, זאל איך אזוי וויסען פון שלעכטס, אבער מיין משה זאל זעהן רחל'ען זיצען מיט סאלדאטען און טרינקען טיי, וואלט ער איהר אנגעבראכען די ביינער! — ענטפערט די פרוי . . .

וואס איז שייך מיר, ווען איך האב געזעהן אז עס איז פאר זיי א „גליק" מיין קאמפאניע, האב איך זיי שוין אלעמאל געטאן די „גרויסע טובה" און האב געטרונקען מיט זיי טיי.

איינמאל איז פארבייגעגאנגען א סאלדאט מיט א טשייניק נאך טיי.

„ווי קומט עס וואס איהר האט ניט מורא פאר זיי?" פרעגט ער מיך, אנווייזענדיג אויף מיינע דריי שכנים.

„זעצט זיך אוועק וועל איך אייך אנגיסען א גלאז טיי, און איהר וועט זעהן, אז איך האב פאר אייך אויך קיין מורא ניט!" ענטפער איך איהם.

טרעהרען האבען זיך באוויזען אין זיינע אויגען. „לעצטע וואך האב איך פארפירט א שמועס מיט א מיידעל, איז אנגעקומען איהר מוטער און האט זי אזוי באליידיגט, אז זי איז א פארשעהמטע אנטלאפען, און זייט דאן האב איך זי שוין מעהר אין די אויגען ניט געזעהן" דערצעהלט ער מיט א טרויעריגער שטימע.

ער האט זיך אוועקגעזעצט, און פון דאן אן פלעגט ער שוין קומען יעדען פריהמארגען און אוועקט טרינקען מיט אונז טיי.

איינמאל אין א פריהמארגען איז מיין מוטער אריינגעקומען אין מיין צימער שטארק אויפגערעגט: „די טיי איז שוין קאלט געווארען און זיי האבען שוין געבראכט אן אנדער טשייניק און דו שלאפסט נאך! ווייסט דאך, אז זיי ווארטען אויף דיר, טא וואס שטייסטו ניט אויף אביסעלע פריהער? האט זי געשריען.

פון דאן אן פלעג איך שוין אויפשטעהן פריהער. איך בין געווען צו זיי פריינדליך, ווייל ווייזט אויס, אז מיין הארץ האט מיר פאראויסגעזאגט, אז מיט זעקס און צוואנציג יאהר שפעטער וועט מיין איינציגער זוהן זיין א סאל־דאט אין דער וועלט מלחמה נומער צוויי! . . .

ניקאָלאַי וואסילעוויטש

ס'איז געווען אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען ס'איז אריינגעקומען אין אונזער שטעטעל א באטאליאָן סאָלדאטען.

מ'האָט די סאָלדאטען צושטעלט אויף קווארטירעס. צו אונז האָט מען אריינגעבראכט דריי סאָלדאטען.

איינער פון זיי איז געווען ניקאָלאי וואסילעוויטש, א מענש אין די מי־טעלע יאָהרען און פון זעלטען שעהנעם אויסזעהן: א הויכער, א שלאנקער מיט ברוינע לאכענדיגע אויגען. ער האָט אויך שעהן געשפילט אויף א „גאר־מאָניע (אקאָרדעאָן), אָבער חוץ די אלע זאכען האָט ער פארמאָגט א פּאָר שוואכקייטען. ער האָט ליב געהאט דעם ביטערען טראָפּען און . . . פרויען!

אלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג האָט ער געהאט אן אנדער ליבע, אלע דינסטאָג און פרייטאָג איז ער געווען טויט שכור.

די געליבטע זיינע האָט געקענט זיין א פרוי פון אכט און פערציג און... א מיידעל פון פופצען יאָהר אלט! ער איז ניט געווען שטארק איבערקליי־בעריש, ניקאָלאי וואסילעוויטש, וואָס שייך די יונגע סאָלדאטקעס וועמעס מענער זיינען געווען אין מלחמה, און שיקסעס, זיי האָבען ארום איהם געקלעפּט ווי בינען ארום האָניג!

ניקאָלאי וואסילעוויטש איז פאר זיי געווען . . . ווי זאָל איך אייך זאָגען? . . . א מין פרענק סינאטראָ. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט פאר־קניפּען א נייע ליבע, פלעגט די פריהערהדיגע געליבטע קומען צו אונז אין הויז, זיך נאָכפרעגען, פארוואָס ער, ניקאָלאַי וואסילעוויטש, קומט שוין מער צו איהר ניט. זי טראכט איבער אפשר איז ער חלילה קראנק . . .

די חברים זיינע, האנס פעטראָוויטש און איוואן וואסיליעוויטש פלעגען לאכען און פרובירען זיך צושארען צו דער פארלאָזענער געליבטער, פאר־זיכערענדיג זי, אז דער שווארצער יאָהר האָט איהם ניט גענומען, ניקאָלאי וואסילעוויטש'ן, אָבער ס'איז זיי ניט געגאנגען: ניקאָלאי וואסילעוויטש'עס הויכע שלאנקע פיגור, זיינע ברוינע לאכענדיגע אויגען, זיין שטענדיג פרעה־ליכע שטימונג און זיין שפּילען הארמאָניקא קען קיינער ניט פארבייטען. די פארלאָזענע געליבטע פלעגט מיט א צובראָכען געמיט אהיים געהן.

ס'איז געווען ערב יום כפור . . . אין הויז ביי אונז איז געווען ראַשיג, מ'האָט זיך געגרייט צום הייליגען יום טוב, געראמט, געקאָכט און די דריי סאָלדאטען האָבען זיך עפּעס אָנגעהויבען ווי פלאָנטערן אונטער די פיס . . .

עפּעס זיינען זיי מיט אמאָל געוואָרען איבריג, מעהר ווי שטענדיג. זיי

האָבען אויסגעזעהן ווי אומגעבעטענע מחותנים אויף א פרעמדער חתונה...

אויך זיי האָבען זיך עפּעס געפיהלט ווי ניט אין פּלאַץ, און זיי האָבען צווישען זיך אדורכגערעדט, אז די פּאָר טעג פון ערב יום כפור און יום כפור זאָלען זיי פארברענגען ביי זייערע חברים, וואָס שטעהען אין קריסטליכע הייזער. איינער פון זיי האָט אונז געלאָזט וויסען וועגען זייער באשלוס. מיר האָבען זיי ניט פארהאלטען, און זיי זיינען אוועקגעגאנגען צו זייערע חברים.

ס'איז אָנגעקומען די כל נדרי נאכט . . . מיינע עלטערען און אינגערע צוויי ברידערלאך זיינען געווען אין שוהל. איך בין געווען איינע אליין אין הויז, און געלייענט א בוך. די ליכט האָבען געוואָרפען זעהר אומיטעגען אפשיין אויף די ווענט . . . ווי אלע מאָל אין אָט דער נאכט האָט מיך באַ־הערשט א שווערע שטימונג. איך האָב געוואוסט, אז אלע אונזערע אידישע שכנים זיינען איצט אין שוהל . . .

וואָלט איך געגאנגען צו א חבר'טע, פארברענגען דעם אוונט, האָב איך אָבער מורא צו לאָזען די ברענעדיגע ליכט, עס זאָל ניט ווערען חלילה קיין פייער . . .

זיץ איך א אומעטיגע ביים טיש און קוק אריין אין בוך, לייען ווידער און ווייטער איין און די זעלבע שורה, אָבער קען זיך בשום אופן ניט קאָנ־צענטרירען, פארשטעהן וואָס דאָרט קומט פאָר פאר א געשיכטע, וואָס דער שרייבער וויל ארויסברענגען . . .

מיט אמאָל און . . . עס דערהערען זיך פון ווייטענס די טענער פון אַקאָרדיאָן . . . ניקאָלאי וואסילעוויטש קומט מיט זיין הארמאָניקא און, ווי געוויינליך, איז ער מסתמא טויט שכור, לויפט דורך אין מיין מוח א שרעק־ליכער געדאנק . . . וואָלט איך דאָך געדארפט זיין פרעהלאך, ווען מ'קומט צו מיר אין אזא טרויעריגער צייט מיט מוזיק, מיך אמוזירען, בין איך אָבער געוואָרען א . . . פארגליווערטע ! די פיס האָבען זיך גענומען בויגען פאר שרעק . וואוהין לויפט מען ? וואָס טהוט מען ? . .

ער קומט אלץ נעהענטער און נעהענטער . . . אָט הערט זיך שוין זיין באקאנטע הייזעריג שיכור'ע שטים, ער זינגט צו דאָס באריהמטע לידעל. „אלע זאָגען אז איך בין לייכטזיניג, אלע זאָגען, אז איך ליב א סך" . . .

„דאָס ערשטע וואָס איך מוז טאָן, איז ניט ארויסווייזען אז כ'האָב פאר איהם מורא!" באשליס איך אויף שנעל, קיין ווייטערע באשלוסען איז שוין ניטאָ קיין צייט צו מאכען, ווייל ער איז שוין ארייגעקומען אין הויז . . .

„זדראוסטוואָיטע באַרישניא! איהר זענט אליין אין הויז?!" רופט ער אויס מלא שמחה . . .

איך נעם צונויף מיין גאנצען קוראזש וואָס איך פארמאָג, און מיט א געלאסענער שטים ענטפער איך איהם :

„איך בין אליין, אָבער מיינע עלטערן און ברידערלאך וועלען מסתמא באלד אהיימקומען פון שוהל״ . . . כאָטש איך האָב געוואוסט, אז עס וועט נאָך נעמען א גוטע פאָר שעה ביז זיי וועלען קומען.

ער : אויב אזוי וועט איהר אפשר עפּעס זינגען, און איך וועל אייך אקאָמפּאנירען אויף דער גארמאָניא.

איך : וואָס מאכט איהר זיך נאריש, ניקאָלאי וואסיליעוויטש, אין אזא הייליגער נאכט, וועל איך זינגען לידלאך ? איך נעם זיך אָן מיט נאָך מעהר מוטה און קוק איהם גלייך אין די אויגען, בעת דאָס הארץ רייסט זיך שיעור ניט אָפּ פון שרעק :

נאָך וואָס זענט איהר געקומען ניקאָלאי וואסילעוויטש?״ פרעג איך. ער קוקט מיר אָן מיט א דורכדרינגענדען בליק, שווייגענדיג געהט ער צו צו זיין קעסטעל, וואָס ליגט אויף א שאפע און נעמט ארויס א פּעקעל פּאפּי־ראָסען. ער פאררויכערט און קומט צו גאנץ נאָהענט צו מיר . . .

„הערט זיך איין, מיין טייערע ! זאָל זיך אייך ניט דאכטען אז ני־קאָלאי וואסיליעוויטש איז א . . דוראק. מיך קען מען ניט נארען מיט אָב־געשטעלטער בראווקייט . . . בפרט איהר וועלכע איך קען שוין גאנץ גוט פאר די עטליכע מאָנאטען, זייט איך בין אין אייער הויז, און עס מיט אייך און אייערע עלטערן און ברידערלאך ביי איין טיש . . .איך ווייס אז איהר קענט קיינמאָל קיין ליגען ניט זאָגען אפילו ווען עס זאָל אייך געהן אין רא־טעווען אייער לעבען, וועט איהר ניט קאָנען זאָגען קיין ליגען! און מאכען קיין אָנשטעל קענט איהר אויך ניט . . . אָט שטעהט איהר פאר מיר און רעדט כלומרשט רוהיג, פרעגט מיך וואָס פּלוצלונג איך בין געקומען, אָבער אין הארצען ציטערט איהר ווי א בלאט אין א הארבסטיקען טאָג ! . . .

טאָ הערט זשע אויס : איך בין טאקע א שיכור און א פּרויען יעגער, אָבער דאָך, בין איך ווייט פון צו זיין אזא פּאסקודניאק ווי איהר דענקט ! . . . אזוי, אזוי, א פיינע מיינונג האָט איהר וועגען מיר . . . „ניין איך קען נאָך אונטערשיידען צווישען מאריען׳ען ,סטעפּאנידען און אייך !״ האָט ער אויס־גערופען און ער האָט א ציה געטאָן די גארמאָניא אין דער גאנצער ברייט, פון וואנען עס זיינען ארויס זיסע גלעטענדיגע טענער און איז אוועק . . .

איך בין געבליבען זיצען א פארגאפטע . . . ווי אין א חלום . . . איך האָב זיך איבערצייגט, אז אין יעדען מענשען איז דאָ עפּעס הייליגעס, געט־ליכעס . . . אפילו אין ניקאָלאי וואסיליעוויטש׳עס נשמה איז פאראן אזא פונק !

ווען מיינע עלטערן זיינען אהיימגעקומען פון שוהל, האָב איך זיי דער־צעהלט וועגען דעם גאַסט וואָס איך האָב דאָ געהאט און כ׳האָב זיי געבעטען

מאָרגען אין שוהל זאָלען זיי ניט פארגעסען צו דערמאָנען ניקאָלאיען מיט א גוט וואָרט, און בעטען פאר איהם א גוט יאָהר ! . .

* * *

מיט א פּאָר טעג שפּעטער איז ניקאָלאי ווי געוויינליך ווידער געווען טויט שיכור.

„אייער טאָכטער האָט פאר מיר מורא געהאט, ווען איך בין געקומען נע־מען פאפּיראָסען, וועלכע כ׳האָב פארגעסען מיטצונעמען!" האָט ער פּלוצלונג אויסגעשריען צו מיין פאָטער.

„עט, עס ווייזט זיך אייך אויס, זי האָט ניט געהאט וואָס מורא צו האָבען". ענטפערט מיין פאָטער.

„מיך קען מען ניט אָפּנארען : זי האָט יאָ מורא געהאט!" שרייט ער נאָך העכער און גיט א קלאַפּ אין טיש.

איך בין צוגעקומען צו איהם גאנץ נאָהענט : „ס׳איז אמת ניקאָלאי וואסיליעוויטש, איך האָב מורא געהאט פאר אייך, ווייל איך האָב ניט גע־וואוסט, אז איהר זענט אן אנשטענדיגער עהרליכער מענש ! איך בעט ענט־שולדיגונג !"

„אָט איהר זעהט, זי קען קיינמאָל קיין ליגען ניט זאָגען, איך קען זי שוין !" . . . רופט ער אויס און כאפּט די גארמאָניע, ווי אלע מאָל ווען ער איז אין א געהויבענער שטימונג און הויבט אָן שפּילען . . .

אין צייט פון דער רעוואָלוציע

איינער פון די דריי סאָלדאטען וואָס זיינען געשטאנען ביי אונז אין הויז, איז געווען א לאטיש, האנס פעטראָוויטש. ער האָט געהונקען אויף א פוס אלס רעזולטאט פון א קויל וואָס ער האָט באקומען אין דער מלחמה.

ער איז געווען א מאלער, געמאָלען שעהנע נאטור בילדער און האָט זיך געהאלטען אביסעל גרעסער פון זיינע צוויי חברים ניקאָלאי וואסיליעוויטש און איוואן וואסיליעוויטש.

ס'איז געווען א אָנגעצויגענע צייט. מ'האָט דערווארטעט עפּעס וויכטיגעס . . . מ'האָט זיך געשושקעט, גערעדט אויפ'ן וואונק . . .

ענדליך איז עס געקומען, דאָס וויכטיגע; מ'האָט אין א געוויסען פריהמאָרגען דערזעהן אויסגעקלעפּטע פּלאקאטען : צאר ניקאָלאי דער צווייטער זאָגט זיך אָפּ פון „פּרעסטאָל" און עס נעמט איבער די רעגירונג זיין ברודער מיכאָאיל. מיט א פּאָר טעג שפּעטער האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע !

דער באטאליאָן סאָלדאטען, וואָס איז געשטאנען ביי אונז אין שטעטעל פאר די לעצטע פּאָר חדשים כמעט אָהן א שטאָך ארבייט, איז געוואָרן „ביזי". מאניפעסטאציעס, געזאנג, מוזיק, מארסעליעזע, פארשידענע פאָנען, מיטינגען, רעדעס . . .

אלע האָבען זיך געשטופּט צו דער פּלאטפאָרמע, יעדער איינער האָט געהאט עפּעס צו זאָגען. מ'האָט גערעדט אויף פארשידענע לשונות, פּנים'ער האָבען געשטראהלט פון באגייסטערונג און גליק !

אייניגע האָבען גערעדט לאָגיש, צו דער זאך, אנדערע האָבען גלאט „געהאקט א טשייניק". ווי קען מען שווייגען אז מ'לאָזט רעדען, האקט מען ווי אין קרויט ארייז, פאר פייער און פאר וואסער ! אייניגע האָבען גערעדט און געוויינט פון פרייד, פון עקסטאז. די צוהערער האָבען אויך געווישט די אויגען.

אנדערע האָבען אריינגעבראָקט וויצען אין זייער רעדע און מ'האָט געלאכט. דער טומעל איז געווען אומנאטירליך און אייניגע האָבען פּשוט ניט געוואוסט אויף וואָס פאר א וועלט זיי זיינען — אויף דער צי אויף יענער וועלט ! . . .

סאָלדאטען האָבען מיט כעס און חוזק אראָפּגעריסען די זילבערנע עפּאָליעטען פון די אָפיצירען, מ'האָט פון זיי צוגענומען די „דיענטשיקעס" (באדינער) און אזוי ווייטער.

האנס פעטראָוויטש, דער אויבענדערמאָנטער לאַטיש, איז שטארק פאַר׳שיכור׳ט געוואָרען פון דער רעוואָלוציע. טאָג איין טאָג אויס פלעגט ער אונז דערצעהלען, ווי אזוי די סאָלדאטען זיינען זיך נוקם אין די אָפיצי־רען, ווי אזוי מען דערגעהט זיי ממש די יאָהרען. ער פלעגט שטונדענווייז רעדען און שילדערען פארשיידענע איינצעלהייטען, וואָס קומען פאָר בעת זיי קומען זיך צונויף אויף א „סאָבראַניע״ מיט די אָפיצירען. ער האָט אויסגעמאָלען פּינקטליך ווי מיט פארבען (אלס מאלער האָט ער עס געקענט). ווי אזוי מ׳מאכט פון זיי חוזק, און ווי עס טריפט פון זיי די בלוט . . . בעת ער האָט עס דערצעהלט האָבען זיינע אויגען געהאַט א מאָדנעם גלאַנץ . . .

איך פלעג זיך די גאנצע צייט קאָנטראָלירען, ביים אויסהערען איהם, כאָטש אין הארץ האָט ביי מיר געזאָטען פון פארדרוס וואָס ער האָט זיך פארוואנדעלט אין א מין סאדיסט, וואָס קוועלט ממש פון מענשליכע ליידען. אָבער איינמאָל האָט מיין געדולד געפּלאַצט. ס׳איז געווען ווען ער האָט דער־צעהלט מיט גלאַנציגע אויגעלאַך ווי א סאָלדאט האָט כלומרשט ניט אומ־מיסטען אָנגעטראָטען אן אָפיציר אויפ׳ן פוס און אלע האָבען אויסגע־שאָסען א געלעכטער!

„האנס פעטראָוויטש, ווי שעהמט איהר זיך ניט צו דערצעהלען אזעלכע זאכען? ס׳איז דאָך שרעקליך עס אויסצוהערען אפילו. ווי מעג מען אזוי פארצאַפּען א מענשען דאָס בלוט? מאכט אייך ניט נאריש גלויבענדיג, אז אויב איהר האָט אראָפּגעריסען די עפּאָליעטען פון סאן זשורא׳ן (דער באַ־טרעפענדער אָפיצער איז געווען פון פראנצויזישען אָפּשטאַם און א זעהר געבילדעטער מאַן) זענט איהר שוין געוואָרען — ער, און ער — איהר! ער איז איצט אויך אן עכט געבילדעטער מענש, און איהר — ניט. איהר ווילט אלע זאָלען זיין גלייך, איז עס ריכטיג. אלע זיינען מענשען, אָבער צו וואָס דאָס אפלאַכען, באָדען זיך אין יענעמ׳ס בלוט?!״

ער איז געוואָרען אן אָנגעצונדענער.

„בורזשויקע, איהר האָט ליב געבילדעטע אָפיצירען און מיר פּראָסטע סאָלדאטען געפעלען אייך ניט! וואָס בין איך שולדיג, אז מיין פאָטער איז אן אָרימער סטאָליער און האָט מיר קיין גוטע דערציהונג ניט געקענט געבען?!״ האָט ער געשריען און געקלאַפּט אין טיש פאַר רציחה . . .

מיינע עלטערען וועלכע זיינען געזעסען ביים טיש זיינען געוואָרען שטארק אומרוהיג: ס׳איז געווען א צייט וואָס מ׳האָט נאָר באדארפט אָנוויי־זען אויף אימעצען און זאָגען אז ער איז א „קאָנטר רעוואָלוציאָנעד״ און גלייך האָט מען ארעסטירט און דורכגעפירט א מיליטערישען געריכט. זעהר פיעל אומשולדיגע זיינען דאן דערשאָסען געוואָרען.

„דו וועסט אונז אומגליקליך מאכען״, זאָגט שטיל צו מיר די מאמע,

„האָב רחמנות אויף זיך און אויף אונז!" בעט זיך דער טאטע.

אָבער איך קען זיך ניט באהערשען, כאָטש איך ווייס אז די דיסקוסיע איז געפערלאך.

„און וואָס איז סאן זשורא שולדיג, אויב זיינע עלטערען האָבען איהם געגעבען א גוטע דערציהונג", פרעג איך, „פארוואָס דערגעהען זיי איהם די יאָהרען ? זיי האָבען איהם געמאכט פאר א פשוט׳ן סאָלדאט, צוגענומען דעם דיענשטשיק — דאָס איז עפּעס אנדערש, אָבער פארוואָס פון איהם מאכען חוזק און פייניגען ? !"

האנס האָט ארויסגענומען פון א קעסטעל א פּראָשעק און האָט גענומען זוכען א גלאָז. איך בין אריין אין קיך און האָב איהם געבראכט א גלאָז וואַסער (דאָס האָב איך געטאָן כדי צופרידענצושטעלען מיינע עלטערען) „א דאנק", — האָט ער געזאָגט און ער האָט אויסגעטרונקען דאָס גלאָז וואסער.

„איהר זענט קיינמאָל קיין סאָלדאט ניט געווען, ווייסט איהר ניט וואָס מיר זיינען זיך אויסגעשטאנען פון די אָפיצירען", האָט ער שטיל באמערקט מיט א זיפץ, אָבער שוין אָהן כעס.

מיט א פּאָר וואָכען שפּעטער נאָך דעם אויבענדערמאָנטען אינצידענט איז אריינגעקומען צו האנס׳ען זיינער א חבר, וואָס איז געשטאנען אין א קריסטליך הויז. זיי האָבען זיך איבער עפּעס געאמפּערט און מיט אמאָל האָב איך פון יענעם : „דו ביסט אלע מאָל געווען דער ערשטער צו חוזק׳ן פון סאן זשורא׳ן, און פלוצלונג האָסטו גאָר גענומען זיך קריגען מיט אנדערע חברים פאר וואָס זיי חוזק׳ן אָפּ פון איהם !"

האנס איז רויט געוואָרען . . . איך האָב אויף איהם רחמנות געקראָגען, און האָב פארקירעוועט דעם שמועס : „האָט איהר עפּעס א פיינע קוואַרטירע " האָב איך איהם איבערגעשלאָגען אין מיטען.

„ניט שלעכט, אָבער ביי אידען איז בעסער!" ענטפערט יענער.

* * *

מיט א פּאָר וואָכען שפּעטער האָט מען דעם באטאליאָן געלאָזט וויסען, אז . . . זיי קאָנען זיך אומקערען אהיים ! זיי זיינען געווען די ערשטע באַפרייט צו ווערען, ווייל זיי זיינען געקומען דאָס ערשטע יאָהר אין מלחמה . . . אויב איך האָב ניט קיין טעות זיינען זיי געשטאנען אין אישיצע גאנצע אכט מאָנאטען. זיי האָבען געמאכט א בריק איבערן דניעסטער, וואָס האָט פאראייניגט בעסעראביע מיט אוקראינע.

דאָס געזעגענען זיך מיט אונזערע דריי קוואַרטיראנטען :

ניקאָלאי וואסיליעוויטש, איוואן וואסיליעוויטש און האנס פּעטראָוויטש איז געווען זעהר דראמאטיש.

דער ערשטער האָט א קוש געגעבען מיין פאָטער אין שטערן, זאָגענדיג:

„א הארציגען דאנק דיר, חבר שפּיראָ„ פאַר דיין גאַסט־פריינדליכקייט, די האָסט געטיילט מיט מיר און מיינע צוויי חברים דיין היים ווי מיט אייגענע ברידער !״

האנס פּעטראָוויטש האָט נאָכגעטאָן זיין חבר מיט א קוש דעם טאַטען און האָט געזאָגט: מ׳וואָלט באדארפט אָפּשניידען די צונגען פון די גיפט־מישער, וואָס רעדען פאַרשידענע ליגענס אויף אייער פאָלק ! איך וועל נאָך אייך בענקען זעהר בענקען !״ . . .

איוואן וואסיליעוויטש, א שטילער, שעמעוודיגער און כמעט אומוויסענ־דער (איך האָב וועגען איהם ניט געהאט וואָס צו זאָגען . . .) האָט זיך שע־מעוודיג פאַרענטפערט אז . . . „איך באַזיץ ליידער ניט קיין „קראַסנאָרע־טשיע״ (שעהנשפּראך), אָבער גאָט ווייסט וואָס איך פיהל צו אייער פאַמיליע!״ טרעהרען זיינען געפאַלען פון זיינע אויגען איבער די באַקען . . .

דער מאַמען און מיר האָבען זיי געקושט די הענט.

מיין פאָטער איז געווען בלייך ווי קרייד און זיין שטים האָט געציטערט ווען ער האָט געזאָגט: „א דאנק פאַר אייער אויפריכטיגער אָפּשאַצונג פון מיין פאָלק, און פאַר אייער פריינדשאַפט צוו מיין פרוי און קינדער ! איך האָב אייך אלע דריי ליב געהאַט ווי ברידער״ . . .

מיר האָבען פון זיי געקראָגען א סך בריוו.

דערוועקט רחמנות!..

פאסירט האָט עס אין א קליין אוקראינישע שטעטעל, אין דעם שטור־מישען יאָהר 1920, ווען דאָס לאנד איז געווען פארפלייצט פון פארשיידענע ארמייען, וואָס יעדע פון זיי האָט געקעמפט פאר דער דעראָבערונג פון מאכט.

צו יענער צייט פלעגט אפטמאָל טרעפען אז אין עטליכע טעג פלעגט זיך בייטען די מאכט און מערערע מאָל.

די באָלשעוויקעס האָבען באלאגערט דאָס שטעטעל, און די פעטליו־ראָווצעס האָבען געהאלטען אין עוואקואירען. און ווי געוויינליך האָבען זיי ניט געשאנעוועט די אידישע באפעלקערונג. זיי האָבען געראובט און גע־מאָרדעט אויף רעכטס און לינקס.

אידען האָבען זיך אויסבאהאלטען אין קעלערס, אויף בוידעמער און גערטנער. אייניגע האָבען געזוכט רעטונג אין קריסטליכע הייזער ביי היגע קריסטליכע שכנים און באקאנטע.

די גאסען זיינען געווען איבערפולט מיט צווישעטע סאָלדאטען. שיסע־רייען און פארצווייפעלטע אויסגעשרייען פון פרויען און קינדער האָבען פארהילכט די לופט.

דאָס יונגע פּאָר פאָלק ערשט א פּאָר מאָנאטען נאָך זייער חתונה, האָבען זיך ניט געקענט קיין עצה געבען, וואוהין צו לויפען זיך באהאלטען.

די פרוי האָט געוואָלט זיי זאָלען זיין אין זייער הויז, ווייל זייער הויז האָט אויסגעקוקט ווי א קריסטליכעס, א דאנק דעם פראכטפולען גאָרטען, מיט וועלכען עס איז געווען ארומגערינגעלט.

דער יונגערמאן ווידער, האָט געוואָלט זיי זאָלען אריבערגעהן צו אן אָרימען שניידער, וועמעס הויז עס קוקט אויס זעהר אָרים, מיט דער האָפ־נונג אז אין אזא אָרים הויז וועט מען ניט קומען.

ווען זיי זיינען ענדליך צוגעקומען צום קליינעם שטיבעלע, איז די טיר דאָרטען געווען געשלאָסען. מעגליך, אז מ'איז געווען אינווייניג, נאָר מ'האָט מורא געהאט צו עפענען . . .

דאָס יונגע פּאָר פאָלק האָט באין ברירה געמוזט לויפען צוריק אהיים.

אויפ'ן וועג אהיים האָט זיי אָנגעיאָגט א זעלנער אויף א פערד, און האָט אויסגעליידיגט די קעשענעס פון יונגען מאן.

ווען זיי זיינען אריינגעקומען אין הויז איז נאָך זיי גלייך נאָכגעקומען אן אָפיצער אין דער באגלייטונג פון צוויי סאָלדאטען.

— געלט! — האָט דער אָפיציר אויסגעשריען.

—מיר האָבען ניט קיין געלט, מ׳האָט עס שוין ביי אונז צוגענומען — האָט געענטפערט דער מאַן. דער אָפּיציר האָט אָנגענומען דאָס יונגע פּאָרל ביי די הענט, און האָט זיי אוועקגעשטעלט האַרט איינס לעבען צווייטען. נאָך דעם האָט ער ענטבלויזט זיין שווערד און צוגעלעגט די שאַרף פון שווערד צו זייערע ביידענס העלזער.

געלט אָדער אייערע לעבענס ! — האָט ער געדונערט.ביידע זיינען געשטאַנען בלאַס ווי קרייד, און געפיהלט די קעלט פון שטאָל איבער זייערע העלזער.

איינס ! צוויי ! — האָט דער אָפּיציר געציילט . . . דער שווידערליכער געדאַנק, אז אָט זאָגט ער „דריי״ און עס וועט זיין אויס מיט׳ן לעבען, האָט זיך האַסטיג דורכגעטראָגען דורך זייערע מוחות . . .

די פרוי האָט א כאַפּ געטאָן דעם אָפּיצער׳ס האַנט און אויסגעשריען : „איך וועל געבען געלט!״

דער אָפּיציר האָט אַראָפּגעלאָזט זיין האַנט מיט׳ן שווערד, און געוואַרט.

די פרוי איז אָבער געשטאַנען, ווי א פּאַראַליזירטע, און זיך פון אָרט ניט גערירט.

דער אָפּיציר איז געוואָרען פול מיט רציחה, זיינע אויגען פאַרלאָפען מיט בלוט.

— פאַרשאָלטענע זשידאָווקע, פאַר וואָס ריהרסטו זיך ניט פון אָרט ? !

— האָט ער געריטשעט ווי א חיה.

— וואו זאָל איך דיר נעמען געלט, אז איך האָב ניט ? האָט זי מיט א ציטערדיגע שטים געפרעגט ביי איהם.

— מיט וועמען טרייבסטו שפּאַס ? — האָט ער געשריען און געקריצט מיט די ציין.

—ווען מ׳זעהט דעם טויט פאַר די אויגען, טרייבט מען ניט קיין שפּאַס

— האָט זי געענטפערט.

—פאַר וואָסזשע זאָגסטו: „איך וועל געבען געלט״, ווען דו האָסט ניט? !

ווייל דאָס איז געווען דער איינציגער וועג צו פאַרלענגערען אונזערע לעבענס, זאָל זיין אפילו אויף געציילטע מינוטען — האָט די פרוי טרויעריג געענטפערט. דערביי האָט זי געקוקט מיט א דורכדרינגענדען בליק גלייך אין זיינע אויגען.

עפּעס ווי א ווייטע, ווייטע שיין האָט זיך אין זיינע אויגען באַוויזען, ער האָט אוועקגעדרייט דעם קאָפּ א פאַררשעהמטער, זיך איבערגעקוקט מיט א מאָנדעם בליק, מיט זיינע צוויי באַגלייטער. . .

קענטיג א געפיהל פון חרטה האָט ביי איהם דערוואַכט. דער יונגער מאַן איז געקומען דערווייל צו זיך און איז אויך געוואָרען דרייסטער.

— אונזערע יונגע לעבענס זיינען ביי אונז פיעל טייערער פון געלט, און ווען מ׳זעהט דעם טויט פאר די אויגען זוכט מען דאן ניט צו פארהיטען דאָס געלט — האָט ער געזאָגט און צוגעגעבען.

איך שווער אייך, אז מיר האָבען אונזער געלט אוועקגעגעבען צו א רייטער, וועלכער האָט אונז אָפּגעשטעלט נאָר וואָס אין גאס.

דער אָפיציר האָט לאנגזאם ארייגעלעגט די שווערד אין שיידל.

דאן האָט ער ארויסגענומען פאפיראָסען און אלעמען ארומגעטיילט.

גיב אהער א שוועבעלע ! — האָט ער זיך געווענדעט צו דער פרוי.

—מיט פארגעניגען — האָט זי געענטפערט, צוטראָגענדיג איהם שוועבעלאך.

„א שוועבעלע וועל איך איהם זשאלעווען!״ — האָט זי געטראכט — א שוועבעלע איז פיל לייכטער אוועקצוגעבען ווי דעם לעבען״ . . . זי האָט אָבער געשוויגען וויסענדיג אז אין אזא פאל וואָס ווינציגער מ׳קליגט זיך אלץ געזינטער.

אלע האָבען פאררויכערט.

— מארש — האָט דער אָפיציער א קאָמאנדעווע געטאָן און אלע דריי האָבען ארויסגעמארשירט פון הויז . . .

פון די פּאָר מינוט לעבען, וועלכע די פרוי האָט דאן דורך אן איינפאל אויסגענארט ביים אָפיציר איז שוין אוועק 26 יאָהר, אין וועלכע מ׳האָט שוין דורכגעמאכט „קאלטס און ווארימס״.

איהר פארשטעהט שוין מסתמא אז דאָס פּאָר פאָלק זענען געוועזען ניט קיין אנדערע ווי די שרייבערין פון די דאָזיקע שירות מיט איהר מאן.

רומענישע לצנות . . .

ס'איז געווען אין יאָהר 1919, ווען די רומעניער האָבען פארכאפט בעסעראביע.

דער דניעסטער איז פארוואנדעלט געוואָרען אין א גרעניץ צווישען אישיצע און קליינטשיקען דערפעל קאָרמאַן.

דער ברעג פון יענער זייט דניעסטער, אין קאָרמאַן, איז פארפלייצט געוואָרען פון רומענישע סאָלדאטען. ס'האָבען זיך באוויזען א פּאָר פולעמיאָטען, פון יענער זייט.

דאָס שטעטעל האָט א ציטער געטאָן ! . . .

מ'וועט שוין מעהר זיך ניט קאָנען באָדען אין ברייטען, זאמדיגען לאָסטשענדען דניעסטער.

מ'וועט שוין מעהר זיך ניט קאָנען שיפען אויף א לאָדקע !

מ'וועט שוין מעהר זיך ניט קאָנען אריבערשיפּן פון יענער זייט און שפּאצירען אין וואלד ! ווער שמועסט שוין פון פאָהרען אין גרעסערע שטעט? מ'איז פארשפארט, ווי אין א טורמע.

איניגע האָבען אין קארמאָן שוועסטער, ברידער און מ'געהט צו צום ברעג, מ'פּרובירט עפּעס אריבערשרייען, פרעגען. עס דערהערט זיך גלייך א שיסעריי פון די רומענער, און מ'אנטלויפט ניט טויט ניט לעבעדיג. מ'שמעקט שוין מעהר ניט צום ברעג. מ'באמיהט זיך צו פארגעסען אין די אָלע אויבענדערמאָנטע פארגעניגענס.

אָבער די רומענער פון יענער זייט דרייען זיך ארום אָהן א שטאָך ארבייט און לאנגווייליגען זיך . . .

אין א שעהנעם טאָג פיהרען זיי ארויס א פּאָר פולעמיאָטען צום ברעג און . . . עס הויבטמ אָן רעגענען אין שטעטעל מיט קוילען !

די פארווייל געפעלט זיי, ווייל אישיצע ליגט אין א טאָהל, און פון בארג געהט עס ממש ווי א מזמור אָט דער „רעגען" פון קוילען !

„טרא־טא־טא־טא" דערהערט זיך אין א שעהנעם זוניגען טאָג און עס ווערט א געלויף, א פאניק. מענשען יאָגען ווי פאר'סמ'טע מייז, מיט קלאַפּעדיגע הערצער און מ'זוכט ערגעץ א באהעלטעניש פון טויטליכען „רעגען".

דאָס זיכערסטע באהעלטעניש איז אין א קעלער, שטופּט מען זיך אָן אין נאָהענטסטען קעלער: מענער, פרויען, קינדער, אלט און יונג, ווי געפּרעסטער הערינג אין א פּעסעל, און מ'הערט זיך צו צו דעם מורא'דיגען „טרא־טא־טא" ווען מ'קוקט ארויס דורך א שפּעלטעלע פון טיר, קען מען

זעהן אויפ׳ן בארג די פולעמיאָטען, און ווי די רומענער זיינען זיך דאָרט מתעסק, ווי זיי ארבייטען געטריי און אמוזירען זיך.

די קליינוואַרג אין קעלער באַגרייפען נאָך ווייניג וואָס אָט דער „טראַ-טאַ־טאַ" באַדייט, שפּילען זיי זיך, און ווען עס ווערט אויף א רגע שטיל, ווערען זיי אומגעדולדיג, זיי ווילען שוין ווידער הערען דעם „רעגען" . . .

אנדערש איז עס אָבער מיט די גרויסע . . .

— איך וויל א טרונק ! — דערהערט זיך פון א קינד.

שפּעטער, ס׳וועט אויפהערען דער „רעגען", וויל איך דיר ברענגען וואַסער — ענטפערט די מוטער.

— איך וויל שוין, איך קען ניט וואַרטען ! — שרייט דאָס קינד.

אַן אנדער קינד וויל עסען, א דריט׳ס וויל „עפּעס אנדערש" . . . דאָס געוויין ווערט אונערטרעגליך, א געוואַלד, א ליאַרעם, קינדער רייסען זיך טוען „עפּעס אנדערש" דאָ צווישען די מענשען, וואָס זיינען צונויפגעפּרעסט ווי הערינג אין א פּעסעל, און אין דרויסען קלאַפּט ריטמיש :„טראַ־טאַ־טאַ!"

קיין אנדער קעלער אין אישיצע איז ניט געווען אזא גוטע באַהעלטעניש, ווי אונזערער, איז מען געקומען צו אונז פון נאָהענט און פון ווייט און ס׳איז געווען פרעהלאַך . . .

ווען עס ווערט שטיל אויף א ווײַלע כאַפּ איך זיך ארויס פון קעלער און לויף שנעל אין שטוב ברענגען פאַר די קינדער אביסעל וואַסער. מיין מוטער שרייט אויף מיר און וויינט ממש, אָבער איך וויל זיך ארויסרייסען אויף א ווײַלע ניט נאָר צוליב די קינדער, נאָר אויך צוליב זיך אליין, צוליב אביסעל פרישע לופט, ווייל די לופט אין קעלער איז שרעקליך !...

ווען איך לויף צוריק, מיט׳ן וואַסער קלייב איך אָן א פּאָר אויסגעשאָסענע קוילען פאַר די קינדער זיך צו שפּילען. ביים קעלער דערהערט זיך ווידער דער טראַ־טאַ־טאַ. איך נעם יאָגען מיט אלע כוחות. פון קעלער קוקען ארויס די דורשטיגע קינדערלאַך אומגעדולדיג. זייערע פּנימלאַך שטראַהלען אויף ווען זיי באַמערקען דאָס פלעשעל וואַסער, אָבער ווען איך בין שוין ביים אריינגאַנג פון קעלער ווערט דאָס פלעשעל וואַסער געטראָפען פון א פליהענדיגער קויל, און עס פאַלט ארויס פון מיינע הענט . . .

עס דערהערט זיך א שרעקליכען קוויטשעריי פון דער מאַמען און אנדערע פרויען, און פון שרעק פאַל איך אוועק ביי דער טיר . . .

איך הויב זיך אויף און קום אריין אין קעלער. דאָס קליינוואַרג, ווען עס האָט שוין געוואַסערט אין מויל, דערזעהענדיג דאָס פלעשעל וואַסער באַגעגענט מיך מיט א געוויין: זיי ווילען פאַרט וואַסער. דאָס וואָס איך בין ניט באַשעדיגט געוואָרען איז ביי זיי ניט וויכטיג !

איך נעם ארויס פון קעשענע די קוילען וואָס כ׳האָב אָנגעקליבען פאַר

זיי אלס מתנה, אָבער זיי ווילען וואסער!

ענדליך ווערט שטיל. אלע געהען ארויס פון קעלער און לאָזען זיך אהיים געהן, אָבער עס הויפט אָן ווידער „רעגענען" און מ'קערט זיך אום צוריק אין קעלער.

ערשט ווען מ'זעהט אז די רומענער פיהרען אראָפּ פון בארג די פולע־מיאָטען, ווייסט מען, אז די שפּיל איז שוין פארענדיגט פאר היינט און מ'געהט אהיים. יעדער איינער זאפּט אין זיך אריין מיט זשעדניקייט די פרישע לופט.

מ'לויפט צו קרובים, שכנים און פריינט אויסגעפינען צי זיי לעבען נאָך.

איך לויף צו מיינע חבר'טעס, צוויי שוועסטער און טרעף זייער יונגען ברודער א פארוואונדעטען: מ'לויפט נאָכ'ן דאָקטאָר, אָבער ווער קען איהם קריגען, אז ער איז דער איינציגער אין שטאָדט און עס זיינען פאראן אזוי פיעל פארוואונדעטע?

לויפט מען נאָך'ן רופא, נאָך'ן פעלדשער, אָבער אלע זיינען שטארק פארנומען, זיי קאָנען זיך פשוט ניט צורייסען.

און פון דעם יונגען בחור'ל רינט דאָס בלוט און זיין פנים ווערט בלאסער און בלאסער... צוויי, דריי מאָל א וואָך פלעגען זיך די רומענער אמוזירען אויף אזא אופן ביז עטליכע געוואגטע מענער האָבען איינמאָל צו־געבונדען א ווייסען טוך צו א שטעקען און צוגעקומען גאַנץ נאָהענט צום ברעג.

— וואָס ווילט איהר?" האָט זיך דערהערט א קויל פון רומעניע.

מיר ווילען מיט אייך רעדען — האָט געענטפערט א איד וואָס קען רעדען רומעניש.

— נעמט א שיפעל און קומט אריבער צו אונז!

זיי האָבען מיט ציטערדיגע הערצער זיך אריינגעזעצט אין א שיפעל און זיינען אריבער דעם דניעסטער...

מ'קען זיך פאָרשטעלען וואָס די משפחות האָבען דורכגעלעבט די עט־ליכע שטונדען, ביז זיי זיינען צוריקגעקומען פון רומעניע. זיי האָבען דער־צעהלט, אז מ'האָט זיי גאַנץ פיין אויפגענומען: מכבד געווען מיט וויין און אזוי ווייטער, און אויף דער פראגע: „פארוואָס שיסט איהר אויף אונזער אומשולדיגער באפעלקערונג?" האָבען זיי געענטפערט, אז זיי פארהיטען דאָס שטעטעל פון באָלשעוויקעס.

פון דאן אָן פלעגט מען אָפט אריבערעדען צו זיי, און איינמאָל ווען פּאָלי גאָלדמאַן, א יונגע מיידעל איז געווען געפעהרליך קראנק און מ'האָט זיך געגוויטיגט אין „פיאווקעס" (אזעלכע באשעפענישען וואָס זויגען אָפּ בלוט) וועלכע פלעגען זיך געפינען אויף יענער זייט ברעג, האָבען די רו־מענער דערלויבט צו קומען קריגען די פיאווקעס.

הירש חיים פייסי׳ס, א געוואגטער בחור׳ל, וועלכער איז שטענדיג גרייט צו לויפען אין פייער און אין וואסער כדי צו טאָן אימיצען א טובה, איז ארי־בערגעשוואומען צו די רומענער, האָט געבראכט די נויטיגע פּיאוקעס און דאָס מיידעל איז געראטעוועט געוואָרען! . . .

איינמאָל האָבען די רומענער געלאָזט וויסען, אז אין א געוויסען טאָג וועלען זיי שיסען פון פּולעמיאָטען, און זיי ראטען אלזא די באפעלקערונג זאָל פארלאָזען זייערע היימען און זיך פארזאמלען ביים ברעג דניעסטער.

אלע האָבען אָפּגעשלאָסען זייערע היימען און מיט זאק און פּאק זיך אוועקגעלאָזט צום ברעג.

ס׳איז געווען אין א צייט, ווען די טיפוס עפּידעמיע האָט מורא׳דיג גע־בושעוועט אין שטעטעל און אומגעגענט. ס׳איז כמעט ניט געווען קיין הויז וואו עס זאָל זיך ניט האָבען געפונען א טיפוס קראנקער, אָדער צוויי, דריי. אין א סך הייזער איז מען געזעסען שבעה . . .

מ׳האָט געדונגען וועגענער ביי קריסטען, ארויפגעלעגט די קראנקע אויף די וועגענער, און אין אָט אזא פּראָצעסיע האָט זיך דאָס גאנצע שטע־טעל אישיצע אוועקגעלאָזט צום ברעג דניעסטער.

ס׳איז מיר שווער, אוממעגליך צו באשרייבען דאָס בילד, ווי א גאנץ שטעטעל פון וועלכען העכער האלב באשטעהט פון טיפוס קראנקע שלעפּען זיך אין א הייסען זומער טאָג מיט קינדער, קלומיקעס, מעדיקאמענטען צום ברעג דניעסטער. עס איז געווען א שרעקליך שוידערליך בילד! עס האָט זיך מיר ניט געקענט גלויבען, אז עס קומט פּאָר אין דער ווירקליכ־קייט, נאָר עס האָט אויסגעזעהן ווי עפּעס א קאָשמאר, א בייזער חלום.

די זון האָט געבאקען אומרחמנות׳דיג, דער שווייס האָט געראָנען פון יעדען פּנים, די קליידער זיינען געווען צוגעקלעפּט צום לייב, און עס ציהען זיך וועגענער מיט קראנקע און מענשען געהען נאָך ווי נאָך א ריזיגער מאסען־לויה!

עס הערען זיך קרעכצען און געוויינען פון די וועגענער, אויך די גע־זונטע וואָס געהען נאָך זיינען ערשט אויפגעשטאנען פון דער קרענק אָדער פון שבעה . . .

אלע האָבען זיך אויסגעשפּרייט לעבען א קליין קרעטשמעלע ביים ברעג.

די געפערליך קראנקע האָט מען אויסגעלעגט אונטערן שאָטען פון עטליכע ביימער, וואָס האָבען געוואקסען אונטער׳ן קרעטשמעלע. די היץ איז שוידערלאך, קינדער קוויטשען לויפען, טרעטען איבער די קראנקע מיט די פיס. די קראנקע וויינען, קרעכצען, בעטען אז מ׳זאָל זיי נעהמען צוריק אהיים.

„איך וויל שטאַרבען אין מיין בעט פירט מיך אָפּ אהיים!״ הערט זיך פון פארשידענע קראנקע, פון אלע זייטען.

ס׳געהט אוועק א שטונדע, צוויי, דריי — ס׳איז שטיל פון יענער זייט ברעג, מ׳זעהט אפילו ניט דעם פולעמיאָט.

„צוליב וואָס האָט מען אונז געהייסען פארלאָזען אונזערע הייזער?״ פרעגט איינער דעם צווייטען.

„זאָל איך אזוי וויסען פון צרות, וואָס פרעגט איהר מיך?״

ענדליך דערהערט זיך א שיסעריי אָבער . . . ניט אין שטאָט שיסט מען, נאָר גאָר אהער צום ברעג, וואו עס געפינען זיך די קראנקע און האלב קראנקע באפעלקערונג ! . .

„גאָט אין הימעל, וואָס איז דאָס ?״ ס׳ווערט א שרעקליכער פאניק, מ׳נעמט יאָגען איינער אויפ׳ן צווייטען, מ׳טרעט איבער די אומגליקליכע אָהן רחמנות . . .

וואָס האָט פאסירט ? — עס ווייזט זיך ארויס אז . . . א פאָר קליינע קינדער זיינען צוגעקומען אביסעל נעהענטער צום ברעג, האָט זיך רומעניע „דערשראָקען״ און גענומען שיסען אויף די טיפוס קראנקע פרויען און קינדער !

„זאָלען זיי פארברענט ווערען אונזערע גוטהערציגע שכנים ! איך געה אהיים !״ רופט אויס מיין פאָטער און נעמט זיך קלייבען די פעקלאך. די מאמע מיט די דריי קינדער געהען נאָך.

אויף אונז קוקענדיג הויבען זיך אויך אנדערע אָן קלייבען אין וועג אריין.

„אויב זיי שיסען סיי דאָרטען, סיי דאָ איז דאָך שוין בעסער צו באַגעגענען דעם טויט ביי זיך אין דער היים, ניט ערגעץ ביים ברעג דניעסטער ! טענה׳ט א איד.

— א פייער אויף זיי ! ס׳האָט זיי דערעסען די געוויינליכע ספעקטאַקלען וואָס זיי פלעגען פראווען ביז איצט, האָבען זיי צוגעטראַכט עפעס נייעס ! הערט זיך א באמערקונג פון א קראנקען אויף א וואָגען.

אלע פאקען זיך איין, און די פראָצעסיע ציהט זיך צוריק אין שטעטעל אהיים . . .

* * *

אין א געוויסער ווינטער נאכט האָב איך מיט א גרופע מענשען באצאָלט א געוויסע סומע געלט צו קאָנטראָבאנדיסטען, וועלכע האָבען אונז געהאָלפען שווארצען די גרעניץ.

מיר האָבען שטיל מארשירט איבערן געפרוירענעם דניעסטער, וועלכען איך האָב אזוי ליב געהאט . . . דער דניעסטער וועלכער האָט מיר אזוי פיל זיסע פרייד פארשאפט אין מיינע זאָרגלאָזע קינדער יאָהרען !

צום לעצטען מאָל האָב איך איהם דאן געזעהן . . .

עס דערהערט זיך א שיסעריי; דאָס האָבען די רומענער דערהערט אונ־

זערע טריט און גענומען שיסען. מיר זיינען שוין פון יענער זייט גרעניץ אין געדיכטען וואלד, וואו איך פלעג אזוי אָפט שפּאצירען.

„בויגט זיך אראָפּ צו דער ערד!" דערהערט זיך די קאָמאנדע פון א קאָנטראבאנדיסט.

מיר פּאָלגען איהם,ווארטען אָפּ א ווייל, דאן שפּאנט מען ווייטער.

מיר האָבען געגנב'עט די גרעניץ! איך האָב זיך דאן דערלעבט א שטי־קעל נקמה אין אונזערע „גוטהערציגע" שכנים . . .

מ ו ט ע ר - ט אָ ג

(א בריוועל פון קאנאדע)

מאמע הארציגע !

נעכטען איז געווען מוטער־טאָג. ס'איז א מנהג אזא, צו ברענגען דעם טאָג דער מאמען א מתנה.

טראכט איך, אז אויך איך האָב ערגעץ א מאמע, און וואָלט איהר אויך געוואָלט ברענגען א מתנה אָבער . . . ביסט ערגעץ ווייט ווייט פון מיר, ווי קען איך דיך גרייכען ?

איך וואָלט דיר געקויפט א בלויע קלייד. כ'געדענק מיט יאָהרען צוריק, ווען מיר זיינען נאָך געווען צוזאמען, פלעגען בלויע קאָלירען שטארק פאסען צו דיינע גאָלד־בלאָנדע האָר, און הימעל־בלויע אויגען. דו פלעגסט זיך שטענדיג קליידען אין בלויע קאָלירען.

און מיינע חבר'טעס פלעגען מיר אָפט באמערקען:

„דיין מאמע איז אזא שעהנע !"

איך פלעג ליב האָבען צו הערען אָט די באמערקונגען, זיי פלעגען מיר מאכען פיהלען שטאָלץ.

איצט אָבער נאָך אזוי פיל יאָהרען, פון שטורמישע איבערלעבונגען און בענקשאפט נאָך די קינדער, ווייס איך ניט ווי אזוי דו קוקסט אויס, און . . . צי עס פאסען דיר נאָך אלץ אזוי שעהן הימעל־בלויע קאָלירען ? . . .

יע, איך וואָלט שטארק וועלען דיר ברענגען א מתנה, און טאקע אין איין וועג כאפען א קוק אויף דיר . . .

געדיינקסט מאמע, ווי איך פלעג ליב האָבען, דיר איבערצודערצעהלען אלעס וואָס איך האָב געלייענט אין די ביכער? דו פלעגסט קיין צייט ניט האָבען, זיך אוועקצוזעצען, מיך אויסהערען, פלעגסטו אָנגעהן מיט דיין אר־בייט, און איך פלעג דיר נאָכגעהן פיס־טריט, און רעדען, דערציילען.

ביסט געגאנגען אין קעלער, בין איך דיר נאָכגעגאנגען ; ביסטו גע־גאנגען אין קאמער בין איך אויך נאָכגעגאנגען, און גערעדט און גערעדט, דערציילט און דערציילט . . .

איינמאָל האָט זיך מיר אויסגעדאכט, אז דו הערסט זיך ניט צו צו מיר, בין איך געוואָרען שטארק אויפגעבראכט און בין אָרויס פון קאמער אויס־רופענדיג: „איך וויל דיר שוין קיינמאָל, מעהר גאָרניט דערצעהלען !"

דו ביסט מיר נאָכגעלאָפען, און אָנכאפענדיג מיך ביי די הענט האָסטו מיך

פארזיכערט, אז דו האָסט געהערט יעדעס וואָרט, און האָסט טאַקע גלייך אי־בערדערצעהלט א טייל פון דעם, וואָס איך האָב דיר דערצעהלט, כדי מיך צו איבערצייגען, אז דו האָסט געהערט אלץ וואָס כ׳האָב דיר דערצעהלט . . .

מיר זיינען געווען ווי חבר׳טעס, ניט ווי א מאמע מיט א קינד· דו ביסט געווען מיין בעסטע חבר׳טע, און ווען מ׳זעט ניט אזא חבר׳טע גאנצע 25 יאָהר איז עס אביסעל צו לאנג ! ביז היטלער איז ניט אָנגעפאלען אויף דער מענשהייט, האָבען מיר כאָטש געהאט דעם פארגעניגען פון דורכשרייבען זיך, אָבער איצט איז שוין אויך דאָס איבערגעריסען געוואָרען . . . נו, און דער טאטע איז שוין ביי מיר גאָרניט ? . . . איז ער נאָך היינט אזא גוטער פאָר־לעזער פון שלום עליכם׳ען ווי אמאָל מיט יאָהרען צוריק ? איך האָב שוין דאָ געהערט פיל גוטע פאָרלעזער, אָבער קיינער קען ניט אויסטייטשען אונזער באליבטען הומאָריסט, ווי דו טאטע, קיינער !

איך געדענק, דעם טאָג ווען א שכן, מאָטיע באָדנער איז אריינגעקומען צו אונז און אָנגעזאָגט די נייעס : „שלום־עליכם איז געשטאָרבען!״

דו ביסט געוואָרען בלייך ווי קרייד, און אראָפּלאָזענדיג זיך אויף א סאָפע, האָסטו זיך פונאנדערגעוויינט. ווי א קליין קינד האָסטו געוויינט. איך האָב גע־קוקט אויף דיר פארוואונדערט :

„א טאטע וויינט אויך אמאָל, ווי א קינד!״ האָב איך געטראכט מיט דער־שטוינונג, ביז דאן האָב איך געמיינט, אז וויינען איז די פּריווילעגיע פון קינ־דער, אָבער, אז אויך דערוואקסענע קאָנען וויינען, האָב איך ניט געוואוסט.

„נחום וויין ניט, מיר וועלען אלע שטארבען, דאָס איז דער סוף פון יע־דען איינעם״, האָט געזאָגט די מאמע צו דיר מיט א צאַרטער שטים, „אָבער מיר זיינען ניט קיין שלום עליכם׳ס, אָה, איך פיהל צו שאַרף און טיף, וואָס אונזער פאָלק האָט היינט פארלוירען!״ . . . האָסטו געענטפערט מיט א גע־בראָכענער שטים . . . שוין אזוי פיל יאָהרען זיינען זייט דאן פארשוואומען, אָבער איך געדיינק עס ווי נעכטען וואָלט עס פּאסירט ! און געדענקסט טאַ־טע, ווי יעדען ערשטען אפּריל פלעג איך דיך אָפּנארען?

איינמאָל, אין אן ערשטען אפּריל, ביסטו געווען שטארק פארנומען; האָסט זיך געדונגען מיט סוחרים פון גרויסע שטעט, וואָס פלעגען צו דיר קומען אלע יאָהר וועגען די פּרייזען פון תבואה.

איך האָב אָבער ניט געוואָלט, פארלירען די געלעגענהייט, אָפּצונארען דעם טאטען, און ניט קריגען באשטראָפט, און איך האָב דיר געזאָגט, אז משה יוסעל׳ס האָט מיר געזאָגט ווען איך בין דאָרט געווען קויפען הייוועז, איך זאָל דיר. צו איהם גלייך צושיקען, ער מוז דיך זעהן, און וועגען עפּעס זעהר וויכטיגעס מיט דיר רעדען·

„אויב ער באדארף מיך נויטיג, קען ער דאך קומען צו מיר!" האסטו געזאגט.

„ער איז ניט געזונט און קען צו דיר ניט קומען!" ענטפער איך, און דאס הארץ קלאפט ביי מיר פון אויפרעגונג, און מורא אז אט אט און דו דער־וואוסט זיך, אז עס איז היינט דער ערשטער אפריל, און . . . ווערסט חלילה ניט געהן וואוהין איך שיק דיך! . . .

גאט האט אבער אויף מיר רחמנות געהאט, פונקט ווי אלע אנדערע ערשטע אפרילס; האסטו זיך ניט געכאפט, אז ס'איז היינט דער טאג ווען מ'מעג אפנארען אפילו דעם טאטען.

דו האסט זיך ענטשולדיגט פאר די סוחרים, און ביסט אוועקגעגאנגען צו משה יוסעל'ס . . .

ביסט אבער באלד צוריקגעקומען מיט א כלמרשט אנגעכמורעטען פנים, אבער דיינע קלוגע אויגען לאכען, שיינען ווי זונען! דו האסט דערצעהלט די סוחרים, ווי אזוי דו האסט אויסגעזעהן, אריינקומענדיג צו משה'ן, מיט דער פראגע: „וואס האט איהר מיך גערופען, רב משה?! . . .

און האסט פארענדיגט מיט די ווערטער: „אלע יאהר שיקט זי מיך צו אימעצען אנדערש, און איך פארגעס וואס זי האט מיר אפגעטאן פארא־יאהרען. און געה ווידער!" . . .

און דו כאפסט מיך ארום, און קניפסט מיר די באקען!... טאטע, וואו נעמט מען ווערטער ארויסצוברענגען, דאס וואס דער מענש פיהלט צו מאהל!

אויך מיין ברודער, וועלכען כ'האב געלאזט א קליין אינגעל, און ער איז שוין אזך אינזשענער, פארהייראט, און א פאטער פון א קינד, וועגן וועלכען דו שרייבסט אין דיין לעצטען בריף, אז עס איז „א שם דבר" וואלט איך אזוי וועלען זעהן . . .

צו וואס שרייב איך דאס אלעס? עס פעהלען מיר ניט אויס קיין טעמעס. איך שרייב, כאטש איך ווייס, אז איהר וועט מיין בריוו ניט לייענען, ווייל איך ווייס ניט וואו איהר געפינט זיך . .

אבער עס דריקט און נאגט, אזא טיפער ווייטאג אין מיין הארצען וועלכעס איז איבערגעלאדען מיט פיין און ליידען, און אויב איהר וועט אט דעם בריוו ניט לייענען, וועלען איהם אנדערע לייענען, מיטפיהלען, פארשטעהן . . .

ווער פון אונז פיהלט ניט צו מאל אזוי קליין, הילפלאז, עלענד און פאר־לוירען, אז ער מוז זיך אביסעל אראפרעדען פון הארצען?

ווער פון אונז האט ניט, אדער האט ניט געהאט אמאל א טאטען, א מא־מען, א ברודער און אזוי ווייטער?

ווער פון אונז איז גלייכגילטיג צו די דערינערונגען וועגען זיי? און ווער פון אונז איז גלייכגילטיג צו דער איצטיגער, פינסטערער צייט, וועלכע האט כמעט יעדען איינעם אנגעגריפען מיט היטלער'ס בלוטיגען שווערד!

אָפּקלאַנגען פון טרויער־טאָג

מיטוואָך, 2-טער דעצעמבער 1942· טאָג פון טרויער פאַר׳ן וועלט־אי־דענטום. איך בין אליין אין הויז. אלע זענען זיך צוגאנגען ווער צו דער אר־בייט, ווער אין סקול. איך איינע אליין מיט מיין גרויסען טרויער, מיט מיין, טיפען וועהטאָג און שמערץ אין מיין הארץ!

ס׳איז שטיל, שא . . . די אויגען זענען איבערפולט מיט טרערען, און פלוצלונג רייסט זיך ארויס ביי מיר א הויך, יאָמערליך געוויין! . . .

מיין קליין הינטעל, וואָס ליגט אויף א בענקעל צונויפגעדרעהט ווי א בייגעל, כאפט זיך אויף פון שלאָף א דערשראָקענס און שפּרינגט אראָפּ, לאָזט זיך אוועקגעהן פון מיר. אָבער אָט קוקט עס אויף מיר מיט טרויעריגע אויגען און דערנעהענטערט זיך צו מיר מיט לאנגזאמע ניט זיכערע טריט, דאן לעגט עס זיין מאָרדעטשקע אויף מיין קניה, און קוקט ארויף צו מיר מיט אומע־טיגע, פייכטע אויגען . . .

געדאנקען לויפען, מישען זיך אין מיין מוח. בילדער איינע שרעקליכער פון דער צווייטער דערשיינען פאר מיינע אויגען . . . דאָרטען וואו מיינע נאָהענטסטע זענע איז איצט מיין געדאנק זאָל איך בעטען פאר זייער לעבען צי עס איז שוין צו שפּעט . . . אָ גאָט, וואָס זאָל איך זאָגען, ווי אזוי זאָל איך בעטען, אז מיין קאָפּ איז איבערפולט מיט ברענענדיגען וועהטאָג, אז מיין הארץ פרעסט א שווערער שטיין. ווי אזוי זאָל איך צו דיר בעטען, וועל־כע רייד זאָל איך פאר דיר אוועקלעגען, אז דו זאָלסט זיי הערען, זיי זאָלען דיר געפעלען ? !

זאָל איך דיך לויבען, ווי קען איך איצט? עס וועט דאָך זיין חניפה, ס׳וועט דען זיין אויפריכטיג ווען איך בין אזוי געקריוודעט פון דיר ? צי קען מען דיר דען אָפּנארען, דו לאָזט זיך ניט נארען . . .

אין אווענט וועלען מיר אלע קינדער, פון דיין פאָלק ישראל זיך צוזאמענקומען אין דיין הויז, און מיר וועלען וויינען און קלאָגען אויף אונזער גרויסען בראָך, אויף אונזער גרויסען שרעקליכען אומגליק, וואָס האָט זיך פארנאנדערגעשפּרייט איבער דייך גרויסער ברייטער וועלט.

געדענקסט, מיט צוויי וואָכען צוריק האָב איך דיר צוגעזאָגט, אז מיר וועלען ניט אויפהערען וויינען ביז וועסט אונז ניט העלפען; אז מיר ווע־לען דיר פארוויינען דעם קאָפּ . . . האלטען מיר וואָרט : וועסט שוין הערען אין אווענט, אין די שוהלען ווי מיר וועלען זיך צעזינגען און צעזאָגען ! . . .

ס׳איז ביי דיר אין די הענט אונזער געוויין און אונזער פרייד. דו קענסט עס

דאָס געוויין אונזער׳ס פארוואנדלען אין פרייד, באדארפסט נאָר וועלען ! . . .

איך שטעל זיך פאָר, ווי דו וועסט אראָפּקוקען אויף אונז פון דיינע הויכ־קייטען, וועסט צושאָקלען מיט׳ן קאָפּ און טראכטען:

„איהר קענט שעהן יאָמערען, ווען מ׳שטראָפט אייך, אָבער, ווען איך לאָז אָפּ אויף א מינוט די בייטש, נו, נו. ווערט איהר עס ווילד ! איהר פאר־געסט אין רחמנות, איהר פארגעסט אפילו אין אייער גאָט.

„עס טוען מיר וועה אייערע ליידען, איך בין אייער פאָטער און ווען א טאָטע האָט שלעכטע קינדער, איז ער אלץ זייער טאטע, און פיהלט זייערע ליידען אָבער . . . איהר דערצאָרענט מיך צו פיל, קינדער. איהר דערצאָרנט מיך און ווען איהר זענט שלעכט, שפּיגעלט זיך אייער שלעכטיגקייט אויך אָפּ אויף מיר. עס מוז מיר באווירקען. ניט איך נאָר איהר זענט די שולדיגע! איהר לאָזט זיך צופיל אריין אין עולם הזה׳דיגען לעבען און איהר פארגעסט אין גאנצען אין אייער גאָט, וועלכער וויל פון אייך איהר זאָלט זיין יושר־דיג, און איהר זאָלט ווערט זיין מיך צו האָבען פאר א געטרייען טאטען!

„איך האָב אייך שוין אזוי פיל מאָהל געווארענט, אז אויב איהר וועט אין מיר פארגעסען, וועט אייך זיין ביטער און פינסטער און עס וועט זיין אויך טרויעריג פאר מיר.

פארוואָס נעמט איהר עס ניט אין אנבאטראכט?

„וויפיל מאָהל קען איך אייך מוחל זיין?

„אלץ מוז האָבען אן עק, א סוף !

„איך בין שוין מיד, פון אייער זינדיגען, בעטען און וויינען און קלאָגען יעדעס מאָל ווען איך שטראָף אייך.

„געדענקט איך בין אייער גאָט !

אָט דאָס, שטעל איך מיר פאָר, וועסטו היינט אווענט טראכטען אראָפּקו־קענדיג פון דיינע הויכקייטען אויף דיינע זינדיגע קינדער, בעת זיי ווילען וויינען און קלאָגען אויף זייער גרויסען בראָך ! . . .

און דעם אמת זאָגענדיג קען איך דיר ניט באשולדיגען :

האָסט אונז געגעבען אזא שעהנע, ליכטיגע, וואונדערליכע וועלט, מיט אזוי פיל פראכט און פרייד, ווילסטו, מיר זאָלען זי אָפּשאצען, ווער וואָלט בעסער געווען פון דיר ? — קיינער !

איך ווייס אז ס׳איז אוממעגליך א גלייכע ליכטיגע וועלט, מיט קרומע פינסטערע מענשען-נשמות; די צוויי זאכען קאָנען ניט געהן צוזאמען. ס׳איז אונמעגליך !

איך ווייס, אז עס מוז דיך באווירקען אונזער שלעכטע אויפפירונג, אז א פאָטער איז א טייל פון זיינע קינדער, פונקט ווי קינדער זענען א טייל פון זייער פאָטער.

דאָס איז דאָס געזעץ פון דיין נאַטור.

אָבער . . . . נעם זיך ניט אָן צופיל פון אונזער שלעכטיגקייט, דו ביסט פאַרט דו, און מיר . . . שעהן וואָלסטו אויסגעזעהן, זאָלסט זיין אזוי ווי מיר זענען ! . . .

איך בין אזוי קליין און נישטיג. איך בין א זאמדעלע אין ים. וואָס מעהר קען איך טאָן, חוץ געהן צווישען מיינע אומגליקליכע, דערנידעריקטע שוועס־טער און ברידער כדי אויסצומישען מיין גרויסען צער מיט זייערען. אויס־מישען מיינע טרעהרען מיט זייערע טרעהרען.

און בעטען און פרעגען: ביז ווי לאנג טאטע?

און דו וועסט שטעלען די פראגע: ביז ווי לאנג, קינדער?״

אָט הער איך דעם שרעקליכען יאָמער פון מיין פאָלק.

איך הער עס פון יענער זייט, און אויך פון דער זייט ים.

ס׳איז גרויל, ס׳איז שוידער . . .

אפשר איז עס גאָר א בייזער חלום, איינער פון די וויסטע חלומות, וואָס חלומען זיך צומאָהל און מ׳זאָגט צו זיך : ״כאַפּ זיך אויף״! און מיטאמאָל, דערוואכט מען און . . . אלץ איז אוועק און עס ווערט אזוי לייכט, גרינג מחיה׳דיג אויפ׳ן הארצען ! . . .

ניין, דאָס איז ניט קיין חלום. עס האלט אָן צו לאנג, איך האָב שוין 20 מאָהל פרובירט זיך ״אויפכאַפּען״ אָבער א נעכטיגער טאָג ! ס׳איז ווירקליכ־קייט ס׳איז לעבען, ס׳איז ליידען, שוידער, גרויל !

אָט קומט אריין מיין 14 יאָהריגע טאָכטער פון שולע.

זי קוקט אויס עלטער מיט עטליכע יאָהר . . .

״מאמע, אזוי פיל אידען, אזוי פיל אידען האָט מען אומגעבראכט. האָט אונז היינט א רב דערציילט !״ לאָזט זי מיר וויסען מיט א טרויעריגער שטים.

זי פיהלט שוין דעם טעם פון זיין א אידיש קינד ! . . .

ס׳איז שוין אכט דער זייגער, איך געה אין שוהל. ווען איך וועל צוריק־קומען, וועל איך פאַרענדיגען די דאָזיגע פארצייכענונגען.

● ● ●

ס׳איז איצט האלב נאָך צעהן.

איך בין געווען אין בית יהודה שוהל. די שוהל איז געווען פול מיט מע־נער און פרויען.

די טרויער צערעמאָניעס זענען דורכגעפירט געוואָרען פון הרב צבי הכהן, הרב הירשהאָרן און חזן סירעק.

מיט איין וואָרט : ס׳איז געווען ״פרעהליך״.

אָבער . . .רבישע ! מעהר וויל איך שוין אזעלכע אַוועגטען ניט בייי־וואוינען. איינס פון די צוויי :

אָדער לאָז אונז לעבען ווי מענשען אָדער מאך א סוף ! פאר אנדערע לעבענס קען איך ניט „מענעדזשען״ אָבער פאר מיר . . . קענסטו מיין לעבען צונעמען וועט זיין בעסער ווי דורכצולעבען אזעלכע טעג ! אָבער איך האָף און גלויב אז דו וועסט אונז ענדליך העלפען ! איך גלויב נאָך אלץ אין דיין געטריישאפט און רחמנות ! ענטויש אונז ניט מיין גאָט ! . . .

דערציילונגען

צווישען קוקורוזעס

מישא, איז דער איינציגער זון צווישען 6 טעכטער ביי די קליגערס. גיט מען איהם דערפאר נאָך „דאָס טעלערעל פון הימעל״. ער איז דערצו שעהן, הויך און ברייט פלייציג, און די עלטערען פארגינען זיך ממש ניט זאט אָנצוקוקען אויף זייער בן יחיד!

אז מישא גיט א קוק אויף א מיידעל, מיט זיינע גרויסע, שווארצע אויגען, פיערטועגדיג דערביי מיט דער האנט דורך דעם געדיכטען, שווארצען קאָפּ האָר זיינעם ווערט די מיידעל א פאר׳כשופ׳טע. פעהלען איהם טאקע ניט קיין מיידלאך. זיי קלעפּען ארום איהם ווי ביהנען ארום האָניג. ער האָט אָבער שוין געוואָרפען אן אויג אויף דער בלאָנדער שעהנהייט, מיט די לאנגע צעפּ, און די מיידלאך זיינען איהר שטארק מקנא. „זי האָט גרויס מזל, קלארא״, שמועסען צווישען זיך די מיידלאך.

עס ברעכט אויס די מלחמה אין 1914. מישא ווערט „איינגעלאדען״, זיך יאווענען. א פּחד באפאלט דער פאמיליע. די קליגערס ווילען ניט אוועקלאָזען זייער בן יחיד אין פייער אריין. טאָ וואָס טהוט מען מיט איהם? ווי באהאלט מען דעם שיינעם הויכען, ברייטפלייציגען זון זייערען?

נאָך א לאנגע בעראטונג, באשליסט מען, אז ער זאָל אָפּפאָרען אין איין אנדער שטעטעל און זיך דאָרט אויסבאהאלטען אלס „האָז״. מישא זעגענט זיך מיט זיין משפחה, און מיט זיין בלאָנדער קלארא׳ן, וועלכע ער דריקט פעסט צו זיין הארץ, און פארזיכערט איהר אז ער וועט פון קיין אנדער מיידעל קיינמאָל ניט טראַכטען — ער פאָרט אוועק מיט א אומעטיג געמיטה. די ווינשטיינס, וועלכע זיינען זייט יאָהרען באפריינדעט מיט די קליגערס, נעהמען אויף מישא׳ן זעהר פריינדליך, כאָטש עס איז א גרויסע געפאהר אויסצובאהאלטען אן „האָז״. (סאָלדאטען וואָס באהאלטען זיך אויס).

בייטאָג האלט ער זיך אויף צווישען די קוקורוזעס, און ביינאכט שלאָפט ער אין א זייטיגען צימערל ביי די ווינשטיינס. ווען עס איז אין שטעטעל אומרוהיג, און עס באוויזען זיך „סיסטשיקעס״ (געהיימע פּאָליציי), שלאָפט דאן מישא אויפ׳ן בוידעם. עס טרעפט אז א מויז שפּרינגט איבער זיין פּנים. צומאָל איז איהם אונמעגליך איינצושלאָפען. געדאנקען, איינער נאָכ׳ן אנדערען, שפּארען זיך אין קאָפּ. אומעטיגע, שווערע געדאנקען זיינען דאָס וואָס מאטערן איהם און געבען איהם קיין רוה.

ווער ווייסט, ווי לאנג עס וועט איהם נאָך אויסקומען צו לעבען אין אזעל־

כע אומשטענדען ? עס ווילט זיך שוין אזוי זעהן די עלטערען, די שוועסטער און — קלאראַ'ן . . . די הויכע, שלאנקע קלארא, מיט די גוטע אויגען, בלוי ווי דער הימעל . . . ס'דערמאָנען זיך איהם נעכט פון ליבע, קלאראַ'ס צאר־טע, לאסטשענדע הענט, אָה, ווי עָר בענקט און נאָגט דאָס יונגע הארץ . . .

מישא קאָרטשעט זיך, דרייט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער. די מייז גריזשען עפּעס, לויפען אום, קוויטשען... עס הערט זיך דאָס האווקען פון הינט. דאָס הארץ הייבט אָן אומרוהיג צו קלאפּען. טריט דערנעהענטערען זיך — מישא האלט איין דעם אָטעם . . . אפשר גייט מען איהם ארעסטירען? עס ווערט אָבער באלד שטיל. ער ליגט אן אויסגעמאטערטער, מיט אָפענע אויגען, אויפ'ן בוידעם, צווישען צובראָכענע קעסטלעך, שטיקער אייזען און פארשידענעס כלאָם. די מייז גריזשען עפּעס גאנץ נאָהענט, זיי האָבען הפנים זיך שוין צוגעוואוינט צו איהם, ס'איז שוין פולער טאָג, ווען ער שלאָפט איין.

בייטאָג איז די צרה נישט אזוי גרויס. מישא ליגט איינגענירעט צווישען די קוקורוזעס און לייענט א בוך, אָדער ער שרייבט בריף. די וויינשטיינס האָבען איהם ליב, באזונדערס זייער עלטסטע מיידעל, שרה'לע, זי איז אין איהם גאָר פארקאָכט. זי ברענגט איהם ביכער און צייטונגען, זיצט מיט איהם אָפּ שעה'ן לאנג צווישען די קוקורוזעס, רעדט און לאכט, און באמיהט זיך איהם צו מאכען פרעהלאך.

„אפשר איז זי אין מיר פארליבט?'' קומט מישא'ן א געדאנק. „נאָך דאָס וואָלט מיר געדארפט טרעפען צום רימעלי!'' שרה'לע איז קליין, דאר און גרינ־איהרע חבר'טעס רופען זי „פארזעהעניש''. צו דעם הויכען, ברייט פּלייציגען, שעהנעם מישא'ן, איז זי גאָר ניט קיין צוגלייך.

זי זיצט אָבער מיט איהם גאנצע טעג ווי זי וואָלט אויך געווען א „האָז''. און פיהלט זיך מיט איהם אזוי נאָהענט, און גליקליך.

איינמאָל איז צו מישא'ן געקומען א טרויעריגע בייעס : מ'האָט זיין אל־טען טאטען ארעסטירט פאר עפּעס א חטא געגען דער רעגירונג, און ער זיצט אין טורמע.

מישא'ס הארץ בלוטיגט פון רחמנות צו זיין ליבען פאָטער. „ווינציג איז איהם די צרות פון מיר, ווי וועט ער קאָנען איבערטראָגען, אזא אלטער, שוואכער מענש, די אלע ליידען?'' טראכט מישא מיט אנגסט. ווי אומעטיג עס מוז דאָרט איצט זיין אין מיין היים! ווי עס ווילט זיך כאָטש איין בליק טאָן אויף זיי . . .

פון ציינט צו צייט פלעגט איהם אָנקומען א בריוועל פון די שוועסטער און א גרויסער בריוו פון קלאראַ'ן. אומעט . . . אומעט . . . אומעט . . . און דאָ האָט זיך די קליינע שרה'לע צוגעטשעפּעט און פארנודיעט איהם מיט איהרע ליבעס ערקלעהרונגען.

„מישא, גיב מיר א קוש״, בעט זי זיך ביי איהם. זי ברענגט איהם זיינע באליבטע מאכלים. זי ווייסט, אז ער האָט ליב לאטקעס פון קעז, פועל׳ט זי שוין ביי דער מוטער אז זי זאָל מאכען גאַנץ אָפט לאטקעס פון קעז. „מישא, פלעגט זי צו איהם א זאָג טאָן מיט געבעט, כ׳האָב דיר געבראכט לאטקעס, טאָ גיב מיר איין קוש, איך בעט דיך זיי ניט קיין שלעכטער״ . . . ער קוקט זי אָן פארוואונדערט, און איינמאָל נעמט ער זיך אָן מיט מוט און רופט זיך אָפּ :

„שרה׳לע, דו ווייסט דאָך אז איך האָב ליב קלארא׳ן. ווי זשע קען איך קושען דיך, ווען איך בענק גאָר נאָך יענער ?״

שרה׳לע ווערט ניט איבערראשט. „דו וועסט מיך ליב באקומען, דאַן וועסטו פארגעסען אין יענער״ גיט זי איהם צו פארשטעהן. מישא לאכט זיך פונאנדער. דער געדאנק אז ער זאָל זיך פארליבען אין דער פארזעהעניש, און פארגעסען קלארא׳ן, קומט ביי איהם אויס אזוי קאָמיש, אז ער קען זיך ניט אָפּהאלטען פון געלעכטער. עס שיינען פאר איהם אויף קלארא׳ס בלויע אויגען, און עס דוכט זיך איהם, אז אויך קלארא לאכט מיט איהם מיט !

ס׳זיינען פארביי מאָנאטען, נעכט צווישען מייז, טעג צווישען קוקורוזעס, בענקשאפט נאָך דער היים, נאָך קלארא׳ן נאָך דער מוטער, נאָך דעם אומגליק־ ליכען פאָטער, וועלכער שמאכט אין טורמע. בענקשאפט נאָך די שוועסטער, נאָך פריינט, שכנים, נאָכ׳ן טייכעל, נאָד׳ן בריקעל, נאָכ׳ן טהאָל. בענקשאפט אָהן א שיעור ! . . .

איינמאָל קומט צו לויפען שרה׳לע, א פארסאפעטע, מיט פריילכע, גלאנ־ ציגע אויגען. „מישא״ ! רופט זי אויס אָהן אָטעם, „כ׳האָב דיר עפּעס גע־ בראכט, עפּעס וואָס וועט דיך גליקליך מאכען!״

„וואָס איז עס״ פרעגט מישא פארוואונדערט. „אפשר לאטקעס פון קעז?

ניין, טויזענט מאָל בעסערס פון לאטקעס — ענטפערט זי.

מישא ווערט אומגעדולדיג. „זאָג, וואָס האָסטו געבראכט, נעם מיר ניט ארויס די נשמה!״ — זי ווערט אָבער ניט איבערראשט פון זיין אומגעדולד. „וואָס וועסטו מיר געבען?״ — פרעגט זי געלאסען. ער שפּרינגט אויף מיט כעס.

וואָס ווילסטו פון מיר, זאָג שוין וואָס האָסטו געבראכט ?

וואָס וועסטו מיר געבען ? — פרעגט זי ווידער גאַנץ געלאסען.

איך וויל דיר געבען א קוש, צוויי קושען. גוט ?

ניין, ניט גענוג. איך האָב דיר געבראכט עפּעס וואָס וועט דיך מאכען פיה־ לען גליקליך. וויל איך פאר דעם אויך קריגען גליק . . . וועסט ווערען מיין חתן ? — פרעגט זי איהם, קורץ און שארף.

ביי מישא׳ן האָט פון דער פראגע זיך ווי אָפּגעריסען עפּעס אין הארצען.

זיין נייגעריגקייט האָט אָבער גובר געווען אלע זיינע געפיהלען. ער האָט איצט ניט געהאט קיין צייט צו טראכטען, און א נערוועזער, א אומגע-דולדיגער האָט ער געענטפערט:

— יע, איך וועל ווערען אלץ — וואס ווילסט... אָבער לאָמיך שוין זעהן וואס דו האָסט געבראכט.

אָהן אויסצורעדען נאָך א וואָרט, לויפט זי אוועק צווישען די קוקורוזעס. זי קערט זיך פון דאָרט באלד אום, פיהרענדיג אונטער'ן ארעם . . . זיין פאָ־טער! . . . „נא, אָט האָסטו דיין טאטען", זאָגט זי, „אָבער דו ביסט שוין מיין חתן".

פאָטער און זון פאלען צו איינער צום צווייטען מיט אָנגעוויינטאָגטע הערצער.

שרה'לע קוקט אויף זיי, און ווישט זיך די אויגען וואס זיינען אָנגעלאָפען מיט פריידען'ס טרערען.

„טאטע, ווי אזוי האָט עס פאסירט?" פרעגט מישא. צוויי טעג אז מען האָט מיך באפרייט, און אָט בין איך געקומען דיך זעהן" — ענטפערט דער פאָטער.

פאָטער און זון האָבען פארבראכט צוזאמען א פּאָר שעה צווישען די קוקו־רוזעס. ווען דער פאָטער איז אוועקגעפאָרען, האָט שרה'לע אָנגעהויבען רופען מישא'ן „מיין חתן". מישא האָט עס לכתחילה ניט גענומען ערנסט. מיט דער צייט אָבער האָט ער אָנגעהויבען פיהלען, אז ווען שרה'לע קומט ניט צו איהם אזוי גיך צווישען די קוקורוזעס, בענקט ער נאָך איהר . . . ער בענקט וואס אמאָל מעהר און מעהר. אין קלארא'ן האָט ער אָנגעהויבען פארגעסען. איהרע בלויע אויגען זעהט ער ניט מעהר. זיי געפינען זיך ערגעץ אין הינ־טערגרונט. זיין גאנצע ליבע צו קלארא'ן איז אריבער צו דער קליינער, דארע, גרינער „פארזעהעניש", טאקע ווי זי, שרה'לע האָט עס איהם פאָר־אויסגעזאָגט! . . .

די מלחמה האָט זיך ענדליך געענדיגט, און מישא האָט געבראכט זיין כלה צו די עלטערען. צום ערשטען זיינען אלע געווען איבערראשט פון מי־שא'ס מאָדנעם אויסוואהל, אָבער ווען מ'האָט זיך צו דער קליינער צוגעוואוינט, און מען האָט אָנגעהויבען ארויסזעהן איהר גוטען, ענערגישען כאראקטער, האָט מען זי ליב באקומען מיטן גאנצען הארצען. מען האָט אין דער קלוגער פאמיליע אָנגעהויבען אויף איהר קוקען ווי אויף אן אייגען קינד. קלארא איז פאר וויטאָג און בושה אוועקגעפאָרען אין אן אנדער שטאָט, און מישא מיט שרה'לען האָבען ביידע חתונה געהאט.

זייער גליק איז אָבער ניט געווען אויף לאנג. דריי יאָהר נאָך זייער חתונה, איז שרה'לע קראנק געוואָרען אויף לונגען־אָנצינדונג, און מיט עט-

ליכע טעג שפעטער איז זי אויסגעגאַן אין מישאַ׳ס אָרעמס! דער קלאַפּ האָט מישאַ׳ן שווער געטראָפן. ער איז מיט איינמאָל אלט געוואָרן. ער האָט פאַרלוירן זיין מוט, זיין פרעהליכקייט און איז געוואָרן שטאַרק מעלאַנ־כאָליש. שעה׳ן לאַנג פלעגט ער פאַרברענגען ביי שרה׳לעס קבר, שעפּטשענ־דיג עפּעס אומפאַרשטענדליכעס מיט זיינע בלאַסע ליפּן.

זומער, ווען די קוקורוזעס זיינען געווען צובליטע, הויכע, פלעגט מען זעהן א הויכן גרויען מאַן מיט א געבויגענער פּלייצע, שפּאַצירן צווישן זיי. דער שאָרך פון א ווינטעל פלעגט זיך דורכטראָגן: ששש... דעם הוי־כען מאַן, א שווייגענדיגען, א פאַרטיפטען אין זיך, פלעגט זיך דוכטען אז א באַקאַנטע שטים שעפּטשעט אין זיינע אויערן. „זיי ניט קיין שששלעכטער, מישששאַ. גיב מיר א קושששש...״

* * *

קלאַרא, די געוועזענע שעהנהייט, האָט נאָך אַלץ געליבט מישאַ׳ן, וועל־כער האָט זי פאַרביטען אויף א קליינער, דאַרער מיידעלע. זי האָט געהערט, אז יענע איז געוואָרן זיין פרוי, און שפּעטער נאָך א קורצער קראַנקהייט פּלוצלונג געשטאָרבען. קלאַרא איז געפאָרען קיין בעלז, און אויסגעפונען מישאַ׳ס אַד־רעס. זי האָט איהם כמעט ניט דערקענט, אזוי פאַרעלטערט איז ער געוואָרן.

נאָך עטליכע מאָל באַגעגענען זיך מיט איהם, האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און זיך געווענדעט צו איהם מיט א פאָרשלאָג: „מישא, לאָמיר אָנהויבען אונזער פריינטשאַפט אויף ס׳ניי... וואָס געווען איז געווען. לאָמיר חתונה האָבען...״

מישא האָט זי אָנגעקוקט מיט א מידען שמייכעל. „איך בין שוין ניט יונג, האָט ער טרויעריג געענטפערט. „און קיין ליבע קען איך דיר ניט געבען. ס׳איז מיר גאָר ניט געבליבען. כ׳האָב אַלע מיינע געפיהלען מיטגעגעבען שרה׳לען, מיין האַרציגער, אומפאַרגעסליכער קליינער שרה׳לען... און ער האָט זיך פונאַנדערגעוויינט...

— איך האָב דיך ליב, און איך וועל פון דיר קיין ליבע ניט פאַרלאַנגען, איך וועל זיין צופרידען צו זיין מיט דיר אין איין הויז. אויפפּאַסען אויף דיר. ס׳ווערט דאָך, פון דיר א תל — האָט קלאַרא זיך געבעטען ביי איהם.

מישא האָט דערויף געשוויגען, אָבער זיין שטערען האָט זיך געקנייטשט — קענטיג אז עפּעס האָט איהם געדריקט און האָט געמאַטערט זיין געדאַנק.

— זאָג מיר וואָס טראַכסטו, מישא, מיין ליבער מישא. זיי מיט מיר אָפענהערציג. דו האָסט ניט קיין נעהענטערען פריינט פון מיר, — האָט זי ווייטער גערעדט. ער האָט ענדליך אַרויסגעזאָגט דאָס וואָס פּלאָגט איהם. „קלאַרא״, האָט ער זיך אָפּגערופען, „דו ווערסט ניט וועלען ליידען, ווען דיין מאַן וועט געהן אָפּזיצען שעה׳ן ביים קבר פון אן אַנדער פרוי... קיין פרוי

וואָלט עס ניט וועלען ליידען״.

זי האָט איהם ארומגענומען און זיך פעסט צוגעדריקט צו זיין ברוסט.
„איך וועל עס ליידען, איך וויל אלץ ליידען, אבי איך זאָל זיין מיט דיר צוזאמען, איך וויל זיין דיין פריינט״, האָט זי איהם פארזיכערט. „ווען וועלען מיר שטעלען א חופה?״ האָט ער געפרעגט נאָך אַ קורצען טראכטען און האָט א גלעט געטאָן איהר האנט צום ערשטען מאָל. קלארא האָט באדעקט זיין פנים מיט קושען — ווען דו ווילסט, מיין ליבער! — איז געקומען איהר ענטפער.

* * *

אלע דינסטאָג, פלעגט מישא געהן פארברענגען א שעה צייט אויף שרה׳־לע׳ס קבר. קלארא פלעגט דאן פיהלען ווי זי טיילט איהר מאן מיט דער פארשטאָרבענער שרה׳לען.זי איז געווען אונטער דעם איינדרוק, ווי יענע, די פארשטאָרבענע. קריגט דעם בעסערען, דעם וויכטיגערען חלק. די איי־פערזוכט האָט איהר געפלאגט, אָבער זי האָט מיט א שטארקען ווילען זיך באמיהט צו קאָנטראָלירען איהרע געפיהלען, מורא האָבענדיג, אז מישא זאָל דאָס ניט באמערקען.

איינמאָל, אין א דינסטאָג, ווען עס איז געווען א קאלטער, נאסער טאָג, האָט קלארא ארויסגענומען מישא׳ס א סוועטער פון שאפע און עס אוועק־געלעגט אויף א בענקעל.

צו וואָס האָסטו ארויסגענומען דעם סוועטהער ? — האָט מישא גע־פרעגט.

„ס׳איז דאָך היינט דינסטאָג . . . און עס איז קאלט אין דרויסען״, האָט קלארא געענטפערט.

מישא׳ס אויגען זיינען פייכט געוואָרען. ער האָט דערפיהלט איהר ווייי־טאָג, און אין דער זעלבער צייט די געטריישאפט צו איהם. ער האָט זיך פארטראכט. „איך וועל היינט ניט געהן. איך מיין . . . איך וועל שוין אינ־גאנצען אויפהערען מיינע באזוכען אויפ׳ן קבר, וואָס די ערד דעקט צו, מוז מען פארגעסען״, האָט ער געזאָגט מיט א זיפץ.

א ווארעמע כוואליע האָט א שלאָג געטאָן צו קלארא׳ס הארץ. זי האָט דערפיהלט, אז ענדליך איז מישא איהרער, איהרער אינגאנצען ! ! ! . . .

אליין . . .

מרס. זיידמאן איז געגאנגען איבער די רוישענדיגע גאסען, א פארזונ־קענע אין איהרע געדאנקען. וואס קומט מיט מיר פאר ? — האט זי גע־פרואווט ארגומענטירען מיט זיך — פארוואס בין איך אזוי נידערגעשלאגען? איך האב א שעהנע היים א פיינעם מאן און פארקער אין גוטער געזעלשאפט, טא וואס פעהלט מיר ?

אבער עס נאגט איהר פארט ביים הארצען און עס רייסט זיך פון דארט א געוויין. זי קאנטראלירט זיך מיט אלע כוחות, ביז זי קומט אריין אין הויז און דאן גיט זי זיך איבער איהרע טרערען. זי הערט נאך איצט, דוכט זיך איהר, דעם דאקטאר׳ס שטימע: „עס טוט מיר לייד, מרס. זיידמאן, איך מוז אייך אבער זאגען דעם אמת . . . און דער אמת איז אז עס איז א שאד אייערע ליידען און אייער געלט . . . אייער קערפער איז אזוי געבויט, אז עס איז פאר אייך אונמעגליך צו האבען א קינד״ . . .

זי פיהלט איצט פונקט ווי מיט א שעה צוריק, ווען דער דאקטאר האט עס איהר געזאגט. עס איז עפעס אינווענינג, פון הארץ ארפגעפאלען. דאס איז די האפנונג אויף א קינד אראפגעפאלען, און דאס לעבען איז פאר איהר געווארען פוסט און זינלאז.

זי וועט דארפען אפלעבען א לעבען און קיינמאל ניט הערען דאסווארט „מאמע״, קיינמאל ניט קענען זאגען „מיין קינד״ . . . מרס. זיידמאן האט איינגעגראבען איהר פנים אין קושען און געשלוכצט, איהר גאנצער קער־פער האט זיך הילפלאז געטרייסעלט.

די ערשטע פאר יאהר נאך דער חתונה האט זי ניט געוואלט האבען קיין קינד, אבער ווען עס זיינען אריבער 7 יאהר און די מאטעריעלע לאגע האט זיך ביי זיי פארבעסערט, האבען זיי, מרס. זיידמאן און איהר מאן, זיך זעהר פארבענקט נאך א קינד. אלע זייערע פריינט און באקאנטע, וועלכע האבען געהייראט ארום יענער צייט, ווען זיי, האבען שוין קינדער, און מרס. זייד־מאן איז זיי אזוי מקנא. ביז איצט, ווען ס׳איז נאך געווען א האפנונג אויף א קינד, איז גאר דער פארלאנג ניט געווען אזוי גרויס; אבער איצט, ווען זי ווייסט שוין אז קיין האפנונג איז נישטא, זיינען דער באגער און בענקשאפט נאך א קינד ביי איהר געווארען פיל שטארקער . . .

זיידמאן קוקט אויף זיין וויינענדיגער פרוי, און ער פרעגט איהר קיין זאך ניט. ער דארף ניט פרעגען. דער דאקטאר איז מיט איהם אינטים באַ־

פריינדעס. ער האָט איהם שוין לאנג געזאָגט, אז זיין פרוי קען קיינמאָל ניט זיין קיין מוטער. דאָס האָט ער טאקע, זיידמאן, אָפּגערעדט מיט׳ן דאָקטאָר, אז ער זאָל איהר ענדליך אויפקלערען דעם אמת, כדי זי זאָל אויפהערען ארומגעהן צווישען פארשידענע דאָקטוירים, וועלכע געבען איהר פארשי־דענע „טריטמענטס״, פון וואָס עס ליידעט איהר קערפּער, און זיין, זייד־מאנ׳ס קעשענע....

ערגעהט צו צו איהר, גלעט איהר, צערטלאך דעם קאָפּ. „נו געגוג שוין וויינען, — זאָגט ער צו איהר, דו נארישע ווייבעל. ניט שוין זשע ביסטו זיכער, אז קינדער ברענגען גליק ? וועהגיג צרות און אומגליקען קומט אויס עלטערען זיך אויסצושטעהן פון קינדער?״

אָבער זי צעווייגט זיך אויף דעם נאָך שטארקער. „איך וויל זיין ווי אלע, איך וויל איבערלעבען, דאָס וואָס אלע מוטערס לעבען איבער פון קינדער, סיי פריידען סיי ליידען״, רעדט זי ארויס צווישען שלוכצען.

מרס. זיידמאן ווייסט, אז ווען איהרע פריינדינעס מאכען א„פארטי״ פאר זייערע קינדער, קענען זיי זיך קיין עצה ניט געבען מיט איהר: ניט רו־פען זי, וועט זי זיך באליידיגען, יע רופען, — וועט זי זיך פיהלען אומבאק־וועם, צווישען אלע מוטערס מיט קינדער.

עס געהט איהר ניט איין איהר שעהנע היים, די טייערע מעבעל. זי וואָלט אלץ אוועקגעגעבען, אין איין העמד וואָלט זי צופרידען געווען צו בלייבען, כדי זי זאָל קאָנען הערען דאָס וואָרט „מאמא״ . . .

מרס. זיידמאן הויבט זיך אויף פון בעט, און געהט צו צום שפּיגעל. זי זעהט דאָרטען א בלאס פּנים, מיט רויטע אָנגעוויינטע אויגען, ארום וועלכע עס קלייבען זיך א סך קליינינקע קנייטשעלאך. זי איז ווי מיט אמאָל עלטער געוואָרן מיט שעהנע עטליכע יאָהר . . .

אימיצער קלאפּט אָן אין טיר. זי עפענט. עס קומט אריין איהר פריינ־דינע מרס. בוירג, מיט איהר 3 יעהריגען אינגעלע, סעמי.

ביידע פריינדינעס דערפרייען זיך זעהר איינע מיט דער צווייטער.

מרס. זיידמאן נעמט סעמי׳ן אויף די הענט. ער איז אזא ליעבער, אָט דער סעמי, מיט די בלויע אויגעלאך, רויטע בעקעלאך און פעטינקע הענ־טעלאך. זי קושט איהם, און גיט איהם פארשידענע נאשערייען.

מרס. זיידמאן דערלאנגט צום טיש טיי. מ׳רעדט, וועגען סטיילס, ווע־גען קליידער, וועגען די לעצטע מואוויס. מר. זיידמאן אינטערעסירט ניט דער דאָזיגער געשפּרעך, זוכט ער אויס די קאָרטען, און שלאָגט פאָר ביידע פרויען צו שפּילען מיט איהם „א געים״. זיי שטימען איין, און זיי ווערען אלע דריי פארטיפט אין די קאָרטען.

סעמי קומט צו צו דער מוטער. „מאמא לעטס גאָ האום״, בעט ער זיך

ביי איהר. די מוטער איז פארטיפט אין איהר שפּיל און הערט איהם ניט. ער ווערט אָבער וואָס אמאָל צודרינגליכער, און עס הערען זיך שוין טרערען אין זיין שטימע. „גא דיר א גרויס שטיק שאָקאָלאד און זיי א גוטער בוי”, בעט זיך ביי איהם די מוטער, ביי ווען די קאָרטען גאהען היינט אויסגעצייכענט. ער עסט אויף דעם שאָקאָלאד און פארלאנגט זיינע קליידער. „איך וויל דאָ ניט זיין”. דערקלעהרט ער מיט קינדערשער פעסטקייט.

מרס. זיידמאן נעמט איהם אויף די הענט.

— פארוואָס איילסטו זיך אזוי סעמי? — פרעגט זי איהם — איך האָב ניט מיט ווען זיך צו שפּילען ! — ענטפערט סעמי, וועלכער הויבט ניט אָן וויסען, אז מיט זיין ענטפער האָט ער ווי מיט א מעסער געטראָפען אין מרס. זיידמאנ׳ס אָנגעווייטאָגט הארץ.

א טויטע בלאסקייט באדעקט איהר פּנים און ווען מר. זיידמאן פועלט שוין ביי סעמי׳ן אז ער זאָל נאָך פארבלייבען א ווײַלע, פארלירט שוין די שפּיל דעם אינטערעס. מרס. זיידמאן מאכט איין טעות נאָכ׳ן אנדערען. זי איז שטארק נערוועז. מר. זיידמאן הויבט זיך אויף — ער דערמאָנט זיך פּלוצלונג אז ער האָט מיט אימיצען זיך היינט נאָך געדארפט זעהן. מרס. בוירג הויבט זיך אויך אויף און נעמט זיך אָנטאָן סעמי׳ן, דער שמועס איז פוילל און אָפּגעהאקט. ענדליך געהען אלע אוועק און מרס. זיידמאן בלייבט אליין. א ווײַלע שטעהט זי באוועגלאָז, ווי זי וואָלט וועלען צונויפנעמען איהרע געדאנקען. א טיפער זיפץ רייסט זיך באלד ארויס פון איהר הארץ, און איהרע בלאסע ליפען שעפּטשען:

אליין ! . . . אליין ! . . .

אידאַ

ווען שניידער האָט באַשלאָסען צו הייראַטען צום צווייטען מאָל, האָט איהם אידאַ, זיין יונגע טאָכטער געלאָזט וויסען אז זי פאָרט צו איהר טאַנטע אין אמעריקע

אידא׳ס באשלוס איז נאָך שטארקער געוואָרען נאָך דעם, ווי איהר פאָטער האָט געהייראט און אריינגעבראכט אין שטוב זיין צווייטע פרוי.

א הויכע ברייט פלייציגע אידענע, מיט א מענערשע שטים, וועלכע הערט ניט אויף שרייען און שילטען איהרע קינדער גאנצע טעג, האָט אָט די פרוי געמאכט אויף אידא׳ן א פיינליכען איינדרוק. זי האָט מיט זיך פאָרגשטעלט א שאַרפען קאָנטראסט צו איהר פארשטאָרבענער מוטער, וועלכע איז געווען א שטילע צארטע פרוי.

איינמאָל, ווען אידאַ איז געזעסען ביי דער ניי־מאשין און געזונגען אַ טרויעריגע מעלאָדי, האָט די ברייט־פלייציגע אידענע זיך צושריען מיט איהר מענערשער שטים: „שעהמען זאָלסטו זיך, דיין מוטער איז נאָך ניט אָפגעקיהלט אין איהר קבר און דו זינגסט שוין לידלאך!״

אידא האָט אין דער מינוט דערפילט אז פאר זייביידען איז קיין פלאץ אין הויז ניטאָ! און זי האָט באַשלאָסען אָפצוטרעטען איהר פלאץ דער „מע־נערשער אידענע״, ווי זי האָט זי אין איהר געדאנק געִרופען. זי האָט דאן גע־נומען שרייבען אָפטע בריוו צו איהר טאַנטע, בעטענדיג ב׳זאָל זי וואָס שנע־לער אריבערנעהמען קיין אמעריקע.

ס׳האָט ניט גענומען לאנג און עס איז אָנגעקומען א שיף־קארטע און אלע נויטיגע פאפירען. אידא האָט זיך געזעגענט מיט איהר פאָטער און מיט אלע פריינט און שכנים; זי האָט אויך ניט פארפעהלט צו געהן צום קבר פון איהר פארשטאָרבענער מוטער זיך געזעגענען. זי האָט דאָרט פארגאָסען א סך הייסע טרעהרען און גלייך נאָכדעם איז זי אָפגעפאָהרען.

די רייזע איז געווען א גוטע. די שיף איז אריינגעקומען אין ני ויאָרק פריהער ווי מ׳האָט ערווארטעט. די באגעגעניש מיט איהר טאַנטע און פאמי־ליע איז געווען א גאנץ פריינדליכע, באזונדערס האָט זיך מיט איהר געפרעהט איהר קוזינע, דאָרא, וועלכע קוקט אויס ווי אידא׳ס א שוועסטער, אָבער אי־דא׳ס אויגען זיינען אביסעל טיפער און פארטראכטער, אפשר פון די אי־בערלעבונגען: דער מוטער׳ס טויט, דאן דעם פאָטער׳ס הייראט, איהר אָפ־פאָהרען פון איהר געבורט־שטעטעל, וועלכעס איז איהר געווען אזוי ליב און איינגעבאקען אין הארצען! . . .

אידא האָט געטראָפען איהרע פריינט אין זעהר א שעהנער הויז, מיט טייערע מעבעל. עס האָט אויסגעזעהן, אז זיי זיינען זעהר רייך איהרע קרובים·

דער אָנקעל איז שטענדיג פארנומען אין זיין אָפיס, און די טאנטע מיט דער טאָכטער זיינען אויך שטענדיג פארנומען מיט . . . · פארטיס און „ברי־דזשעס״.

אידא פיהלט זעהר ניט באקוועם אין אזא סאָרט לעבען. זי האָט ליב צו לייענען א בוך, געהן צו א לעקציע, צו א קאָנצערט א. אז. וו. זי באמיהט זיך אָבער ווי ווייט מעגליך זיך צוצופאסען צו איהר טאנטע און קוזינע.

צו דאָרע׳ן קומען פארשיידענע בחורים ; איינער פון זיי, דייוו, איז זעהר אַן אָנגעלעגטער גאסט ביי די שטיינס, און דאָרא שמייכעלט צו איהם פיל פריינדליכער ווי צו די אנדערע. ס׳איז ניט אומזיסט איהר גרויסע אויפמערק־זאמקייט; זי ווייסט אז דייוו איז פיל פארמעגליכער פון די איבעריגע פריינט איהרע, אָבער זייט אידא איז געקומען, שטעלען זיך דייוו׳ס גרויסע שווארצע אויגען זעהר אָפט אָפּ אויף איהר. אידא פיהלט זיינע אויגען אויף זיך ווי זיי גלעטען איהר און ווארימען, אָבער זי מיידט איהם אויס. דאָרא באמערקט עס אויך. זי האָט עס באמערקט נאָך פריהער פון אידא׳ן און זי נעהמט ניט אראָפּ איהרע פאָרשענדע שפּיציגע אויגען פון דייוו׳ן אויף קיין מינוט ! . . .

וואָס מעהר אידא מיידט אויס דייוו׳ן, אַלץ מעהר זוכט ער איהר געזעל־שאפט. ער פיהלט ווי דאָרא׳ס אויגען היטען זיין יעדע באוועגונג, זיין יעדען בליק, אָבער עס ציהט איהם פאָרט צו דער „גרינער״ און ער זוכט איהר.

„אייערע אויגען זיינען ים כוואליעס, שטונדען וואָלט איך אין זיי גע־קוקט״ שעפּטשעט ער, מיט א ווייכער שטים צו אידא׳ן אָבער אידא א פאר־רויטעלטע, דרעהט זיך פון איהם אוועק אונטער עפּעס אַן אויסרייד· זי פיהלט אָבער זיינע אויגען אויף זיך, זיי פאָלגען איהר נאָך, צערטלען און ווארימען זי. זי זעהט ווי אלע מיידלאך זוכען דייוו׳ס אויפמערקזאמקייט. זיי פארפאָלגען איהם, אָבער ער גיט זיי זעהר ווינציג אויפמערקזאמקייט, זיי אינטערע־סירען איהם ניט, פאר איהם עקזיסטירט נאָר איינע, און דאָס איז אידא.

דייוו האָט שוין געהאט פיל „אפערעס״ מיט מיידלאך, אָבער קיין איינע אָט נאָך אזוי שטארק ניט געפאנגען זיין הארץ, ווי אָט די שטילע, קליינשטע־טעלדיגע אידאַ.

עפּעס ווי א כישוף; איז אָט דאָס געפיהל, וואָס האָט איהם באהערשט זייט ער האָט זיך באפריינדעט מיט דער קליינער מיידעל.

ביז ער האָט זיך מיט איהר באקענט. פּלעגט ער אלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג האָבען א נייע ליבע, אָבער זייט ער האָט איהר דערזעהן, איז אין איהם פאָרגעקומען א גרויסע ענדערונג.

אין דער היים, אָדער ביי זיין ארבייט, פיהלט ער ווי ער האָט א גרויסע ליכטיגע פרייד, וואָס ווארט אויף איהם דאָרטען ביי די שטיינס — די קליי־נע גרינע מיידעל.

דאָרא האָט באמערקט אז דייוו האָט עפעס שטיל געשושקעט צו אי־דא׳ן און יענע איז רויט געוואָרען . . . זי האָט אויך באמערקט דעם אויס־דרוק פון זיינע, דייוו׳ס, אויגען, ווען ער האָט צו איהר געשעפטשעט עפעס. זי קען אָט דעם אויסדרוק פון א בחור׳ס אויגען; זי האָט שוין געהאט פיל ערפאהרונג מיט יונגע לייט. ווארט זי מיט אומגעדולד די געסט זאָלען זיך שוין צוגעהן און זי זאָל איבערפרעגען אידא׳ן וואָס דייוו האָט איהר געזאָגט. זי איז זיכער, אז אידא וועט איהר זאָגען דעם אמת. זי האָט דען שכל צו זאָגען א ליגען, אָט די גרינע ? טראכט זי.

ענדליך זיינען זיך אלע צוגאנגען. דאָרא איז צוגעגאנגען צו אידא׳ן : „וואָס האָט דייוו צו דיר גערעדט, ווען דו ביזט רויט געוואָרען?" האָט זי געפרעגט.

אידא האָט אויף דער פראגע זיך ניט געריכט און א צעטומעלטע זיך רויטלענדיג, האָט זי איבערגעחזר׳ט פינקטליך וואָס ער האָט איהר געזאָגט.

דאָרא איז אויפגעקאָכט געוואָרען. „אידא ! — האָט זי אויסגעשריען — זאָלסט ניט וואגען צוצונעהמען פון מיר דייוו׳ן".

אידא איז נאָך מעהר צוטומעלט געוואָרן. ס׳איז געווען אזוי מאָדנע אומ־געריכט צו הערען פון דאָרא׳ן אזעלכע ווערטער און מיט אזא כעס.

„איך גלויב אז דייוו איז ניט קיין זאך, וועלכע מ׳קען צונעהמען" — האָט אידא געענטפערט — „חוץ דעם האָסטו מיר קיינמאָל ניט געזאָגט, אז דייוו איז דיינער", האָט זי צוגעגעבען.

— אויב ער איז נאָך ניט, וועט ער זיכער זיין מיינער ,און ניט אזא גרינע באשעפעניש ווי דו וועט זיין אימשטאנד צוצוברעכען מיין גליק !" — האָט דאָרא געשריען מיט שוים אויף די ליפען, וואָס האָט איהר געמאכט אויסזעהן ווי א שיפּעדיגע שלאנג.

אידא איז א בלאסע, אוועק אין איהר צימער. אין די שלייפען האָט גע־קלאפט, דאָס הארץ האָט זיך וועהטאָגדיג פארקלעמט און טרעהרען האָבען א שטראם געטאָן פון איהרע אויגען.

זי האָט זיך אָפּגעגעבען חשבון פון איהר פריינדשאפט מיט דייוו׳ן : האָט זי איהם דען ניט אויסגעמידען יעדעס מאָל ווען ער האָט געמאכט א פארזוך זיך צו דערנעהענטערען צו איהר? כאָטש איהר הארץ האָט אזוי שטארק גע־צויגען צו איהם ! אזוי האָט זי געטראכט און שטיל געוויינט איינגראָבענדיג דאָס פנים אין קישען אויפ׳ן בעט.

די טאנטע האָט שוין לאנג באמערקט וואָס עס קומט פאָר צווישען די

צוויי קוזינעס. שוין לאנג, אז עס קרענקט איהר, ווען זי זעהט אלע מאָל דייוו׳ן זוכען מיט די אויגען, ווען ער קומט און טרעפט ניט אידא׳ן. ער פרעגט קיינמאָל ניט אויף איהר, נאָר ער זוכט, בלאָנדזשעט מיט די אויגען איבער די פארשידענע צימערען און טירען, ווען ער פרעגט וואָלט געווען בעסער, אָבער ווייל ער פרעגט ניט, נאָר ער זוכט אליין, אָט דאָס פארדריסט איהר, און לאָזט איהר ניט רוהען. איהר כעס האָט געזאָטען אויף איהר שוועסטערס קינד, וועלכע איז אומגערן געוואָרען א שטערונג צו איהר אייגען קינד׳ס גליק.

אידא האָט אָנגעהויבען אוועקגעהן פון הויז יעדעס מאָל ווען דייוו פלעג קומען. עס איז איהר געווען שווער עס צו טאָן. אין איהר עלענד האָט זי אזוי געבענקט נאָך דייוו׳ן וועלכער איז געווען דער איינציגער וואָס האָט געפיהלט צו איהר אמת׳ע ליבע.

מיט דער צייט האָט דייוו אָנגעהויבען אָפּען ארויסצייגען אז ער קומט צו אידא׳ן און ניט צו דאָרא׳ן׳ ער האָט שוין ניט געזוכט מיט די אויגען, נאָר גאנץ פשוט געפרעגט: „וואו איז אידא?״ מוטער און טאָכטער זיינען געוואָרען ווילד פון צאָרן׳ א שרעקליך פלאן איז דאן צווישען זיי ביידע געשאפען גע־וואָרען . . . איינמאָל„ ווען אידא האָט זיך באקלאָגט אויף קאָפּ־ווייטאָג, האָט די טאנטע גערופען צו איהר איהר הויז דאָקטאָר. ער האָט אידא׳ן עקזאמע־נירט און דערקלעהרט, אז זי מוז גלייך פאָהרען מיט איהר אין סאנאטאָריום, וואו זי דארף נאָך זיין מיינונג עקזאמענירט ווערען פון זיינעם א פריינט א פראָפעסאָר.

אידא האָט ניט געוואָלט פאָהרען. זי האָט אינסטינקטיוו געשפירט, אז עס רוקט זיך אויף איהר אָן א גרויסער שרעקליכער אומגליק.

דיטאנטע מיט איהר הויז דאָקטאָר האָבען כמעט ווי מיט גוואלד אריינ-געזעצט אידא׳ן אין קאר . . .

ווען אידא האָט דערזעהן וואוהין מען האָט איהר געבראכט האָט עפּעס ווי מיט א האמער א קלאפּ געטאָן ביי איהר אין קאָפּ „וואוהין האָט איהר מיך פארפיהרט, ס׳איז „א היים פאר גייסטיג קראנקע״ האָט אידא אויסגע־שריען און איז געפאלען א גע׳חלש׳טע. ווען זי איז אביסעל געקומען צו זיך, איז שוין די טאנטע ניט געווען. זי האָט אלעס קלאָר באגריפען. „מ׳האָט מיך דאָ פארשפארט, כדי דאָרא זאָל קאָנען קריגען דייוו׳ן״, האָט זי געטראכט מיט אנגסט.

ס׳איז אוועק א ווילדע צייט, צווישען צושויבערטע פּנימ׳ער, אָפּגעריסענע ווילד־צעיושעטע מענשען, מיט רויטע פון בלוט פארלאָפענע אויגען, צושוי־בערטע האָר, ווילדע געשרייען — אלעס גיסט זיך צונויף אין איין שווארצען בלוטיגען פלעק. אלע שרייען, אז זיי זיינען געזונט און זיי ווילען ארויס פון

דאנען. איינמאָל, איז צו איינער אן אומגליקליכער געקומען איהר ברודער, א מאן שוין אין די טיפע מיטעלע יאָהרען, האָט ער שטארק דערמאָנט מיט זיין אויסזעהן אין איהר, אידא׳ס פאָטער, זי איז צוגעגאנגען צו איהם און געזאָגט, אז ער קוקט אויס ווי איהר פאָטער· דער מאן האָט מיט איהר פארפירט א שמועס און זי האָט איהם דערצעהלט איהר לעבענסגעשיכטע· איהר פשוטקייט און אויפריכטיגקייט האָבען געמאכט אויף דעם מאן אשטאר־קען איינדרוק. ער האָט אָנגעהויבען ארבייטען אויף איהר באפרייאונג. ס׳איז געווען א שווערע ארבייט, ער האָט זיך געלאָזט קאָסטען א סך געלט, און ס׳איז איהם ענדליך געלונגען צו ארויסנעמען פון דעם אנשטאלט. אידא איז געווען פריי, אָבער עלענד ווי א שטיין. און ווען איר פריינט אן אלמן, האָט איהר געמאכט א הייראט׳ס פאָרשלאג האָט זי איהם גערן אָנגענומען.

איהר מאן איז עלטער פון איהר מיט 23 יאָהר. ס׳איז א שעהנער זומער טאָג. אידא מיט איהר אלטיטשקען זיצען אין פארק. אקעגען זיי זיצט א יונג פּאָרל. דער יונגער מאן קוקט ליבליך אין דעם מיידעל׳ס אויגען. עס בלאָזט א קיהל ווינטעל. טוט דער יונגערמאן אויס זיין רעקעל און ווארפט עס לייכט ארויף אויף דער מיידעל׳ס שולטערס.

אין אידא׳ס הארץ גיט עפּעס א צאפּעל, א דערמאָנונג שוועבט דורך, ווי א ווייטער ווייטער חלום. איהרע געדאנקען טראָגען זי אוועק אין דער ווייטער פארגאנגענהייט. עפּעס נאָגט אזוי ווייטאָג׳דיג און שארף, א טיפער זיפץ רייסט זיך ארויס פון איהר אָנגעוועהטאָגט הארץ, און עס שוועבען דורך א פּאָר שווארצע, זיסע לאסטשענדיגע אויגען — דייוו׳ס אויגען . . .

זיך געביטען מיט די ראָלען

ווײַנמאַן פלעגט אַרייַנקומען צו בעלא׳ס אײַנגעגערען ברודערל לערנען מיט איהם העברעאיש.

ער איז געווען אַ הויכער שעהנער יונגערמאַן מיט אַ סך וויסען און אינ־טעליגענץ און די קליינע בעלא איז פאַרכאַפּט געוואָרען פון דעם גרויסשטאָ־טיגען אינטעליגענט!

בעלא פלעגט שלינגען יעדעס וואָרט וואָס ווײַנמאַן פלעגט אַרויסרע־דען, בפרט ווען ער פלעגט רעדען פון ביכער איז זי אינגאַנצען געוואָרען ווי אַ פאַרכשופטע!

בעלא האָט זיך אין ווײַנמאַנען פאַרליבט מיט׳ן גאַנצען ברען פון איהר יונגער נשמה!

זי פלעגט ניט שלאָפען גאַנצע נעכט און חלום׳ען פון איהר ברודערס לערער!

ווײַנמאַן האָט אָבער אפילו ניט געמערקט בעלאס ליבע און ווען זי פלעגט איהם בעטען ער זאָל נאָך אביסעל זיצען נאָך דער לעקציע, האָט ער זיך ענט־זאגט מיט׳ן תירוץ, אַז ער איז שטאַרק פאַרנומען.

בעלא׳ן האָט שטאַרק וועה געטאָן זײַן גלייכגילטיגקייט צו איהר. און אין דער זעלבער צייט האָט זי אלץ מעהר און מעהר געבענקט נאָך איהם. זי פלעגט אָפּט פאַרבויגען איהר מיידעלשען שטאָלץ און ממש בעטען זיך ביי איהם ער זאָל נאָך פאַרברענגען מיט איהר כאָטש אַ צעהן פופצען מינוט!

דער לערער פלעגט איהר דאַן אַ טובה טאָן, בלייבען נאָך אַ פּאָר מינוט, אָבער בעלא האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז זי געהט איהם אבסאָלוט ניט אָן.

„אָך ווי עס וואָלט זיך מיר געוואָלט איהם מאַכען ליידען!" האָט זיך עפּעס איינמאָל ווי אַ דורכגעטראָגען אין איהר מוח אָט אַזאַ מאָדנער געדאַנק.

ס׳איז געווען פון פאַרדרוס, פון באַליידיגטען מיידעלשען שטאָלץ.

אָבער לאַנג האָט זי וועגען דעם ניט געטראַכט, און ווען ווײַנמאַן האָט איהר איינמאָל פּלוצלונג אָנגעבאָטען צו זיצען בעת ער לערנט מיט איהר ברודערל, כדי זי זאָל זיך אויך אביסעל צו לערנען העברעאיש, האָט זי זײַן פאָרשלאַג מיט פאַרגעניגען אָנגענומען.

זי האָט זיך געלערענט בעסער פון איהר ברודער און ווײַנמאַן האָט פון איהר גאָר אָנגעקוואָלען.

מיט דער צייט האָט זיך בעלא באַקאַנט מיט אַ בחור. זאַלצמאַן, אַזוי האָט יענער געהייסען, האָט איהר אַרויסגעוויזען גרויס אינטערעס, געקומען

גאנץ אָפּט צו איהר, און אין א שעהנעם טאָג האָט ער זיך איהר דערקלעהרט אין ליבע!

בעלא האָט אין איהם געפונען א פאסיגען פריינט, און פארגלייכענדיג איהם מיט וויינמאנען, ביי וועמען זי האָט געדארפט „אויסבעטען" אביסעל פריינטשאפט, איז זאלצמאן איהר א סך ליבער און חשוב'ער געוואָרען, כאָטש ער איז געווען ווייניגער אינטעליגענט פון דעם לערער.

זי האָט איהם געענטפערט מיט א קוש און געבעטען אז אלעס זאָל זיין א סוד, ביז עס וועט קומען די פאסיגע צייט צו לאָזען וויסען זייערע עלטערען וועגען זייער ליבע.

און בעלאס הארץ האָט עפּעס גענומען זינגען, מיט באזונדערען אינטערעס האָט זי איצט געפלאָכטען איהרע לאנגע בלאָנדע צעפּ פארן שפּיגעל; איהרע אויגען האָבען באקומען א סודות'דיגען גלאנץ און וויינמאנען איז זי שטארק געפעלען געוואָרען אָט אזא ווי זי איז איצט, די קליינע בעלא. ער האָט גענומען האָפען, אז ער איז עס די אורזאך פון אָט דער ענדערונג אין בעלא'ן.

ער האָט ליב באקומען די שטונדען די ווען ער פלעגט מיט איהר לערנען, אָבער . . . וויינמאן האָט עפּעס דערשפּירט, אז זי איילט זיך ביים לערנען, אז דער קאָפּ איז איהר ערגיץ אנדערש־וואו.

איינמאָל נאָך דער לעקציע, ווען דער קליינער מאָריס איז אוועק, האָט וויינמאן אָנגענומען בעלא'ס האנט און מיט א ציטערדיגע שטים אריינקוקענדיג איהר טיף אין די אויגען געפרעגט.

„בעלא, איהר ווייסט אז . . . איך האָב אייך ליב?"

בעלא האָט איהם אָנגעקוקט פארוואונדערט איבערראשט פון אָט דער פראגע, וועלכע זי האָט פון איהם ניט דערווארטעט און גלייכגילטיג געענטפערט: „עס איז מעגליך".

וויינמאן האָט געוואָלט פרעגען: „און וואָס זענען אייערע געפיהלען צו מיר?" די פראגע איז אָבער געבליבען ווי פארגליווערט אויף זיינע ליפען, ווען ער האָט דערזעהן בעלא'ס גלייכגילטיגען פנים . . .

מיט א צייט שפּעטער האָט בעלא'ס מוטער ענטזאגט דעם לעהרער די לעקציע, ווייל מאָריס'עס לערנען איז געווען אומזיסט . . .

און ווען ביים געזעגענען זיך מיט בעלא'ן האָט וויינמאן שטיל דריקענדיג איהר האנט, מיט א געפאלענער שטים געפרעגט. „בעלא, עס קימערט אייך גאָר ניט וואָס מיר וועלען זיך אויפהערען זעהן?"

האָט בעלא זיך פּלוצלונג דערמאָנט אין איהר אמאָליגען פארלאנג אָפּצוצאָהלען וויינמאנען מיט דעם זעלבען וואָס זי האָט געליטען דעמאָלט ווען ער האָט זי ניט באמערקט און כמעט איגנאָרירט.

מיט אמאָל האָט דער געפיהל ביי איהר דערוואכט מיט דער זעלבער

בולטקייט ווי דעמאָלט ווען זי איז אויסגעגאנגען פון בײנקשאפט נאָך איהם און ער האָט עס אפילו ניט באמערקט און זי האָט מיט א לייכטען שמייכעל געענטפערט: „צייטען בייטען זיך . . .״

וויינמאן איז מיט א פארקלעמט הארץ ארויסגעגאנגען פון דעם הויז, וועלכע האָט זיך איהם איצט פאָרגעשטעלט ווי א פארלאָרענער גן עדן . . .

ער האָט געשפאנט פארטראכט איבער די ברייטע גאסען און אין זיין מוח האָבען ווי מיט האמערס געקלאפט און געברענט 3 ווערטער: „צייטען בייטען זיך, צייטען בייטען זיך, צייטען בייטען זיך!״ . . .

אייגענס....

מרס. קליין זיצט ביים וויגעלע פון איהר קינד א בלאסע, אויסגעמאטערטע. איהרע אויגען זענען רויט פון שלאָפלאָזע נעכט. איהר קינד איז קראנק, געפערליך קראנק . . .

בעני׳ס פארטרוקענטע ליפעלאך זיינען האלב אָפען, די אויגען טיף איינגעגראָבען אונטער׳ן שטערן. א דאר בלאס הענטעל הענגט אראָפּ פון בעטעל...

דער מוטער׳ס ליפען שעפטשען שטיל : „גאָט, האָב רחמנות, צוברעך מיר נישט מיין הארץ, שענק מיר מיין קינד, מיין טרייסט, עפען זיינע אויגעלאך און לאָז מיך ווידער ווערט זיין צו הערען זיין פריידיג־קלינגענדיג געלעכטערל ! . ' .

זי דערמאָנט זיך אין איהרע קינדער־יאָהרען, עס געהט פארביי איהר גאנץ לעבען ביז איצט, ווי אין א „מואווינג-פיקטשור״. זי לערענט צוזאמען מיט סעמ׳ען אין שולע. זיי רייסען זיך ארום. נאָכדעם ווען זיי וואקסען אונטער רייסט מען זיך שוין ניט ארום, נאָר פארקעהרט : מ׳קוקט זיך איבער ביים באגעגענען מיט שעמעוודיגע בליקען, מ׳רויטעלט זיך, זי, בעלא, מעהר פון סעמען . . .

איינמאָהל האָט ער איהר פּלוצלונג ארומגענומען און צוגעדריקט צו זיך. זי איז רויט געוואָרען, ווייל עס איז געקומען פּלוצלונג און עס האָט איהר פריידיג א קלאַפּ געטאָן אין הארצען ! . . .

זי האָט דערפיהלט, אז עס פארקניפּט זיך עפּעס צווישען זיי, וואָס איז פון גרויס וויכטיגקייט, וואָס וועט איהר ברענגען גליק !

און אָט זענען זיי שוין דערוואקסענע מענשען. ער איז באשעפטיגט אין א גרויס געשעפט, עס האָט זיך אנטוויקעלט צווישען זיי א ליבע, אָבער ווען עס איז געקומען צום חתונה האָבען האָבען זיי באגעגענט א גרויסע שטערונג פון סעמ׳ס מוטער׳ס צד. זי האָט ניט געוואָלט בעלא׳ן פאר א שנור, האָבענדיג אין געדאנק, אז ער וועט גאָר הייראטען מיט איהר פארשטאָרבענעם ברודער׳ס טאָכטער, וועלכע איז די אייגענטימערין פון א גרויסער ירושה.

די מוטער האָט זיך שטארק געמישט. ס׳זיינען אוועק ארגומענטען, קריי־געררייען און שוין א פּאָר טעג פאר דער חופּה האָט די מוטער מיט עפּעס שארף באליידיגט סעמען. ער איז געוואָרען אן אויפגעקאָכטער, פארלוירען דעם קאָנטראָל איבער זיך און אויסגערופען: „טו מיר א טובה און קום בעסער ניט צו דער חופּה!״ . . .

די ווערטער זענען ווי א פייערדיגע שפּיז אריין צו דער מוטער אין

הארצען . . . זי האָט זיך פונאנדערגעוויינט און . . . האָט איהם צוליב געטאָן : זי איז צו דער חופּה ניט געגאנגען !

ס׳האָט ניט געהאָלפען דאָס אריינמישען זיך פון אלע מחותנים, קיין בעטען פון סעמען, זי האָט איהם צו דער חופּה ניט געפיהרט ! . . .

* * *

און זיצענדיג איצט ביים וויגעלע פון איהר קראנקען קינד, דערמאָנענדיג זיך אין איהר פארגאנגענהייט, טראכט בעלא: „אפשר שטראָפט מיך איצט גאָט פאר די ליידען וואָס סעם האָט אמאָל פארשאפט זיין מוטער איבער מיר״ . . .

זי הויבט זיך האסטיג אויף פון בענקעל און געהט אריין אין צווייטען צימער וואו סעם זיצט אָנגעשפּארט ביידע הענט אונטער׳ן קאָפּ, א פארטראכטער . . .

„סעם, לאָז וויסען דער מאמען, אז דאָס קינד איז געפערליך קראנק״, זאָגט זי מיט א מעהר באפּעלערישער ווי בעטענדיגער שטים״.

„איך האָב עס שוין געטאָן, כ׳האָב טעלעפאָנירט״, ענטפערט ער.

ביידע האָבען געקוקט צו דער טיר, ביידע האָבען ניט געוואוסט צי די מוטער וועט קומען נאָכדעם ווי זי האָט פאר דער גאנצער צייט פון זייער הייראט ניט איבערגעטראָטען די שוועל . . .

עס האָט ניט גענומען לאנג און עס האָט זיך דערהערט א שטארקער קלונג פון טיר גלעקעל . . .

סעם האָט שנעל געעפענט די טיר און עס איז אריינגעקומען זיין מוטער.

זי איז שטיל אָבער שנעל צוגעגאנגען צום בעטעל פון קראנקען קינד . . . זיך אריבערגעבויגען איבער׳ן קינד און טרערען האָבען א שטראָם געטאָן פון איהרע אויגען, געפאלען אויפ׳ן בעטעל . . .

„וועה איז מיר, אין הארץ ! . . . האָט זי שטיל געשעפּטשעט.

בעלא האָט מיטאמאָל דערפילט א דערלייכטערונג ווי א שטיין וואָלט אראָפּגעפאלען פון איהר הארץ . . .

זי איז צוגעגאנגען נאָהענט צום בעטעל, די שוויגער האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ און צופעליג באריהרט בעלא׳ן.

בעלא איז צוגעפאלען צו איהר ברוסט און אויסגעבראָכען אין א יאָמערליך געוויין: שוויגער, זייט אונז מוחל די ליידען וואָס מיר האָבען אייך פארשאפט״. — האָט זי ארויסגעמורמעלט צווישען שלוכצען.

„דו נארעלע, איך האָב עס שוין לאנג מוחל געווען און פארגעסען״, האָט געענטפערט מרס׳ קליין און צערטליך געגלעט בעלא׳ס קאָפּ . . . אויך סעם האָט געווישט די אויגען . . .

דאָס קינד האָט געעפענט די אויגען און געקוקט אויף דער „באָבע״.

ער האָט ליב געהאט די באָבע צו ווען ווען זיין פאָטער פלעגט איהם פון צייט צו צייט ברענגען, און ער פלעגט דאָרט קריגען א סך נאשערייען. אָבער דאָ זעהט ער זי צום ערשטען מאָהל ! . .

ביידע פרויען זיינען געבליבען שטיל פארציטערטע, אין זייערע אויגען האָט אויפגעשיינט די האָפנונג . . .

באלד איז געקומען דער דאָקטאָר. ער האָט באטראכט דעם יונגען חולה און א צופרידענער שמייכעל האָט זיך באוויזען אויף זיין געזיכט.

ביידע פרויען און דער פאָטער האָבען געקוקט אויף איהם מיט אומגע־דולדיגער דערוואַרטונג.

דער קריזיס איז פאָראיבער, ער וועט זיין געזונט ! האָט ער דערקלערט.

בעלא האָט געקוקט אויף דער שוויגער מיט דאנקבארע אויגען. זי האָט געפיהלט ווי די שוויגער זאָל האָבען געבראכט די רפואה פאר׳ן קינד און זי האָט געשמייכעלט מיט טרערען אין די אויגען.

* * *

מיט א וואָך שפעטער ווען בעני האָט געפרעגט: „מא, ווען איך וועל געהן מיט׳ן פא צו דער באָבען וועסטו אויך מיטגעהן?״ האָט די מוטער מיט א שמייכעל געענטפערט: „שור וועל איך מיטגעהן, מיין קינד, זיכער ! . . . ,

ערגעץ פיהרט זיך א חשבון . . .

מרס. גרין האָט דערוואַרטעט חשוב'ע געסט; איהר ברודער מיט זיין כלה און איהרע עלטערען.

מרס. גרין האָט געפּוצט די דילען, געוואַשען, געפּרעסט און ווען אלץ איז שוין געווען פאַרטיג האָט זי זיך דערמאָנט אז איהר ברודער האָט איהר אַמאָל געזאָגט, אז זיין כלה איז א ליבהאָבערין פון שאָקאָלאַד-ביסקוויטס.

— איידע, לויף שוין אראָפּ אין גראָסערי און ברענג ארויף א פונט טשאָ־קאָלאַד־ביסקוויטס ! האָט זי געזאָגט צו איהר פּלימעניצע, א צעהן יעהריג קינד, וועלכע האָט זיך ביי איהר געהאָדעוועט זייט איהר שוועגערין, דעם קינד'ס מוטער, איז געשטאָרבען.

איידע איז שנעל אראָפּגעלאָפען אין גראָסערי און האָט געקויפט א פונט ביסקוויטס.

די ביסקוויטס האָבען געשמעקט זעהר פריש, און איידא איז געווען שטאַרק הונגעריג, ווייל מרס. גרין איז יענעם טאָג געווען שטאַרק ביזי און האָט קיין דינער ניט געקאָכט, נאָר מ'האָט געגעבען עפּעס אן איבערבייס, וואָס איז ניט געווען איבריג זעטיג . . .

אן אנדערש מאָל וואָלט אפשר די קליינע איידע פאַרלאַנגט עפּעס מעהר צו עסען, אָבער היינט, ווען די טאַנטע איז געווען אזוי ביזי און דערצו איז זי ניט קיין איבריג גוטע טאַנטע, האָט זיך די קליינע איידע געמוזט באַנוגע־נען מיט „וואָס ניט איז". זי האָט פּשוט מורא געהאַט צו „באַדערען" די טאָנטע !

די ביסקוויטס האָבען שטאַרק געררייצט איידע'ס אַפּעטיט, און זי האָט א כאַפּ געטאָן איינע און אויפגעגעסען . . .

דער ביסקוויט איז זיך צוגאַנגען אין מויל פון פרישקייט. און זי האָט א כאַפּ געטאָן א צווייטען, א דריטען, א פערטען א פינפטען . . . דער אפּעטיט איז געווען שטאַרק, ווייל זי איז געווען הונגעריג און עס האָט געמאָנט, גע־רייצט אזוי שטאַרק, אז זי האָט אין גאַנצען פאַרגעסען אין דעם „פּרייז" וואָס עס קענען איהר קאָסטען אָט די ביסקוויטען, וואָס זי שלינגט איצט מיט אזא אַפּעטיט !

מיט אמאָל האָט איידע דערזעהן, אז ס'איז געבליבען אפשר א האַלב פונט ביסקוויטען און זי האָט גלייך באַגריפען, אז די טאַנטע סערע וועט זיכער דערקענען, אז עס פעלט א סך . . . זי איז געבליבען שטעהן אן אומעטיקע . . . „וואָס טוט מען איצט?" האָט זי געטראַכט מיט אנגסט ! זי איז אזוי געשטאַנען

א פּאָר מינוט אין פאַרלעגענהייט און ניט קענענדיג זיך דערטראַכטען וואָס פאַר אן עצה זיך צו געבען איז זי אַרויפגעגאַנגען אין הויז און דערלאַנגט דער טאַנטע די ביסקוויטס ! . . .

מרס. גרין האָט אַ נעם געטאָן דאָס פּאַפּירענע זעקעלע אין האַנט און אָנגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגען אויף דער קליינער איידע . . .

דעם קינדס הערצעל האָט זיך שרעקענדיג פאַרקלעמט . . .

— אָט דאָ איז דאָ אַ פונט ביסקוויטס ! — מיין קאָפּ זאָל מיר אַזוי ווי טאָן ! געה שוין צוריק אין גראָסערי און זאָג מרס. קאָהן, אַז דאָ איז קיין פונט ביסקוויטס ניטאָ, און זאָל זי געבען אַ ריכטיגע וואָג ! — האָט אויסגעשריען מרס. גרין מיט כעס.

איידע האָט גענומען דאָס פּאַפּירענע זעקעלע מיט ציטערדיגע הענט און איז אַ צוטומעלטע אַראָפּגעגאַנגען די טרעפּ . . .

— וואָס זאָל איך טאָן ווי קען איך געהן זאָגען מרס. קאָהען, אַז זי האָט מיר ניט געגעבען קיין ריכטיגע וואָג, ווען זי האָט מיר יאָ געגעבען אַ ריכטיגע וואָג, נאָר איך האָב אויפגעגעסען די ביסקוויטס ? — האָט געטראַכט די קליינע אומגליקליכע איידע מיט פאַרצווייפלונג — זאָל איך זיך מודה זיין, שעם איך זיך שטאַרק, און די טאַנטע סערע, איז אַזאַ נערוועזע, אַזאַ בייזע, בפרט ווען זי וויל זיך פאַר אימעצען אויסשטעלען, דאַן איז אַ גרויס רחמנות אפילו אויפ׳ן גרויסען ברייטפּלייציגען אָנקעל הערי ! . . . אין אַזאַ צייט לויפט זי פון צימער צו צימער און וואַרפט און ראַמט און בורטשעט און קאָכט זיך : „דאָס האָט באַדאַרפט זיין דאָרט האָט מען עס געלעגט דאָ און דאָס באַדאַרף זיי דאָ, האָט מען עס געלעגט דאָרט״! . . . און זי גיט באַפעהלען און איז ניט צופרידען ווי אַזוי די באַפעלען ווערען אויסגעפירט, שרייט זי, שילט זי און קוויטשעט, אַזוי, אַז זי וואַרפט אָן אַ שרעק אויף אַלעמען.

אָט אַזוי האָט געטראַכט די קליינע מיידעלע און זיך אַרומגעקוקט מיט שרעק אימעצער זאָל ניט „הערען״ וואָס זי טראַכט! . . .

ניט האָבענדיג קיין אַנדער ברירה איז זי אַריינגעגאַנגען אין גראָסערי. עס זענען דאָרט געווען אַ פּאָר פרויען, און די קליינע איז געווען צופרידען וואָס עס וועט נעמען אַביסעל צייט ביז׳ן שווערען פיינלעכען מאָמענט . . .

— פאַרוואָס האָסטו צוריק געבראַכט די ביסקוויטס, זיי געפעלען ניט דיין ענטי ? — האָט מרס. קאָהן, די אייגענטימער פון גראָסערי געפרעגט די קליינע.

— זיי געפעלען איהר, אָבער . . . ס׳איז ניטאָ קיין פונט און . . . מיין ענטי וויל האָבען . . . אַ פונט ביסקוויטס ! — האָט איידע אַרויסגעזאָגט מיט אַ

שטילער ציטערדיקער שטים, און דערפילט ווי איהרע קניה בויגען זיך . . . זי איז שטארק בלייך געוואָרען . . .

מרס. קאָהן האָט געקוקט אויפן זעקעלע, נאָכדעם אויף איידע׳ן און . . . זי האָט מיט אמאָל פארשטאנען וואָס עס האָט דאָ פאסירט ! . . . מרס. קאָהן האָט גוט געקענט מרס. גרין, וואָס פאר „א גוטע״ נשמה זי פארמאָגט און זי האָט פארשטאנען אז די יתומה׳לע הונגערט ביי איהר צו גאנץ אָפט . . . איינע פון די פרויען וואָס זיינען געשטאנען אין גראָסערי, האָט עפּעס באמערקט צו מרס. קאָהן, אין א פרעמדער שפראך, דאכט זיך רומעניש . . . מרס. קאָהן האָט שנעל דערלעגט צום זעקעלע עס זאָל זיין א פונט ביסקוויטס, און אפשר נאָך מעהר, און האָט עס דערלאנגט איידע׳ן זאָגענדיג : „נעם עס און געה געזונטערהייט!״

די קליינע האָט מיט טרעהרען אין די אויגען גענומען די ביסקוויטס און געפיהלט ווי צוצופאלען צו מרס. קאָהן און קושען איהרע הענט, זי האָט געפיהלט ווי זי האָט איהר ממש געראטעוועט דאָס לעבען.

* * *

יאָהרען זיינען געגאנגען . . .

מיט צעהן יאָהר שפּעטער האָט מרס. קאָהן געקראָגען אן איינלאדונג אויף א חתונה אין א זעהר רייכען געגענט. זי האָט צוערשט ניט געוואוסט ווער עס איז די כלה, אָבער עס האָט זיך ארויסגעוויזען אז ס׳איז די קליינע איידע וועלכע איז א גרויסע שיינהייט און הייראט א רייכען בחור וועלכער האָט זיך אין איהר פארליבט בעת א שענהייטס-קאָנטעסט, עס איז איהר געווען א וואונדער פארוואָס די כלה האָט זיך אין איהר דערמאָנט און אין זין געהאט זי צו רופען אויף דער חתונה.

יענע האָט איהר דאן דערמאָנט די געשיכטע פון דעם פונט ביסקוויטס וועגען וואָס מרס. קאָהן האָט ניט אָנגעהויבען צו געדענקען ! . . .

געזעגענדיג זיך מיט דער כלה האָט מרס. קאָהן שטיל ארויסגעזאָגט מיט אָ לייכטען זיפץ : „ווייזט אויס, אז אונזער גאָט דערמאָנט זיך, פאָרט אין די אומגליקליכע און פארגיטיגט זיי זייערע ליידען ; ווייזט אויס, אז ערגיץ פיהרט זיך א חשבון!״ . . .

בענקשאַפט...

בעלא און ארטור האָבען זיך באקענט אין קאנטין. ארטור דינט אין „מערטשאנט מארין" און שווימט ארום אויף א שיף איבער ימים, קומט אין פארשידענע לענדער און דערצעהלט וועגען זיינע דערפאהרונגען. זעהר אינ־טערעסאנט זענען זיינע דערפאהרונגען.

בעלא האָט שטארק ליב געהאַט צו הערען ריידען, שלינגט זי ממש יעדעס וואָרט, וואָס ער רעדט ארויס.

ארטור באמערקט, אז זי איז פאראינטערעסירט אין איהם, באציהט ער זיך צו איהר ווארימער ווי צו אלע אנדערע מיידלאך. רעדט צו איהר מעהר.

אזוי ארום האָט זיך זייער פריינדשאפט פארוואנדעלט אין א הייסער ליבע!...

איינמאָל ווען בעלא האָט געווארט אויף ארטור'ן אין קאנטין און ער איז ניט געקומען, איז זי געוואָרען שטארק ברוגז אויף איהם, און האָט זיך גע־לאָזט אהיים געהן. אימיצער האָט איהר געלאָזט וויסען, אז ער הוליעט מיט חברים.

ארטור איז אָנגעקומען און האָט זי אָפּגעשטעלט ביי דער טיר. זי האָט זיך אָבער ברוגז אוועקגעדרעהט פון איהם.

ער האָט זיך ענטשולדיגט פאר'ן פארשפעטיגען: חברים האָבען איהם מיט גוואלט פארהאלטען. ס'איז געווען א געוויסען חבר'ס געבורטסטאָג און מען האָט זיך אביסעל געלאָזט וואוילגעהן, האָט ער ניט געקענט קומען פריהער.

אָט אזוי האָט ער זיך געהאלטען אין איין פארענטפערען, אָבער בעלא האָט איהם ניט געוואָלט מוחל זיין און זי איז אוועק פון קאנטין איהם אי־בערלאָזענדיג אליין.

מיט א וואָך שפּעטער האָט איהר ארטור'ס א פריינט איבערגעגעבען פון איהם א גרוס: ער איז אָפּגעשוואומען מיט זיין שיף צוריק קיין ענגלאנד!...

בעלא האָט מיט אמאָל דערפיהלט א שארפע, נאָגענדע בענקשאפט!...

„ניט באדארפט זיין אזוי פאר'עקשנ'ט און איהם מוחל זיין!" האָט זי זיך געמאכט פאָרווארפען און אין איהר יונגער הארץ האָט גענאָגט א בענק־שאפט און עלענד!...

איינמאָל אין א שעהנעם פריהמאָרגען האָט דער פאָסטמאן איהר אָפּ־געגעבען א בריוועל. ס'איז געווען פון איהם, פון דעם פון וועמען זי האָט געטראכט גאנצע טעג און נעכט!

ארטור האָט געשריבען אז ער האָפט, אז זי האָט איהם ענדליך מוחל גע־וועזן, אז ער בענקט נאָך איהר, אז ער איז שוין געוועזן אין פראנקרייך און אין אנדערע לענדער, און אז די מלחמה האָט איהם שוין שטארק דערעסען, ווייל עס איז שוין פיר יאָהר אז ער שלעפּט זיך ארום איבער ימים ! . . .

אין זיין בריוו האָט ער פארענדיגט מיט די ווערטער :

„איך וואָלט שוין אזוי וועלען די מלחמה זאָל אויפהערען, און איך זאָל זיך באזעצען אויף א פארם ערגעץ אין אייער געגענד ! . . .

„איך האָב שטארק ליב פארם־ארבייט, און חוץ דעם פיהל איך אז מיינע נערוועז זענען שוין שטארק אויסגעמאטערט פון די פיר יאָהר מלחמה !

„בעלא, דו וועסט קומען צו מיר אויפ׳ן פארם?״ אָט אזוי פרעגט ער אין זיין לעצטען בריוועל.

בעלא פיהלט אזוי פיל ווארימקייט אין אָט דער פשוט׳ער פראגע זיינער.

עס באווייזען זיך טרעהרען אין איהרע אויגען . . . אָ, ווי עס טוט איהר באנג אויף דער נארישער עקשנות איהרער, דאן אין קאנטין !

ווי גערן זי וואָלט געפּאָהרען צו ארטור׳ן אויף א פארם ! ווי גליקליך זי וואָלט געווען צו פארברענגען מיט איהם שטילע שעה׳ן אויפ׳ן שויס פון דער נאַטור . . .

איהר יונגע הארץ געהט אויס פון בענקשאפט . . . אָבער נאָך א גע־וויסען בריוו אין וועלכען ער האָט איהר געלאָזט וויסען, אז מען שיקט איהם שוין ווידער ערגעץ איבער ימים אין א ווייט לאנד, זענען שוין מעהר קיין בריוו פון איהם ניט אָנגעקומען ! בעלא שרייבט איהם בריוו איינעם נאָכ׳ן אנדערען אויפ׳ן אָנגעגעבענעם אדרעס, איהר יונגע כמעט קינדערשע הארץ וויינט, נאָגט און בענקט אויף איהר עלענד, אָבער קיין בריוו פון ארטור׳ן קומט ניט אָן ! . . .

און כדי צו שטילען די נאָגענדע בענגקשאפט נעהמט זי לייענען זיינע בריוו. זי קוקט אויף די קליינע „סנעפּשאָטס״ (בילדלאך) באטראכט די פאר־שידענע פאפיר געלט וואָס ער האָט איהר פון פארשיידענע לענדער גע־שיקט . . . זאָל ער זי האָבען פארגעסען ? זאָל ער האָבען אן אנדערע ?

אָ, ניין, דאָס איז אומגלויבליך : נאָך דעם ווי ער האָט זיך געפיהלט אזוי גליקליך וואָס זי האָט איהם ענדליך מוחל געוועזן זיין עולה געגען איהר ! . . .

ניין, ער האָט זי ניט פארגעסען. בעלא ווייסט עס, זי פיהלט עס ! זי ווייסט און פיהלט אז . . . ס׳איז מלחמה ! עס ווערען געזונקען פיל שיפען אויפ׳ן ים, און ווער ווייס אין וועלכע וואסערען דער יונגער מידער ארטור האָט ענדליך געפונען זיין רוה, זיין אייביגע רוה . . .

די יונגע בעלא, וואָס איז נאָך כמעט א קינד, זיצט א פארטראכטע מיט אויגען אָנגעפילטע מיט טרעהרען און איהרע געדאנקען טראָגען זיך ווי כוואליעס איבער ווייטע ימים, איבער דער גאָרער וועלט ! . . .

זיינע לעצטע מינוטען . . .

מעקס איז געלעגען אויפ׳ן פעלד אן איינזאמער: זיין גרופע איז אפגע־טראָטען מיט גרויסע פארלוסטען, און ער איז געבליבען ליגען א שווער פאר־וואונדעטער אין א טייך בלוט . . .

מעקס האָט געפיהלט אז זיין שעה האָט געשלאָגען, אז עס זיינען זיינע לעצטע מינוטען. עס דערנעהענטערט זיך דער סוף . . .

איבער איהם איז געווען אן אויסגעשטערענטער הימעל און א שטילע נאכט . . .

עס האָט געאָרניט באנג געטאָן. עס האָט גאָרניט וועה געטאָן, אלץ נאָך וואָס ער האָט געגאַרט איז געווען רוה . . .

און נאכט שטילקייט און רוה האָבען זיך איבער איהם אראָפּגעלאָזט און איינגעהילט איהם זאָרגפעליג ווי די מאמע זיינע אמאָל ווען ער איז געווען א קינד . . .

אָט זעהט ער זי א הויכע, א בלאָנדע מיט זומער־שפּרינקלאך באדעקט דאָס פּנים, און איהרע הענט אזעלכע ווייכע ווארימע . . . אין די גרויסע פרעסט אין מיט׳ן נאכט קומט זי צו צו זיין בעטעל און דעקט איהם איין . . .

„מאמע איך קען זיך אליין איינדעקן. פארוואָס שלאָפסטו ניט?״ רופט ער אויס האלב באליידיגט. האלב פארוואונדערט און רייבט זיך די אויגען.

ס׳איז שטארק קאלט, שלאָף, שלאָף מיין קינד ענטפערט זי שטיל און ווערט פארשוואונדען ווי א גוטער מלאך אין די וואונדער־מעשה׳לאך . . .

איבער מעקס׳ן שפּרייט זיך א טונקעלער הימעל. די שטערען ווינקען זיך סודות׳דיג איבער . . . . די בלוט טריפט פון דער אָפענער וואונד און עס ווילט זיך איהם אזוי רוהען, רוהען, רוהען . . .

עס קומט איהם אויפ׳ן געדאנק פיטער, וועלכער איז דאכט זיך אויך פאר־וואונדעט געוואָרן . . . . ער ווייסט אָבער ניט אויף זיכער . . . ער זעהט איהם א טרויעריגען ווי ער זיצט מיט אן אראָפּגעלאָזטען קאָפּ, יעדעס מאָל ווען חברה קריגט בריוו פון דער היים. כמעט אלע קריגען בריוו חוץ פיטער.

פיטער האָט געלאָזט אין דערהיים א מוטער מיט צוויי שוועסטער, די ערשטע צייט פלעגט ער פון זיי קריגען אָפטע בריוו, אָבער מיט דער צייט האָבען די בריוו אויפגעהערט קומען . . .

מעגליך עפּעס אן אומגליק האָט דאָרט פּאסירט . . .

זיצט ער אלע מאָל אן אומעטיקער מיט אן אראָפּגעלאָזטען קאָפּ און

שוויגט ווען חברה לייענט מיט הונגער און פרייד די בריוו פון זייערע ליבס־טע, און טיילען זיך מיט די איינדרוקען . . .

אין פיטער׳ס אויגען איז דאן פאראן אזוי פיל אומעט און וועהטאָג אז מעקסי׳ן קלעמט דאָס הארץ פון רחמנות צו דעם עלענדען אומגליקליכען בחור !

איצט דוכט זיך איהם אז אויך יענער איז געטראָפען געוואָרען פון שונא׳ס קויל און ער איז געלעגען ניט ווייט פון איהם א פארוואונדעטער, אָבער ער איז ניטאָ . . . אפשר האָט מען איהם באמערקט און צוגענומען . . .

אָט די אלע געדאנקען דרעהען זיך ביי מעקסי׳ן אין קאָפּ, איינציגע געדאנ־קען זענען אזוי קלאָהר גלייך ווי ער וואָלט זיי געטראכט אין נאָרמאלע אומ־שטענדען ניט ליגענדיג א טויטליך פארוואונדעטער אויפ׳ן פעלד . . .

און אָט זעהט ער ווידער און ווידער זיין לאנד, זיין שטאָט, זיין היים, דעם גאָרטען לעבען הויז שכנים, חברים. מיט איינעם פון זיי (ווילי) איז ער לעצ־טענס געווען אביסעל צוקריגט. עפּעס איבער א נארישקייט איז עס ארויסגע קומען די קריג . . . ער געדענקט שוין ניט פארוואָס . . .

ווידער און ווידער שטעלט זיך איהם פאָר די היים ווי זי וואָלט זיך מיט איהם רייצען — די ליבע זיסע היים ! . . .

עס איז דאָרט איצט ליכטיג און ווארים . . . אָט זיצט דאָרט זיין ברודער דייוו מיט איין האנט עסט ער און אין דער אנדער האנט האלט ער די „פּאָני פייפּערס” שטענדיג קוקט ער אריין אין זיי . . .

און אָט זיצט דאָרט די באָבע, זי ארבייט א סוועטער . . . שטענדיג אר־בייט זי סוועטערס, סקארפס, גלאָווס, זאָקען . . . ער געדענקט זי ניט אין קיין אנדער פּאָזע . . . און דאָרט זיצט דער פאָטער ביי דער ראדיא, און גלייכצייטיג קוקט ער אריין אין א צייטונג. ער וויל וויסען די נייעס פון ביידע זייטען . . .

זיין פאָטער א.הויכער, ברייט־פּלייציגער מיט א גוטמוטיגען שמייכעל שטענדיג. ער געדענקט נאָך די צייט ווען דער פאָטער פלעגט איהם א כאפּ טאָן אויף די הענט, און אויפהויבען ביז צו דער סטעליע ! . . . ווי ער פלעגט ליב האָבען אָט דאָס אויפהויבען זיך אויף די גרויסע שטארקע הענט פון פאָטער אין דער הויך, עס איז געווען אזא „טרילן!” . .

אין קיך שטעהט די מאמע ביים אויוון אין א ווייסען אפּרטוך . . . ער גע־דענקט ווי אָט נעכטען איז עס ערשט געווען. זי פירט איהם ביים הענטעל צום ערשטען מאָל אין סקוהל ! און ווען זי וויל אוועקגעהן לאָזט ער זי ניט . . . ער וויינט, לויפט איהר נאָך, ביז די לערערין מישט זיך אריין צווישן זיי, און ער לאָזט זי אָפּ, די מאמע.

שפּעטער מיט א פּאָר שטונדען קומט זי איהם אָפּנעהמען, זי פיהרט

איהם ביי דער האנט, איהר האנט איז אזאווארימע, א ווייכע האנט . . .

„מאמע!״ . . . קרעכצען א פּאָר בלויע ליפּען אָפּשטארבענדיג עלענד אויף א פעלד אין דער פינסטערער נאכט . . . „מא־א־מא!״ . . עפּעס קלעפּט זיך ווארים בלוט . .. עס ווערט קיהל . . . קיהלער און קיהלער . . .

איבער׳ן קאָפּ א בלויער הימעל . . . אזוי פיל שטערען ! . . זיי לאָזען זיך אראָפּ צו איהם . . . נעהענטער און נעהענטער . . . אפשר הויבט ער זיך אויף צו זיי העכער און העכער . . . אפשר הויבט איהם דער פאָטער אויף די הענט צו דער סטעליע, ווי ער פלעגט עס טהאָן אמאָל ווען ער איז געווען א קינד . . . אָט ווערען גאָר צוויי שטערען גרעסער און גרעסער, ביז זיי פארוואנדלען זיך אין א פּאָר אויגען . . אויגען פון א געטליך פנים. דאכט זיך ביטריס מיט וועלכער ער האָט דאָ ניט לאנג צוריק געטאנצט אין קאָנטין . . .

ניין, ס׳איז גאָר די מאמע ! . . . .

ביידע פנים׳ער מישען זיך אויס צוזאמען: אָט איז עס ביטריס און אָט איז עס די מוטער . . .

זיי בויגען זיך צו צו איהם אזוי נאָהענט.... אָט קוש זי איהם ביטריס... ער פיהלט די ווארימקייט פון איהרע ליפּען . . ס׳איז אזוי פיינליך זיס ! . .. זיינע אויגען שליסען זיך . . . עס איז ענדליך געקומען די געווינשטע רוה, די אייביגע רוה ! . . .

מיטגעפיהל...

מרס. קלערמאן איז געזעסן אויף א באנק אין פארק. איהר פנים האָט אויסגעזעהן טרויעריג, אין הארצען האָט ביי איהר געגאָגט א טיפע וואונד און בענקשאפט . . .

זינט זי האָט באקומען די טעלעגראמע, אז מעקס איז געפאלען אין קאמף פאר אַ בעסערער וועלט, איז איהר געמיט שטארק געבראָכען.

איהרע אויגען קוקען, אין דער ווייטקייט ווי זיי וואָלטען זיך באמיהט, מיט גרויס אָנשטרענגונג אויסצוגעפינען ערגעץ אין דער ברייטער ווייטער וועלט א שפור פון מעקס׳ן, און אזוי ארום עטוואָס לינדערן דעם טיפען וועהטאָג פון הארץ, וואָס ליידט אזוי שטארק פון בענקשאפט !

אמת, ס׳איז שוין ניט אזוי שרעקליך ווי די ערשטע פאָר וואָכען נאָך דעם ווי די טעלעגראמע איז אָנגעקומען: עס האָט זיך ווי פארצויגען א לייכ־טע הייטעל איבער דער טיפער וואונד אין מרס. קלערמאנ׳ס הארץ, אָבער עס נאָגט נאָך אלץ א טיפער ווייטאָג און זי ווייסט אז . . . עס וועט נאָגען איהר גאנצען לעבען ! . . .

מעקס, איז געווען דער עלטסטער פון איהרע פיר קינדער און אויך איהר ליבלינג. הויך געוואקסען, שעהן און א גוטע נשמה האָט ער פארמאָגט, אזוי, אז אלע האָבען איהם ליב געהאט !

זי פיהלט ווי עס וואָלט א טייל פון איהר הארץ אינגאנצען ארויסגעריסען געוואָרען מיט מעקס׳ס טויט....

„העלאו, מרס. קלערמאן״ — האָט זי פלוצלונג דערהערט א שטימע. זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ : פאר איהר איז געשטאנען אן אלטיטשקע, פון דעם טיפּ פרויען אין דער אלטער היים, שוין איינגעבויגען און מיט א שטארק צואקערטען פנים אָבער מיט יונגע פרעהליכע אויגען . . .

די אלטע פרוי איז אמאָל געווען מרס. קלערמאנ׳ס שכנה, איצט געפינט זי זיך שוין אין מושב זקנים. אין א זוניגען טאָג קומט זי ארויס אין פארק ארייננכאפּען א ביסעל זון־שיין און פרישע לופט. מרס. קלערמאן האָט געענט־פערט מיט א שטילען אומעטיגען „העלאו״, אָבער דערביי האָט זי זיך שווייגענדיג אביסעל אָפּגערוקט אויפ׳ן באנק, כדי צו געבען דער אלטיטש־קער א מעגליכקייט זיך אוועקצוזעצען.

די אלטיטשקע האָט זיך אוועקגעזעצט און גענומען זיך נאָכפרעגען אויף מיסטער קלערמאן, די קינדער און . . . „וואָס שרייבט מעקס?״

אָט די פראגע האָט ווי מיט א מעסער געטראָפען אין מרס. קלערמאנ׳ס

פארוואונדעט הארץ, און זי האָט אויסגעבראָכען אין א יאָמערליכען געוויין...

די אלטיטשקע, וועלכע האָט שוין פארשטאַנען ווי ניט פאסיג עס איז געווען איהר פראגע, איז געבליבען זיצען אין פארלעגענהייט איהר האָט שטארק באנג געטאָן דאָס פארשאפען דער אומגליקליכער פרוי אומזיסטע איבעריגע ליידען, אָבער פארפאלען . . .

זי האָט אָנגעכאפּט איהרע הענט, און האָט זיי געגלעט זאָגענדיג: „וועה מיר אין הארצען, איך האָב ניט אָנגעהויבען וויסען פון אייער גרויסען אומגליק!" און טרערען האָבען גענומען פאלען איבער די צעקנייטשטע באקען... זי האָט פאָרטגעזעצט:

זיי זיך ניט מצער, טאָכטער, עס איז געווען גאָט'ס ווילען, און וואָס ער טוט איז רעכט ! ער האָט אויסגעקליבען דיין זוהן צווישען די וואָס האָבען באדארפט פאלען קרבנות פאר'ן פאָלק ישראל. דו ביסט די שטאָלצע מוטער פון א זוהן וואָס האָט מקריב געווען זיין יונגען לעבען פאר יושר ! גאָט האָט דיר געגעבען מעקס'ן ניט מעהר ווי אויף אזוי פיל צייט. ער פיהרט די וועלט און מטאָר צו איהם קיין טענות ניט האָבען. דו ביסט ניט די איינציגע וואָס האָסט געליטען. עס זענען פאראן א סך אזעלכע צעבראָכענע הערצער. מען מוז זיך אָבער שטארקען, מען טאָר זיך ניט נעמען צו פיל צום הארצען. מיר וועלען אלע געהן אהין וואו מעקס איז איצט, אלע, וועל פריהער, ווער שפעטער, דאָרט איז די אמת'ע וועלט ! . . . וויין ניט טאָכטער . . .

די אלטיטשקע האָט ארויסגענומען פון מרס. קלערמאַנ'ס האנט איהר טיכעל און האָט איהר אויסגעווישט די אויגען.

ניט ווילענדיג האָט מרס. קלערמאן א זאָג געטאָן: ווי א מאמע זענט איהר מרס. בערמאן און האָט א טיפען זיפץ געטאָן . . .

זי האָט א קוק געגעבען אויפ'ן האנט זייגערל: ס'איז שוין באלד זעקס אזייגער און איהר מאן מיט די קינדער וועלען באלד קומען ! האָט זי באַמערקט און האָט זיך אויפגעהויבען פון דער באנק. איהר שטים האָט שוין געקלונגען רוהיגער און עטוואָס מונטערער . . .

„זייט מיר געזונט, מרס. בערמאן, און קומט אמאָל צו, ווען איהר האָט די מעגליכקייט !" האָט זי זיך געזעגענט און זיך געלאָזט געהן.

„גיי געזונטערהייט, טאָכטער און לאָז גריסען דיין מאן מיט די קינדער!" האָט נאָכגעשריען די אלטיטשקע.

מרס. קלערמאן איז געגאנגען מיט שנעלע טריט און געקלעהרט : „פון וואנען האָט זי זיך פלוצלונג גענומען אָט די אלטיטשקע מרס. בערמאן מיט די יונגע קינדערישע אויגען ? ווי פון הימעל איז זי אראָפּגעפאלען"

מרס. קלערמאן האָט געפיהלט ווי דער אלטערס טרייסט־ווערטער וואָל־טען געווען א זאלב אויף איהר טיפער וואונד אין הארץ . . .

אויף אורלויב.

מרס. ווייסמאַן וואַרט אָפּ יעדען פריהמאָרגען דעם פּאָסטמאַן. זי קוקט אומגעדולדיג ארויס אויף א בריוו פון איהר יונגען זוהן אייבי, וועלכער איז אין דער ארמיי.

זינט אייבי איז אוועק אין דער ארמיי, איז ביי מרס. ווייסמאַן אין הארץ עפּעס ווי לעדיג, אויסגעלאָשען געוואָרען: זי בענקט נאָך איהם שטארק . . .

לעבען איהר שטעהט „טשאָבי״, א קליין הינטעלע, וועלכער איז אייבי׳ס ליבלינג, און לאָזט ניט אדורך קיין מאן אין אוניפאָרם, ביז ער באשמעקט איהם ניט, מיט דער האָפנונג אפשר איז עס אייבי . . .

ער געהט אָבער יעדעס מאָל אוועק אן ענטוישטער. עס באווייזט זיך דער פּאָסטמאַן, און גיט דער מרס. ווייסמאַן איינציגע בריוו און צייטונגען. זי קוקט זיי שנעל דורך און באמערקט צו איהר גרויס צופרידענהייט אויף איינעם פון די קאָנווערטען אייבי׳ס האנטשריפט . . .

זי רייסט שנעל אויף דעם קאָנווערט, ס׳איז א בריוועל פול מיט חכמה־לאָך, און מרס. ווייסמאַן, לאכט צו זיך אליין פארגעסענדיג אז זי געפינט זיך אין גאס, און פארבייגעהער קוקען זי אָן . . . ערשט ווען זי באמערקט אז א פרוי שטעהט לעבען איהר, קוקט אויף איהר און שמייכעלט, כאפּט זי זיך, אז ס׳איז מאָדנע צו שטעהן אויפ׳ן גאס און לאכען צו זיך אליין, אפילו ווען מ׳קוקט אריין אין א בריוועל...

זי לאָזט זיך ארויפגעהן אין הויז. דאָס הינטעל לויפט פאָראויס א צופרידענס. עס דערקענט ווען מרס. ווייסמאַן איז צופרידען און טיילט מיט איהר די פרייד, פונקט ווי ווען זי איז אומעטיג.

„ווייסט, טשאבי, אייבי שרייבט, אז ער וועט אהיימקומען פאר א פּאָר טעג!״ לאָזט זי וויסען דעם הינטעל . . . טשאָבי דערהערט דעם נאָמען אייבי, נעהמט ער שפּרינגען און טאנצען, שמעקען און זוכען . . .

שפּעטער קומט אהיים מר. ווייסמאַן און די פּופּצעניעהריגע עטעל. מרס. ווייסמאַן לאָזט זיי וויסען וועגען אייבי׳ס אהיימקומען און זיי ווערען אויך פרעהליך געשטימט. „מיר וועלען שוין די וואָך עסען וואַרעניקעס!״ רופט אויס עטעל, וויסענדיג אז אייבי איז א גרויסער אָנהענגער פון אָט דעם מאכל . . .

אייבי איז דער פרעהליכסטער אין דער דאָזיגער קליינער פאמיליע און זיין אָפּוועזענהייט מערקט זיך זעהר . . .

שבת ארום דריי נאָכמיטאָג האָט זיך דערהערט אייבי׳ס געזאנג פון די

טרעפּ. אלע דריי לויפען איהם אנטקעגען, עס ווערט א טומעל, א רעש, אלע רעדען אינאיינעם.

„ער קוקט אויס פיין", באמערקט זיינער א חבר וועלכער האָט שוין גע־ווארט אויף איהם.

„דאָרט אין דער ארמיי מוז איך געהן שלאָפען אין צייט, און עסען אין צייט, בעת דאָ האָב איך געקענט ארומגעהן מיט חברים ביז שפּעט אין דער נאכט און עסען ווען עס איז אויסגעקומען, אָבער דאָרטען איז אלעס פּינקטליך נאָרמאל, דיסציפּלינירט, דערקלערט אייבי.

„א שאָד וואָס דו האָסט זיך ניט אָנגעשלאָסען אין דער ארמיי פריהער מיט א פּאָר יאָהר", באמערקט עטעל. אייבי גיט איהר שטיפעריש א שנעל איבער'ן נאָז . . .

נאָך סאַפּער זאָגט אייבי, אז ער וועט געהן פארברענגען מיט זיינע חברים.

די עלטערען און עטעל זיינען ניט צופרידען וואָס ער געהט אוועק, וויסענדיג אז מאָרגען אווענט פאָהרט ער אַוועק, אָבער זיי קאָנען איהם ניט שטערען.

נאָר אייבי דרעהט זיך עפּעס. איהם ווילט זיך ניט אזוי שטארק, ווי אַמאָל, צו געהן מיט זיינע חברים. קענטיג אז די היים איז איהם איצט פיל חשוב'ער ווי פריהער . . .

„איך וויל ניט געהן היינט אין ערגעץ, איך וועל בעסער פארברענ־גען מיט אייך דעם אווענט!" באשליסט ער.

די מוטער קוקט זיך איבער מיט'ן פאָטער . . .

עס דערהערט זיך א וואַלס אויף דער ראַדיאָ . . .

אייבי געהט צו צו עטלען, פארנויגט זיך מעשה קאַוואַליער, און ביידע דרעהען זיך אין א וואַלס. מרס. וויסמאַן בלייבט שטעהן א פארגאַפטע. זי קוקט אויף איהרע קינדער וועלכע שטעלען מיט זיך פאָר איהר גאנץ פארמעגען, און אין איהר הארץ שפּאָרען זיך צוויי געגענזייטיגע געפיהלען: פרייד און אומעט.

אויך מר. וויסמאַן האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון דער צייטונג און קוקט אויף דער טאַנצענדיגער פּאָרעל . . .

שפּעט נאָך האלבע נאכט געהט די פאמיליע שלאָפען.

זונטאָג פריה שטעהט מרס. וויסמאַן אויף פריהער ווי אלע מאָל. זי געהט פארביי אייבי'ס צימער און כאַפּט אַ קוק אויף זיין בעט, וועלכעס איז דאָס ערשטע מאָל אין עטליכע וואָכען ניט לעדיג . . .

זי פיהלט, ווי אין איהר הארץ איז עפּעס צוריק ליכטיג געוואָרען.

אייבי'ס יונג געזיכט איז רוהיג, באשטראַלט מיט א צופרידענעם שמיי־

כעל וועלכער מאכט זיין פּנים נאָך שעהנער, ליבליכער . . . קענטיג אז אים איז גוט צו שלאָפען אויף זיין היימישען געלעגער, אין זיין נעסט וואו ער איז אויסגעוואקסען, ארומגערינגעלט מיט דער ווארימקייט פון טאטע מא־מע און שוועסטער . . .

צונויפגעדרעהט ווי א בייגעל ליגט ביי זיינע פיס דאָס קליינע הינ־טעל . . . .

אויך דער פאָטער און עטעל זיינען אויפגעשטאנען פריהער ווי שטענ־דיג. דאָס האָבען זיי געוואָלט פארלענגערען דעם טאָג. נאָר דער גאסט איז געשלאָפען שפּעט, קענטיג עס האָט זיך איהם געוואָלט אויסנוצען די פריי־הייט !

נאָכמיטאָג זיינען געקומען אייבי׳ס חברים, זיי האָבען איהם גערופען צו א „געים״.

„ווען וועסטו קומען ?״ פרעגט די מוטער.

„ארום זעקס אזייגער״, ענטפערט אייבי.

אויף אלעמענס פּנימ׳ער באמערקט זיך א לייכטער, קוים באמערקבא־רער שאָטען. מ׳ווייסט, נאָך סאפּער וועט ער זיך נעהמען קלייבען צוריק אין וועג אריין . . .

ביי מרס. ווייסמאן אין הארץ ווערט עפּעס ווידער טונקעל, אויסגעלאָ־שען . . .ביים פאָטער כאפּט זיך ארויס א זיפץ, וועלכען ער באמיהט זיך צו דערשטיקען. עטעל׳ס פּנים ווערט ערנסט, כמעט שטרענג . . .

ווען אייבי קומט צוריק פון דער געים, איז שוין דער טיש געגרייט פאר סאפּער.

מ׳עסט שטיל, מ׳רעדט ווייניג. און גלייך נאָך סאפּער הויבט זיך אייבי אויף: „מ׳דארף שוין געהן״, זאָגט ער און דערנעהענטערט זיך צו דער מו־טער מיט אן אומעטיגען ווי פארשולדיגטען האלב־שעמעוודיגען שמייכעל...

עס קומען אריין זיינע חברים, וועלכע געהען איהם באגלייטען צו דער באהן. אלע געהען ארויס, מיט אינגעלשען טומעל. עס ווערט שטיל אין הויז . . . „נאָר ווי א חלום״, באמערקט עטעל . . .

„דאָס גאנצע לעבען איז ווי א חלום״, ענטפערט דער פאָטער.

די מוטער קוקט אין דער ווייטקייט, מיט טרעהרען אין די אויגען, און — שווייגט . . .

אַוועקגעפאָהרען . . .

מרס. וויס גלייכט ניט דאָס וואָרט „אָווערסיס״, עפּעס שרעקט עס זי אָט דאָס וואָרט, וואָס איז לעצטענס געוואָרען אזוי פּאָפּולער און מ׳הערט עס אויף שריט און טריט.

„הערי איז שוין אָווערסיס״, לאָזט איהר וויסען א שכנה וועגען א באַ־קאַנטען בחור.

מרס. ווייסעס הארץ פארקלעמט זיך און גלייך קומט איהר אויפ׳ן גע־דאנק אז אָט אָט וועט קומען א טאָג און די שכנה וועט לאָזען וויסען אן אנדער שכנה וועגען איהר מאָריס׳ן, אז ער איז שוין „אָווערסיס״ און מרס. וויס׳ן ווילט זיך אזוי ניט, אז איהר יונגער זוהן זאָל געהן „אָווער־סיס״.

זי פארשטעהט אפילו גאנץ גוט, אז זי איז ניט די איינציגע מוטער וועמענס זוהן איז אין דער ארמיי, אז יעדע מוטער האָט ליב איהר זוהן; אז מלחמה איז א ביטערע פינסטערע זאך, אָבער די הייליגע פליכט פאָדערט מען זאָל פארטיידיגען דאָס לאנד און פאָלק; אז ווען אלע וועלען זיך האלטען ביי דער מאמע׳ס פארטוך, וועלען שקר און מערדעריי קריגען די אויבערהאנט איבער דער רעכטדענקענדער מענשהייט און אזוי ווייטער און ווייטער . . .

אָבער עס הערט ניט אויף נאָגען ביי איהר אין הארצען די מורא פארן מאָמענט ווען איהר מאָריס וועט איהר זאָגען „גוד באַי״, ווייל ער ווערט געשיקט „אָווערסיס״ . . .

ס׳האָט אָבער גאָרניט געהאָלפען: דער טאָג איז געקומען ווען מאָריס איז אהיים געקומען פאר „עמבארקיישאָן ליוו״ — דער אורלויב פאר׳ן אפּ־פאָרען צו יענער זייט ים. „העלאָו, מאמזי״ ! רופט ער אויס א פרעהליכער ווי אלע מאָל ביים אריינקומען אין הויז, אָבער אין זיינע אויגען מערקט זיך א שטילער פארבאָרגענער אומעט . . . ניט אויף זיך האָט ער רחמנות, פארקעהרט, ער וויל גראַד וואָס שנעלער געהן אין קאמף, זיין רחמנות איז אויף איהר, אויף דער מוטער; ער ווייסט גאנץ גוט ווי זי פיהלט...

זי איז דאָך צו איהם חוץ א מוטער אויך ווי א ליבער חבר. ער רעדט מיט איהר שטענדיג ווי מיט א חבר. זי פארשטעהט איהם אזוי גוט.

און די מוטער געדיינקט אָט ווי ערשט נעכטען איז ער אריינגעקומען א פרעהליכער און האָט איהר געלאָזט וויסען אז . . . ער האָט היינט צום ערשטען מאָל א קוש געגעבען א מיידעל !

ס׳איז געווען אויף א פארטי וואו ער האָט גענומען אנטייל אין א „געים״.

די מוטער לאכט און עפּעס אזא מאָדנע בענקשאפט וועקט זיך ביי איהר אין הארצען, — א בענקשאפט נאָך די פארגאנגענע מיידעלשע ראָמאנטישע יאָהרען און חלומות . . .

און ווי ער וואָלט געלייענט איהרע געדאנקען גיט ער זי פּלוצים א פרעג :

„מא, דו געדענקסט נאָך ווי דו האָסט געפיהלט, ווען א בחור האָט דיר צום ערשטען מאָל א קוש געגעבען ?"

די מוטער לאכט זיך פאנאנדער.

„ווער קען עס געדיינקען? אפשר האָט מיך גאָר קיינמאָל קיין בחור ניט געקושט!" . . . זאָגט זי.

„אָ, דאָס איז אומעגליך !" רופט ער אויס און גיט צו : „דו האָסט גע־מוזט זיין זעהר אן אינטערעסאנטע מיידעל!" אוןביידע לאכען ווי צוויי חברים, ניט ווי מוטער און זוהן.

• • •

און אַט זיצט מען שוין ביים סטיישאָן. די מוטער קוקט אויפ'ן גרויסען הענגענדיגען זייגער . . . די וויזערס דערנעהענטערען זיך צו 9 . . . עפּעס יאָגען זיי היינט אזוי שנעל די וויזערס . . . „ווער ווייסט ווען איך וועל איהם זעהן", טראכט זי מיט אנגסט. דער וויזער קומט צו צו 9, קאַלט־בלוטיג טוט ער עס . . . עס געהט איהם גאָר ניט אָן וואָס עס פיהלען די צענד־ליקע, הונדערטער הערצער אָט דאָ ביים סטיישאָן, בעת ער דערנעהענטערט זיך אזוי קאַלט־בלוטיג צו דער שטונדע וואָס וויזט אָן דעם „גוד באַי!"

„זיי געזונט מא", און ער בויגט זיך צו איהר צו, איהר זוהן . . .

„פאָר געזונט מיין ז . . ." און זי פאלט צו צו זיין ברוסט הילפלאָז ווי א קינד . . . און עס הערען זיך טרעהרען אין זיין שטים „דאָנט וואָרי מא, פליז דאָנט וואָרי" . . . ער זעגענט זיך מיט'ן פאָטער און שוועסטער, כאפּט שנעל דעם רוק־זאק און לויפט צו דער באַן.

* * *

שפּעט ביינאכט ליגט מרס. ווייס מיט אָפענע אויגען און בעט :

„מיין גאָט, איך גיב איבער מיין קינד אין דיינע מעכטיגע הענט, זאָל דיין געטליך אויג איהם באוואכען אויף שריט און טריט, פיהר איהם צו זיג און גליק !"

און ווען איהרע אויגען הויבען זיך אָן שליסען זעהט זי א שיף ערגעץ ווייט ווייט אויפ'ן ים . . . ס'איז פינסטער, קיין שיין איז ניט פאראן אויף דער שיף, דער שונא זאָל זי ניט באמערקען . . .

ווי הערינג אין א פעסעל זיינען אָנגעפּאקט סאָלדאטען אין דער שיף . . .

און צווישען זיי דערקענט זי איהר יונגען זוהן מיט די ברוינע לאכעדיגע אויגען, און שניי ווייסע פינקעלדיגע צייהן . . .

א טיפער זיפץ רייסט זיך ארויס פון דער מוטער׳ס הארץ און שניידט דורך די שטילקייט פון דער נאכט. און איהרע ליפען מורמלען שטיל : מיין קינד, מיין זוהן, וואוהין געהסטו ! ? ! . . .

בריוו

בריוו פון א מוטער

מיין ליבער זוהן, מיין קינד!

עס ווילט זיך דיר אזוי פיל זאָגען, שרייבען אָבער עס פעהלען אויס ווערטער.

צומאָל פיהלט דער מענש עפּעס וואָס גיט זיך ניט איבער אין ווערטער און ניט אויף פּאַפּיר!

אָט ביזטו שוין א סאָלדאט אין דער ארמיי, פיהרסט מלחמה, אָבער פאר מיר ביזטו אלץ מיין אינגעל, מיין קינד!

און ווען דו ביזט דאָ לעבען מיר וואָלט איך דיר מסתמא ווי שטענדיג געהאָלפען אויסבינדען די „טאַי", וואָס פליט ביי דיר ארום אין אלע זייטען און קען זיך קיין אָרט ניט געפינען.

וואָס טוסטו אָט איצט אין דעם דאָזיגען מאָמענט? ביזט אזוי ווייט פון מיר, און מיר בענקט זיך אזוי שטארק נאָך דיר!

ס'איז אזוי אומעטיג זייט דו פעהלסט אויס אין הויז! . . . עס בענקט זיך מיר נאָך דיר אפילו ווען איך קאָך די מאכלים וואָס דו גלייכסט, און ווען איך געה אין גאס און געגען אָן א סאָלדאט, בענקט זיך מיר נאָך מעהר נאָך דיר, און ווען איך געה פארביי די סקוהל וואוהין איך פלעג דיך פיהרען ביי דער האנט אלס קליין אינגעל, בענקט זיך מיר נאָך דיר אזוי שטארק! ערשט ווי נעכטען ביזטו געווען א קינד, א קליין אינגעל . . .

נעכטען האָב איך געזוכט עפּעס אין שאפע און האָב דערזעהן דיין נייעם אנצוג וואָס דו האָסט געקויפט א פּאָר מאָנאטען איידער דו האָסט זיך אָנגעזעגנט שלאָסען אין דער ארמיי! . . .

ווי שטארק איך וואָלט דיך וועלען זעהן אין דעם ציווילען אָנצוג אין וועלכען דו האָסט אויסגעזעהן ווי אן איינפאכער יונגער בחור, ניט קיין סאָלדאט וועלכער דערמאָנט אין מלחמה, חורבן, בלוט און טרעהרען . . .

אָבער, דאָס איז געווען איידער היטלער האָט אָנגעצונדען די וועלט!

ס'איז געווען אזא שעהנע, טייערע וועלט, און מיר האָבען עס גאָר ניט געוואוסט ווי אָפּצושאַצען!

און איצט דוכט זיך, אז עס איז שוין אזוי לאנג נאָך דעם, יאָהרען און יאָהרען! . . .

קינד מיינס, צו וואָס האָט מען באדארפט די מלחמה? ווער איז דער מאמען, אלע מוטערס, פּאָטערס, קינדער, געליבטע, ווער איז דער גאנצער וועלט!

פאר וואָס האָט די מענשהייט דערלאָזט צו אָט דעם חורבן און איצט געהט זי אָפּ מיט בלוט און טרעהרען !

שוין דאָס זעקסטע יאָהר, אז עס גיסט זיך בלוט, טייכען בלוט און די מענשהייט האָט זיך שוין צו דעם אזוי צוגעוואוינט, אז עס איז שוין כמעט ווי אריין אין א דרך הטבע : מ׳פראוועט חתונות, באנקעטען, פארטיס. מ׳טאנצט, מ׳טרינקט און מען הוליעט !

און די ציימונגען דרוקען ארטיקלען וועגען די באקוועמליכקייטען וואָס מיר וועלען אין גיכען האָבען. וועגען הייזער וואו די טעמפעראטור וועט קאָנען איינגעשטעלט ווערען ווי אזוי מען וועט וועלען, די ווענט וועט מען קענען שטעלען ווי אזוי עס וועט געפעלען, דער דרויסענדיגער טומעל וועט זיך אין הויז אריין ניט דערטראָגען און נאָך און נאָך גליקען מיט גוטע זאכען.

אָבער ווען גאָט וויל מיך אויסהערען וואָלט איך איהם געזאָגט, אז מיר זענען איהם מוחל אָט די אלע אויבענדערמאָנטע (און ניט דערמאָנטע) גליקען, זאָל זיך בעסער די מענשהייט אויסלערנען זיין מענשען !

אויף וואָס פאר א שווארץ יאָהר באדארף מען אָט די אלע זאכען, ווען די מענשען הרג׳ענען אויס איינע די אנדערע ?

וואו זיינען עס פאָרט די גרויסע קארפען קעפּ, די חכמים פון דער מענשהייט ?

אויף וואָס פארנוצען זיי זייער חכמה און וויסענשאפט?

זאָלען פארברענט ווערען די טאָקיס, ראדיא, טעלעוויזשען, לופט-פליהעריי, הייזער מיט ווענט וואָס מ׳קען שטעלען וואוהין מ׳וועט וועלען, און אָפּשטעלען די טעמפעראטור ווי עס וועט געפעלען מיט אלע זיבען גליקען פאר איין צובראָכען מענשליך הארץ !

זאָלען בעסער די אלע גרויסע קעפּ זיך פארנעמען מיט צוטראכטען א מיטעל אז מענשען זאָלען אויפהערען זיין חיות, און ווערען מענשען, און נאָכדעם וועט מען זעהן וואָס זיי באדארפען ! . . .

אָבער לאָמיר האָפען אז די איצטיגע מלחמה וועט שוין ענדליך אויסבעסערען די וועלט און עס וועט שוין קומען צו א דויערהאפטען פרידען !

דערווייליגע מוז מען קעמפען, מיט די פינסטערע כוחות ! מ׳מוז, צי מען וויל צי מ׳וויל ניט !

איצט מעג איך דיר שוין זאָגען דעם אמת; סיי ווי ביזטו שוין געגאנגען אין קאמף וועט דאָך שוין מיין אמת גאָר ניט שאדען ! . . .

איך האָב ניט געוואָלט דו זאָלסט געהן אין קאמף, ווייל צו גוט ווייס איך וואָס מלחמה מיינט ! . . . איך געדיינק נאָך גוט די מלחמה פון 1914. און איך האָב געוואוסט, אז מיט דיין אוועק געהן אין קאמף וועלען זיך פאר

מיר אָנהויבען שלאָפלאָזע נעכט, פּיין און ליידען ! איך האָב געוואוסט, אז איך וועל בענקען נאָך דיר אָבער געטראַכט האָב איך אז . . . דו טוסט פּאָרט דאָס וואָס דו מוזט טהאָן, אז איך אויף דיין אָרט וואָלט געטאָן דאָס וואָס דו, אז איך האָב ניט ליב קיין פּחדנים און אזוי ווייטער.

איצט מעג איך דיר שוין זאָגען, אז איך בין שטאָלץ מיט דיר, און איך בעט גאָט פאר דיר. ער איז א גוטער און וועט אונז העלפען !

אָבער דו, מיין זוהן, בעט איהם אויך, פארלאָז זיך ניט אינגאנצען אויף מיר. ס'איז ניט די „שיקווינג בראָש" מיט די איבעריגע מכשירים, וואָס דו פלעגסט איבערלאָזען פאר מיר אויפצוראַמען . . . בעט איהם און דערמאָן איהם, ווייל ער האָט איצט זעהר א סך אומגליקליכע וועמען צו העלפען, און אלע בעטען איהם. און דולען איהם א קאָפּ, מוז ער זיין שטארק ביזי ! . . .

מיין זוהן, איך שליס דעם בריוו מיט דער האָפנונג אויף דעם מאָ־מענט, ווען גאָט וועט מיר דיך צוריק אומקערען א געזונטען, און איך וועל ארומנעהמען דיין קאָפּ מיט מיינע ביידע הענט און קושען דיינע אויגען ! . . .

דיין מאמע.

מיין ליבער זוהן!

ס'איז שוין לאנג אז איך האָב געלייענט פון דיר א בריוו, און איך בין אזוי אומרוהיג ! . . .

און וועמען זאָל איך וועגען דיר פרעגען ?

ווער וועט מיר וועגען דיר עפּעס זאָגען ?

ווער ווייסט דען וואו דו ביזט, צו ביזטו געזונט . . .

און די וואָס איך זעה, האָבען אליין זיהן אין דער ארמיי און ס'איז זיי פונקט אזוי גוט ווי מיר ! . . .

צומאָל ווען איך געה אין גאס און זעה א סאָלדאט, טראַכט איך: אפשר איז עס מיין זוהן ? . . .

ס'איז אזוי קינדיש-נאריש, אָבער איך קען זיך נישט העלפען . . . און ווען ער קומט צו נאָהענט זעה איך, אז ער איז אימיצענס אנדערש זוהן! . . .

דאן טראַכט איך : „עהנליך וויט-וויט איבער ימים זעהט אן אנדער מוטער דיך און וויל אז עס זאָל זיין איהר זוהן, און ווען דו קומסט צו נאָ־הענט, ווערט זי ענטוישט . . .

איך שרייב נארישקייטען, וועסטו זאָגען, זאָל זיין נארישקייטען ! גע־פעלט דיר אפשר ניט ? און אין וועלכען ספר פראַלניק האָסטו עס געזעהן, אז איך מוז שרייבען לויטער חכמות ?

חוץ דעם שרייבסטו דאָך אז דו האָסט ליב צו לייענען מיינע בריוו אפילו מיט די גרייזען וועסטו זיי ליב האָבען אויך מיט די נארישקייטען!

צו מאָל טראַכט איך אז . . . מ'באדארף ניט טראַכטען אזוי פיל אז בענקען קען גאָר ניט העלפען, אז מען מוז האָבען געדולד און האָפען, אז עס וועט שוין ניט נעהמען לאנג ביז אלעס וועט זיך צוריק איינשטעלען אין אָרדנונג און עס וועט צוריק ווערען א שטיל נאָרמאַל לעבען.

אָבער באלד טראַכט איך ווידער וועגען דיר, און ווען איך טראַכט מוז איך שוין אויך בענקען!

די בײדע זאכען: טראַכטען און בענקען געהען צוזאמען. ווען איך זאָל ניט טראַכטען וואָלט איך נישט געבענקט!

וועסט מסתמא זאָגען: „טראַכט ניט, וועסטו פארשפאָרען צו בענקען".

וועל איך דיר ענטפערען: איך קען ניט!

נאָך מעהר, כדי אָפּצושוואַכען די בענקשאַפט באַמיה איך זיך צו דער־מאָנען וועגען דיר די פארשידענע צרות וואָס אונז פלעגט אויסקומען זיך פון דיר אויסצושטעהן, ווי דו פלעגסט געהן אין די מואַוויס, אַנשטאָט — אין סקוהל, ווי מיר האָבען דיך אמאָל ארומגעזוכט א גאַנצען טאָג (איך מיטן פאַ) און ערשט ביינאַכט ביסטו אהיים געקומען פון דעם „שפּיץ בארג", ווי פאַר'ן וואַשען די אויערען מיט די צייהן פלעג איך דיר מוזען צאָהלען א ניקעל פאַר אן אויער און א סענט פאַר א צאָהן! און פאַרן האלז פלעגסטו מיר רעכענען צען סענט, און נאָך און נאָך פאַרשידענע צרות האָבען מיר פון דיר געהאַט. אָבער ווען עס האַנדעלט זיך אין מוטער־ליבע איז אלץ גאָרנישט געגען דעם! . . .

דיינע חברים פרעגען זיך נאָך אויף דיר זעהר אָפט, און רעדען פון דיר, בענקען נאָך דיר און עס קומען טרעהרען פון פרייד אין מיינע אויגען ביים געדאַנק, ווי גוט עס וועט זיין ווען מיר וועלען זיך ווידער זעהן!

מיין זוהן, דו שרייבסט אז דו ביזט דער צווייטער פון בעסטען שיסער פון א זעקס־פונטיגען ביקס, טאָ זעה בימיה זיך צו ווערען דער ערשטער!

מיט מיין גאַנצער פאַרשטעלונגס קראַפט שטרעק איך אויס מיינע הענט ווייט, ווייט איבער ימים, און זוך דיך אויס צווישען מיליאָנען, מיין אינגעל, מיט די ברוינע לאַכעדיגע אויגען, נעהם דיינע הענט אין מיינע און בעט גאָט אז ער זאָל זיי שטאַרקען זיי זאָלען אומברענגען וואָס מעהר דייטשען!

זיי גוט צו דיינע חברים, העלף זיי אויף ווי ווייט דיינע כוחות דער־לויבען, טייל מיט זיי דעם ביסען ברויט און טרונק וואַסער.

שרייב אונז אָפטע בריוו, מעג זיין גאַנץ קליינע בריוולאַך, אָבער אָפטע.

עס קושט דיך פון ווייטען,

דיין מוטער.

ליבער זוהן, קינד מיינס !

ס'איז היינט דיין געבורטסטאָג, דו ווערסט היינט צוואַנציג יאָהר אלט !

ס'איז שוין דיין צווייטער געבורטסטאָג וואָס דו ביזט ניט אין דער היים, אָבער פאַראַיאָהרען ביזטו ניט געווען אזוי ווייט פון אונז און ניט אין סאמע רעכטען געדיכטען קאמף ! . . .

עס ווילט זיך מיר אזוי שטארק מיט דיר רעדען, אָבער מ י ט דיר איז אוממעגליך, וויל איך רעדען צ ו דיר, אָבער רעדען איז אויך אומ־מעגליך וועל איך שרייבען, און ווען איך שרייב, ווען וועסטו עס לייענען?...

עס געהט אזוי לאנג צו דיר א בריוו, און איינציגע בריוו ווערען אין גאנצען פארלוירען ! . . .

דאָך פיהל איך אביסעל רוהיגער זייט איך ווייס אז דו ביזט איבערגע־פאָרען דעם ים בשלום. ס'איז דאָך פאָרט א ים ניט קיין קלייניגקייט ! דאנקען גאָט דערפאר !

איך האָב זיך נעכטען פארטראכט וועגען דיין געבורטסטאָג און געקוקט אויף דיין בילד אין אוניפאָרם וואָס שטעהט אויף מיין שרייב־טיש; באַ־טראכט דיין יונגען פנים מיט'ן קאָפּ געדיכטע כוואליענדיגע האָר, ברוינע שמייכלענדיגע אויגען און שניי־ווייסע צייהן . . .

„ווען אפילו דו ביזט נאָר מיינער א שכן וואָלט איך נאָך דיר געבענקט!" טראכט איך און . . .

פלוצלונג האָט זיך דערהערט אויף דער ראדיא דאָס ליד „סטאָר דאַסט" — דאָס ליד וואָס איך האָב אזוי ליב צו הערען, ווען דו זינגסט עס !...

אויף א מאָמענט האָט זיך מיר אויסגעדאכט, אז דו ביזט אין הויז לעבען מיר . . . אָבער באלד האָב איך זיך דערמאָנט אז דו ביזט ערגיץ ווייט, ווייט איבער ימים, און ווער ווייסט צי עס ליגט דיר אין זינען צו זינגען ! . . .

צו מאָל לויפט אימעצער האסטיג אויף די שטיגען און זינגט פונקט ווי דו פלעגסט עס טאָן, מייז נאריש הארץ הויבט אָן אומרוהיג צו קלאַפּען און איך עפען אויף די טיר, און געפין אויס אז עס איז דער מילך־מאן וואָס לויפט צו די שכנים אָפּנעהמען די ליידיגע פלעשלעך פון מי'ך ! . . .

עס איז היינט א שטארקער פראָסט, עס בלאָזט א שטורם ווינט, און עס הערט זיך זיין מאָנאָטאָן־יאָמערדיקער : „הו־הו־הו" ערטערווייז זיינען אָנגעהורבעט גאנצע בערג מיט שניי, ערטערווייז איז אין גאנצען ניטאָ קיין שניי, דער ווינט האָט איהם אויסגעקערט און עס איז דאָרט שטארק גלי־טשיק . . .

עס איז א רחמנות אויף די קינדער וואָס מוזען נעבאך געהן אין סקוהל (מעגליך אז די סקוהלס וועלען זיין געשלאָסען א פּאָר טעג צוליב דעם שלעכ־טען וועטער).

עס איז א רחמנות אויף די דערוואקסענע, וואָס מוזען געהן צו זייער ארבייט, אויף די וואָס פאָרען מיט קארס, טראָקס א. אז. וו. אָבער דאָס גרעסטע רחמנות איז אויף אייך, די סאָלדאטען!

איך זעה אייך אין אָט אזא טאָג שפאנען איבער פעלד און וואלד, מידע, פארפרוירענע, הונגעריגע, שלעפעריגע און . . . פארוואונדעטע!

איך זעה אייך אזוי נאָהענט, כאָטש איהר זענט אזוי וויט! איך הער אייערע טריט, ריטמישע, שווערע, מידע . . . קינדער, וואוהין געהט איהר? נאָך וואָס? ! . . .

גאָט! וואו ביזטו, וואָס טראכסטו זיך? !

אָבער . . . איך דריי זיך ארום אין א ווארימער קאָמאָנע, באקוועמע שטעק־שיך, אָפגעגעסען א פיינעם פרישטיק, אין הויז איז ווארים און . . . די ראדיא שפילט! . . .

מיין קינד, זאָג אליין, צי באדארף איך זיך ניט שעהמען? אנדערע געהן צו באנקעטען, טאנצען, הוליען, און איך וואָלט אפשר אויך געגאנגען ווען איך קען טאנצען . . . און לאָמיר זאָגען, אז איך וואָלט ניט געטאנצט אפילו ווען איך קען, אָבער דאָ רעדט זיך דאָך ניט פון מיר נאָר פון . . . מענשען! איך בין דאָך א מאמע, נישט קיין מענטש!

עפּיס קען איך עס ניט פארשטעהן, איך בין אין גאנצען בטול אין חשבון פון וועלט און מענטש!

איך ווייס, אז דו וועסט זאָגען ווי אלע מאָל: מא, ביזט א פעסימיסט, כל זמן מ׳לעבט באדארף מען הנאה האָבען פון לעבען! דו פילסט, ווייזט אויס ניט קיין טעם אין לעבען״ . . . און אזוי ווייטער מאכסט אָבער א טעות, מיין קינד: איך ווייס זעהר גוט דעם טעם פון לעבען, און באוואונדער גאָט׳ס פרעכטיגע וועלט וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר א לעבעדיגען גן עדן, אָבער וואָס טוט מען מיט די פארשאָלטענע מענשען־חיות, וואָס האָבען זיך אָנגעזעצט אויף דעם ביסעל עהרליכע מענשען און פיהרען, געוועלטיגען פארשקלאפען?

די אָנגעפרעסענע עקעלהאפטע באשעפענישען וואָס זיינען אזוי פלינק צו בויען זייער גליק אויף יענעמ׳ס אומגליק!

אָבער די צרה ווערט נאָך גרעסער מיט׳ן פאקט, אז די בעסטע פון אונז זענען אויך ניט עס ווי עס באדארף צו זיין!

יעדער האָט ביי זיך גע׳פועל׳ט אז ער ווייסט אלץ און איז פּאסיג צו פיהרען, דיקטירען, הערשען!

פיינע איידעלע מענשען זענען דאָ זייער ווייניג, און אויסוואורפען זענען דאָ א סך!

פארוואָס קומט ניט אראָפּ א פייער פון ערגיץ און פארצוקט ניט

די יעניגע וואָס זענען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם גרויסען וועלט־אומגליק?

און ווידער און ווייטער רוף איך אין פאַרצווייפלונג : „אַ גאָט!" . . .

אָבער ער ווייסט ווייזט אויס, אַז מען וואָלט איהם דאָ קיין רוה ניט גע־געבען, האָט ער זיך פאַרקליבען ערגיץ ווייט, ווייט אין די הימלען, און צו אונז זאָגט ער :

„קינדערלאך, שלאָגט אייך קאָפּ אין וואַנט, אָבער אַזוי לאַנג ווי איהר וועט ניט געהן אין מיינע אָנגעצייכענטע וועגען וועט אייך זיין ביטער און פינסטער !

איך קען אייך קינדער, איך ווייס גוט אייער „נאָבעלקייט" יעדער איי־נער פון אייך האָט ביי זיך גע'פּול'ט אַז ער איז דער גרויסער קנאַקער און וועגווייזער און אַן אַנדערער — גאָרניט.

רייסט איהר זיך אַרום און האַלט קיינמאָל קיין שלום און ס'איז אייך ביטער, און איהר האָט זיך מיר שוין אויך איינגעגעסען, שטאַרק איינ־געגעסען !

פאַרשטעהסט, די צרה איז וואָס ער, אַז ער זאָגט עפּעס, מיינט ער עס טאַקע !

ער איז דאָך ניט קיין מענטש, וואָס זאָגט איינס און טראַכט עפּעס אַנ־דערש !

וואָס זשע וועט פאָרט זיין דער סוף ? — ס'איז אַ ביטערער זעהר בי־טערער ענין ! . . .

זיי געזונט און שטאַרק, מיין קינד, זאָל גאָט'ס אויג דיך באַוואַכען אויף שריט און טריט און זאָל ער זיך ענדליך מרחם זיין אויף אַלע אומגליקליכע און שיקען רוה און פרידען פאַר דער רעכטדענקענדיגער מענשהייט.

דיין מאַמע.

ליבער זוהן :

ענדליך האָט ווידער פאַר מ'יר אויפגעשיינט די זון. און דאָס לעבען איז געוואָרען ליב און זיס : איך האָב געקראָגען דיין בריוועל אויף וועלכען איך האָב געוואַרט אַכט וואָכען !

אַכט וואָכען זענען אַזוי לאַנג און אומעטיק ווען מ'וואַרט אויף אַ בריוו פון איינציגען זוהן וואָס איז אין מלחמה ! . . .

אָך זענען דאָס געווען ביטערע אַכט וואָכען פון שלאָפלאָזע נעכט און פינסטערע טעג ! . . .

אָבער אַז מ'לעבט דערלעבט מען ! און עס איז געקומען דער טאָג אויף וועלכען איך האָב געוואַרט, און איך האָב דערזעהן דיין האַנטשריפט

אויף איינעם פון די בריוו וואָס דער פּאָסטמאַן האָט מיר אָפּגעגעבען!

דאָס ערשטע האָב איך געדאַנקט גאָט, נאָכדעם האָב איך גענומען לייענען דיין בריוועל כדי צו וויסען וואָס דו שרייבסט . . .

„מאַ, עס איז ניט אזוי גרינג ווי דו מיינסט צו הרגענען דייטשען, אָבער איך וועל זיך באַמיהען דיך צו פליזען! . . . שרייבסטו מיר אלס ענטפער אויף מיין בריוו וועלכען איך האָב פארענדיגט מיט'ן וואונש דו זאָלסט אומברענגען וואָס מעהר דייטשען.

ווייס איך ניט צו עס איז איראָניע, צי גלאַט אזוי זיך, אָבער . . . זוהן מיינער, ווען איך האָב דיך געבוירען, דערצויגען, אין סקול, און אין שולע געפירט, האָב איך זיכער ניט געטראַכט, אז איך וועל אמאָל ווינשען זאָלסט הרג'ענען דייטשען!

גאָט איז מיין עדות, אז די דייטשען זענען מיך, פונקט ווי אנדערע מיליאָנען מוטערס, גאָר ניט אָנגעגאַנגען און מיר האָבען פון זיי אפילו קיינמאָל ניט געטראַכט!

וואָס מיר מוטערס און פאָטערס ווילען איז, אז איהר קינדער זאָלט אויסוואַקסען נוצליכע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט און זיין פיינע עהרליכע מענשען, אָבער עס איז געקומען א פינסטערע ביטערע צייט. ס'איז געקומען א פייער וואָס מיליאָנען ווילדע מענשען חיות האָבען אָנגעצונדען, א פייער וואָס די מענשליכע פאַנטאַזיע האָט גאָר ניט געקענט אזעלכעס זיך פאָרשטעלען; עס איז ניט נאָר א פראַגע פון זעלבסטפארטיידיגונג, נאָר פון וועלט-פארטיידיגונג און עס איז א הייליגע פליכט צו הרג'ענען די מערדער פון הילפלאָזע פרויען און קינדער, אלטע לייט און קראַנקע. ס'איז א הייליגע פליכט צו באַשיצען די מענשהייט פון אויסוואָרפען!

מיין זוהן! איך דערמאָן זיך, אז אלס קינד ביזטו געווען א גרויסער שטיפער. דו פלעגסט פארשאַפען דיינע לערער א סך צרות, און די לערערין פלעגט מיך אָפט רופען און זיך באַקלאָגען, אז ניט נאָר לערנסטו ניט, נאָר דו מאַכסט די קינדער צו לאַכען און שטערסט אזוי ארום דאָס לערנען פון גאַנצען קלאַס.

„ס'איז גענוג ער זאָל אויף זיי א קוק געבען מיט זיינע אייגעלאך'', און דער גאַנצער קלאַס שיסט אויס א געלעכטער''.

אָט אזוי פלעגט זיך באַקלאָגען אויף דיר די לערערין און איך פלעג טראַכטען: „יו אַר טעלינג מי?'' איך ווייס דען ניט ווּעמען איך פאַרמאָג? . . .

פארוואָס טוסטו אָן דער לערערין אזוי פיל צרות? — פלעג איך טענה'ן צו דיר.

— די קינדער גלייכען ווען מען מאַכט זיי צו לאַכען! — פלעגסטו מיר ענטפערען.

— אָבער אין א שולע באדארף מען זיך לערנען שרייבען און לייענען, ניט מאכען די קינדער צו לאכען און פארשאפען דער לערערין עגמת נפש!
— טענה איך צו דיר כמעט מיט טרעהרען אין די אויגען, ווייל איך האָב שוין קיין כח צו דיר.

— אָבער די לערערין איז בלויז איינע וואָס וויל ניט איך זאָל מאכען די קינדער צו לאכען און זיי, די קינדער זענען א סך און ווילען יאָ לאכען! ענטפערסטו.

און אויך איך לאָך דערביי מיט טרעהרען אין די אויגען! . .

קינד מיינס, האָסט פון שטענדיג אָן ליב געהאט פרייד און געלעכטער, טאָ וואוהין געהער גאָר מלחמה אהער? וואָס פאר א מחותנים זענען: פרייד, געלעכטער און שטיפעריי מיט מלחמה?

ניין, זיי זיינען כלל קיין מחותנים ניט!

אָבער דו האָסט זיך אָנגעשלאָסען אין דער ארמיי מיט דיין אייגענעם ווילען, כאָטש דו האָסט גאנץ גוט געוואוסט וואָס עס מיינט מלחמה!

האָסט אונז גאָר ניט געזאָגט, און אין א געוויסען טאָג ביזטו אריינ־געקומען אויסגעפוצט אין א אוניפאָרם.

— איך האָב אייך ניט געוואָלט זאָגען פריהער אז איך גאה זיך אָנ־שליסען אין דער ארמיי כדי אויסצומיידען מעגליכע ארגומענטען — האָס־טו גע'טענה'עט.

און מיר האָבען דיר געוואונשען גליק.

ווייל די נאציס שטעלען מיט זיך פאָר א קאנסער פאר דער מענשהייט, ווינש איך דיר ווידער דאָס זעלבע וואָס אין יענעם בריוו: גאָט זאָל דיך באשיצען אויף שריט און טריט און זאָל שטארקען דיינע הענט זאָלסט אויסהערגענען וואָס מעהר דייטשען!

מיט מיין גאנצער ווילענסקראפט שטרעק איך אויס מיינע הענט איבער וועלדער, פעלדער און ימים, זוך דיך אויס צווישען מיליאָנען און גלעט דיין ליכטיג פנים און קוש דיין אויגען.

— דיין מאמע.

א בריוועל צו אידישע קינדער

ליבע אידישע מיידלאך און בחורים !

איך וויל זיך מיט אייך באקענען, ווייל איך האָב מיט אייך א סך וויכ־טיגעס, און אינטערעסאנטעס צו רעדען, כאָטש איך רייד אידיש !

זייט וויסען, מיינע ליבע מיידלאך און בחורים, אז מ׳קען רעדען וועגען גאנץ אינטערעסאנטע און וויכטיגע ענינים אויך אויף אידיש.

אידיש איז א גאנץ פיינע שפראך. אונזערע עלטערען און עלטערנ׳ס עלטערען האָבען זיך מיט דער שפראך באנוצט און זיי זענען געווען גאנץ פיינע און עהרליכע מענשען ! (הלואי אויף די איצטיגע מענשען געזאָגט געוואָרען ! . . .)

ערשטענס וויל איך טאקע מיט אייך דיסקוטירען די פראגע וועגען דער שוואכקייט אייערער זיך צו שעהמען און פארלייקענען אונזער מאמע לשון. וואו איז דאָס געהערט געוואָרען מען זאָל זיך גאָר איבערנעהמען מיט דעם, וואָס מען קען ניט די אייגענע שפראך. א סך פון אייך קענען אידיש, אָבער שעהמען זיך דערמיט. זיי וואָלטען זיך באטראכט פאר העכערע וועזענס ווען זיי זאָלען קיין וואָרט אידיש ניט קענען . . . א סך פון אייך, אידישע מיידלעך, קאָקעטירען מיט ניט קענען אידיש אנשטאָט עס זאָל זיין פאר קערט.

ס׳איז שוין דערגאנגען אזוי ווייט, אז דאָס ניט קענען אידיש גיט מען אָן אין נדן ווי עפּעס וואָס דארף העלפען צו א שדוך אָנשטאָט ס׳זאָל זיין פארקעהרט.

איהר ווייזט ארויס א גראָבע באציהונג צו אייערע אייגענע עלטערען מיט אָט דער עם הארצות׳דיגער שטעלונג אייערער צו אייער מאמע־לשון. איהר דערווייטערט זיך פון אייערע אייגענע, אָבער וואָס פירט איר מיט דעם אויס ? די וואוהין איהר שטופּט זיך באטראכטען אייך סיי ווי פאר פרעמדע און איהר זענט דעריבער ניט אהין און ניט אהער ! . . .

וואָס מעהר איהר שטופּט זיך צו זיי און טוט נאָך זייערע מנהגים, אלץ מער האסען זיי אייך !

זיי קאָנען אמאָל שמייכלען צו אייך אזוי זיס און איהר דיינקט, אז אָט דאָס איז דאָס שוין, אָבער עס נעמט אייך ניט לאנג אויסצוגעפינען, אז עס הויבט זיך גאָר נישט אָן !

דאָס האָב איך געזעהן אומעטום, און יעדען לאנד וואו עס איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין מיין וואנדער־וועג, און אזוי איז עס אויך דאָ.

פאָלגט מיך און שטופּט זיך ווייניגער צו זיי, רעדט ניט שטענדיג נאָר זייער שפּראך, זיי זענען ניט שעהנער און ניט בעסער פון אונז ! . . .

נאָכמעהר, וואָס מעהר איהר וועט רעספּעקטירען אייער אייגען פאָלק, אלץ מער וועלען זיי, די פרעמדע, אייך רעספּעקטירען, ווייל זיי זעהען אז איהר אליין האלט ניט פון אייער עלטערען דור, פון אייערע גייסטיגע פיהרער, מנהגים, ימים טובים, טאָ ווי קאָנען זיי אונז רעספּעקטירען ! און אפילו גאָט אליין, וואָס איז אונזער פאָטער, האָט אונז ניט ליב ווען מיר זיינען ניט ווי ער וויל מיר זאָלען זיין; ווען מיר געהען ניט אויפ'ן וועג וואָס ער האָט פאר אונז אָנגעצייכענט !

אפשר איז דאָס טאקע די אורזאכע פון אונזעדע גרויסע ליידען ? ! באַטראכט זיך, אידישע קינדער, וועגען דעם ! פילע פון אייך באגרייפען אפילו ניט די טראגעדיע פון אונזער פאָלק, אָבער איהר מוזט עס וויסען, איהר מוזט !

זייט וויסען אז מיר זיינען אן אומגליקליך פאָלק, וואָס וועט ניט אויפהערען ליידען, מיר וועלען זיך ניט באפרייען פון גלות, אָבער ווי קענען מיר זיך באפרייען, אז מיר פיהרען זיך אויף ווי קנעכט, וואָס האָבען ניט קיין דרך ארץ פאר זיך אליין!

אייער נאָהענטקייט איז אונז איצט דרינגענד נויטיג אין די שווערע טעג, אָבער איהר ווייסט אפילו ניט וואָס פאר א שווערע צייט מיר לעבען איצט איבער, איהר ווייסט ניט, ווייל איהר ווילט ניט וויסען ! איהר לייענט ניט קיין אידישע צייטונגען, קיין אידישע זשורנאלען און ביכער; איהר קומט ניט אין קאָנטאקט מיט אידען, וואָס טראָגען מיט שטאָלץ אונזער גייסטיגע ירושה ! איהר ווייסט אפילו ניט צוליב וואָס מיר ליידען. אייער אידישקייט איז אייך ווי א הארב אויף די פּלייצעס, ווייל איהר ווייסט ניט וואָס אידישקייט איז און וואָס עס איז אונזער היסטאָרישער גורל ! . . .

א סך זיינען שולדיג אין דעם אייערע עלטערען, וועלכע האָבען אייך ניט געלערענט און האָבען זיך אליין אויך אונטערגעגעבען דעם קנעכטישען גייסט, אָבער דאָס איז שוין אן אנדער פראגע. היינטיגס מאָל רייד איך בלויז צו אייך ,אידישע מיידלאך און בחורים. א אידישע מוטער, רופט אייך תשובה צו טאָן !

אַ בריוועל צו אידישע עלטערען!

מיינע ליבע פריינט:

צו אייך, וואָס לייענען נאָך אידיש, שרייב איך אָט דעם בריוו און בעט אייך: זייט אזוי גוט און לייענט איהם פאר אייערע נאָהענטע וועלכע האָבען שוין לאנג פארגעסען ווי צו לייענען „דזשואיש״.

עס ווילט זיך מיר זאָגען צו די, וואָס באמיהען זיך אזוי שטארק נאָכ־צוטאָן די ניט־אידען אז . . . עס איז ארויסגעוואָרפענע ארבייט: די ניט־אידישע שכנים אונזערע וועלען דערקענען דעם אידען, וויפיל ער זאָל זיך ניט קריסטלען מיט מאכען קריסטמעס פארטיס און אזוי ווייטער!

ווי איהר זאָלט ניט באהאלטען אייער אידישקייט וועט מען אייך דער־קענען סיי אין דער אידישער נאָז סיי אין דיאלעקט און אפשר אויך אין . . . שכל!

און וויסען זאָלט איהר, אז אונזערע ניט־אידישע שכנים האָבען א סך מעהר פיינט דעם אידען וואָס שעהמט זיך מיט זיין רעליגיע, ווי דעם אידען וואָס פארלייקענט ניט זיין אידישקייט, נאָר פארקעהרט ער איז שטאָלץ מיט איהר!

איך זאָג ניט אז מיר זענען בעסער פון זיי, אונזערע ניט־אידישע שכנים, אָבער איך זאָג אז זיי זיינען אויך ניט בעסער פון אונז! . . .

פונקט ווי צווישען אונז איז אויך צווישען זיי פאראן פארשידענע כא־ראקטערען: פאָזיטיווע און נאגאטיווע אָבער מיר זיינען אנדערש און זיי זיינען אנדערש.

עס זיינען פארשידען אונזערע ימים טובים, מנהגים, דערציאונג און אזוי ווייטער.

ווען אימיצער זאָל זיך אָנטאָן איין האנטשו א רויטע און די אנדערע א גרינע וועט עס ניט הארמאָנירען.

ניט ווייל די רויטע האנטשו איז שעהנער פון דער גרינער אָדער די גרינע איז שעהנער פון דער רויטער, נאָר ווייל זיי זענען פארשידען.

ניט נאָר וועט עס ניט הארמאָנירען נאָר עס וועט זיין חוזק!

דאָס זעלבע איז מיט די אידען וואָס טאנצען נאָך די ניט־אידישע שכנים.

זיי פארמיאוסן זיך סיי ביי די ניט אידען סיי ביי אונז, זייערע איי־גענע שוועסטער און ברידער!

זיי פארמיאוסען אויף אזא אופן דאָס גאנצע פאָלק, ווייל די פרעמדע

דיינקען, אז אלע אידען זענען מאלפּעס וואָס האָבען ליב נאָכצוטאָן יענעם — שלעפּען אויף זיך ארויף א פרעמדע היטעל, פּוצען זיך אין פרעמדע פעדערען.

איך גלויב אז עס איז שוין די העכסטע צייט אידען זאָלען אויפהערען מאכען פון זיך חוזק !

אידען באדארפען רעדען אידיש מיט זייערע קינדער און ניט מאַטערען זיך אין א געבראָכענעם ענגליש, וואָס רופט ביי די קינדער ארויס פאראכטונג.

איך געדיינק ווען איך בין געווען א קורצע צייט דאָ אין לאנד, איז א אמאָל ארייגעקומען צו מיר א שכנה און האָט געהערט ווי איך דערצייל מיין קינד א מעשה׳לע נאטירליך אין אידיש.

ווי דען קען מען דערציילען די מעשה פון „דער באבעצי, וואָס איז געגאנגען אין וואלד אריין קלייבען שפּענדלאך״ . . .

אפילו ווען איך זאָל געווען קענען ענגליש וואָלט איך אלץ ניט געקענט מאכען אזא גוטען „דזשאָב״ ווי אין אידיש, ווי מיין מוטער האָט עס מיר דערציילט און מיין באָבע האָט עס איהר דערציילט ! . . .

רופט זיך אָן צו מיר די שכנה :

„מרס. ווידערמאן, איהר וועט קיינמאָל ניט קענען קיין גוטען ענגליש אויב איהר וועט רעדען צו אייערע קינדער אידיש״.

זי האָט עס געזאָגט מיט אזא טיפען ערנסט, אז איך האָבווירקליך געטראכט א ווײלע ביז איך האָב געוואגט צו ענטפערען :

„בעסער זאָל איך ניט קענען קיין גוטען ענגליש, איידער מיינע קינדער זאָלען איגנאָנצען ניט קענען קיין אידיש״.

איך האָב מיט זיי שטענדיג גערעדט אידיש און זיי קענען טאקע אביסעל.

אָבער דאָס רעדען אידיש איז נאָך ניט איגנאנצען. מ׳באדארף לערנען קינדער אידישקייט, זיי דערציהען אין אידישען גייסט !

איך אליין האָב עס לײדער ניט געטאָן ! איך האָב מיינע צוויי קינדער ניט געגעבען קיין עכט אידישע דערציהונג.

פארוואָס ? וואָס איז דער אונטערשייד? צי ווייל איך בין צו יענער צייט געווען אָפט קראנק, צי דערפאר וואָס איך בין גאָר געווען פארנעמען מיט זעלבסט־דערציהונג : געוואָרען א שרייבערין און טאָמער איז עס ווייניג — אויך א שילערין אין דער „ראָיאל קאָנסערוואטאָרי אָף מוזיק״ וואו איך האָב זיך געלערענט א פּאָר יאָהר שפּילען פידעל, היינט ווי האָב איך שוין געקענט איינזינען האָבען די קינדער׳ס אידישע דערציהונג ? . . .

איך האָב עס פארנאכלעסיגט און עס טוט מיר הארציג באנג ! . .

איך האָב זיך מיט יאָהרען צוריק ניט געקענט פאָרשטעלען, אז עס וועט מיר אמאָל אזוי ווייטאָגדיג באנג טאָן דאָס, וואָס איך האָב מיינע קינדער ניט דערצויגען אין שטרענג אידישען גייסט און עפּעס א געהיימע, גוואלדיג־שטארקע קראפט טרייבט און צווינגט מיך צו שרייבען און ווארענען : אי־דישע עלטערען ! דערציהט אייערע קינדער אלס אידען !

גאָט איז מיין עדות, אז איך בין דאָ ניט אויסען מיין פּערזענליכע טובה ! איך בין אויסען אייער טובה !

עס ווילען זיך מעגליך געפינען אייניגע לעזער וואָס ווילען זיך אויס־לאכען פון מיין בריוועל, מ׳קען אָבער אמאָל באצאָלען מיט פיל הארצווייטאָג און ביטערע טרעהרען פאר אָט אזא געלעכטער ! . . .

מײן סליחה

(געווידמעט אלע מוטערס פון קעמפענדע זיהן)

גרויסער גאָט !

איך הויב אויף מײנע הענט צו דיר און בעט: — דו, וואָס קענסט פון קראנק געזונט מאכען, פון בלינד זעהענדיג מאכען ; דו, וואָס קענסט געבען מוטה א פרוי מיט איהרע שוואכע הענט אָפצואווערען די שווערד פון מערדערישע הענט; און דו וואָס קענסט דערהויבען דעם דערנידעריגטען און ארונטערזינקען דעם דערהויבענעם — צו דיר זענען מײנע פאָלגענדע רייד :

מיר זײנען קלײנע מענשעלאך, שטויבעלאך זענען מיר, בעת דו ביסט— גאָט !

פארוואָס האָסטו אונז באשאפען אזעלכע נישטיגע, און קוקסט אויף אונז, און מעסט אונז מיט דײנע געטליכע אויגען ! ? . . מיר זײנען דאָך ניט קיין געטער. קוק אויף אונז דורך מענשליכע ברילען, וועסטו זעהן, אז מיר זענען חערט רחמנות !

אויך מיר מענשען שטעהען זיך אויס גאנץ אָפט גרויסע צרות פון אונ־זערע קינדער, דאָך קערען מיר זיך ניט אָפּ פון זיי ! . . .

און ווי עס נאָגט און בענקט דאָס הארץ, ווען זיי זענען ווייט פון אונז !...

און ווען זיי זײנען אין געפאר ! . . .

אמת, מיר זענען זינדיג, און ווען עס ווערט אונז שטארק שווער צו פאר־טראָגען די לײדען, רופען אײניגע פון אונז אויס אין פארצווייפלונג : „ס'איז ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט !" ס'איז אָבער פונקט ווי א קינד, ווען עס ווערט באשטראָפט פון דער מוטער, שרייט עס אויס : „ביסט מעהר ניט מײן מאמע !"

מיר זײנען ניט מעהר ווי קלײנע מענשעלאך, מיט קלײנעם באגרעניצ־טען שכל. אפילו די מעהר פארשטענדיגע צווישען אונז זענען ניט מעהר ווי מענשען . . .

קען מען פארגלײכען א ווארים צו א לייב? א פלוג צו אן אָדלער? נאָך וועניגער קען מען פארגלײכען אונז מענשען צו דיר ! לייבען און אָדלערס זענען פאראן א סך און דו ביזט אײנער ! טאָ פארלאנג ניט פון אונז ניש־טיגע קיין סך !

פארגעהם אונזער וועהטאג און אונזער געבעט !

באשיץ אונזערע זיהן אויפ'ן ים, אויף דער יבשה און אין דער לופט!

מעג דער קאמף זיין שווער, מעג ער זיין שרעקליך, אָבער מיין גאָט, באשיץ זייערע לעבענס!

שרעק אונז, אָבער שטראָף אונז ניט! זאָלען זיי קומען אהיים געזונטער־הייט, זאָלען זיך אונזערע זיהן אומקערען מידע, אָבער גאנצע!

זאָלען מיר זיי זעהן ווידער ביי אונזערע טישען . . . זאָלען זייערע געלעגערס ניט שטעהן טאָג און נאכט ציכטיג פארבעטע, עלענדע, ליידיגע...

ס'איז אזוי פיינליך צו מאָל ביינאכט פארבייגעהענדיג דעם קינד'ס צי־מער צו זעהן דאָס געלעגער פארבעט . . .

און ווי א דורשטיגער אין א הייסען זומער־טאָג לעכצט נאָך א טרונק וואסער, אזוי לעצט און בענקט דער מוטער'ס הארץ נאָך איהר קינד! . . .

אונזערע זיהן זענען אזוי יונג, זיי האָבען נאָך כמעט גאָרניט געלעבט. זיי זענען עהרליכע, אומשולדיגע קינדער.

זיי קעמפען פאר פרייהייט, יושר און גערעכטיגקייט!

פאר א בעסערער, שעהנערער און ליכטיגערער וועלט!

דו, מיין גאָט, ביזט דאָך דער פיהרער פון יושר און גערעכטיגקייט!

דו ווילסט דאָך האָבען א יושר'דיגע וועלט!

אונזערע זיהן קעמפען פאר אזא וועלט מיט זייערע יונגע הענט! מיט זייערע יונגע לעבענס!

האָב רחמנות אויף זיי, האָב רחמנות אויף אונז!

שוין דאָס זעקסטע יאָהר, אז עס גיסען זיך טייכען בלוט, דאָס זעקסטע יאָהר, אז עס גיסען זיך טייכען טרעהרען, קער זיך אום מיט'ן פנים צו אונז, קוק זיך אום אויף אונז!

צו דיר זענען געווענדעט אונזערע באטריבטע געמיטער, אונזערע שווערע הערצער!

צו דיר איינעם איז אונזער אלעמענס האָפנונג, גרויסער, אלמעכטי־גער גאָט! . . .

מיין תחינה

גרויסער גאָט!

פון קינדווייז אָן האָב איך דיך געזוכט און געפאָרשט.

נאָך איידער איך האָב אפילו געוואוסט פון דיין תנ״ך האָב איך פון דיר געטראכט און רק געפרעגט: וואו איז גאָט?

איך האָב נאָך דאן אלס קינד געוואוסט אז איניגע גלויבען אין דיין עק־זיסטענץ און אנדערע גלויבען ניט!

און מיין קינדערשער מוח האָט ניט געקענט באשליסען אין וועלכער ריכטונג צו געהן, צו וועמען איך זאָל זיך צוהערען: צו די וואָס גלויבען אָדער צו די וואָס גלויבען ניט אין דיר!..

ס'איז געווען א שווערע פראָבלעם פאר א יונג קינדיש קעפעל, און איך האָב דאן באשלאָסען אליין זיך צוצוקוקען צום לעבען און צו דער־שיינונגען, כדי אליין אויסצוגעפינען דאָס, וואָס איך קען בשום אופן ניט אויסגעפינען פון מענשען!...

איך האָב געזעהן, אז נאָך שלעכטס קומט גוטס, און פארקערט נאָך גוטס קומט שלעכטס; אז צייטען בייטען זיך, אומשטענדען בייטען זיך; אז עס פירט זיך א ריזיגער, פארפלאָנטערטער חשבון פון וועלט און מענש, און אימיצער מוז דאָך אָנפיהרען מיט אָט דעם וויכטיגען חשבון!

ווי איז עס מעגליך, אז אזא גרויסע וועלט זאָל זיך פיהרען גלאט אזוי, אליין אָהן א קאָנטראָל?

איך האָב געזעהן אז זאכען וואָס איך וויל ניט זיי זאָלען פאסירען, פאַ־סירען און ברענגען מיר גאַנץ אָפט פארגעניגען און גליק! אז דער מענש ווייסט ניט גאָטס וועגען!...

קיין זאך האלט ניט אָן אייביג. צייטען בייטען זיך. אומשטענדען ביי־טען זיך, נאָר דער פירער מוז זיין אייביג!

אזוי באנעהם איך דאָס וואָס איך זעה און אזוי פארשטעה איך עס!

דו פיהרסט דעם חשבון פון אלץ און אלעמען, האלסט אויף אלץ און אלעמען דיין געטליך אויג!

דו ביסט דאָס העכסטע ליכט, די חכמה, דער אמת, די שעהנקייט און ערליכקייט פון דער גאָרער וועלט!

פון וואנען האָב איך עס גענומען? — איך ווייס ניט גענוי מיט וועלכע ווערטער עס צו דערקלעהרען, אָבער איך שפיר און פיהל, אז דו ביזט אין מיין מוח, אין מיין הארץ, אין מיין משנה!

דו פיהרסט, באגליקסט, באשטראָפּסט, דערהויבסט, וואַרפסט אראָפּ, באשאפסט און . . . צושטערסט !

אלץ איז אין דיינע הענט, אין דיין מאכט ! צי באדארף מען דען לאנג זוכען כדי דיך צו געפינען ?

מ׳באדארף זיך נאָר וועניגער פארנעמען מיט נארישקייטען, פארגעני־גענס, געלט־גייציגקייט, כבוד־יאָגעניש, נצחון, רכילות און אזוי ווייטער.

אָט די אלע נישטיגע געדאנקען פארנעמען דעם גרעסטען טייל פון מענשליכע מוחות און עס בלייבט פאר זיי קיין צייט ניט דיך צו זוכען אָדער פון דיר צו טראכטען.

עס איז דאָך אזוי לייכט דיך צו געפינען, ווייל וואו ביזטו דען ניטאָ ?

אין שאָרך פון ווינטעל, אין געזאנג פון א פייגעלע, אין שמייכעל פון א קינד, אין דער ווארימקייט פון זונשטראלען, אין פינקלען פון די שטערן, אין שיין פון דער לבנה, אין ריח פון א בלום ! . . .

אומעטום ביזטו דאָ, דער באשאפער פון אָט דעם אלעמען ! און כאָטש דאָס לעבען איז גאנץ אָפט ביטער, פינסטער, פול מיט ליידען און פארדרוסען איז עס אָבער פאָרט וואונדערליך־שעהן און זיס און עס לוינט זיך צו לעבען אויף דיין פרעכטיג־וואונדערליכער וועלט, מיין גאָט, דו גרויסער קינסט־לער ! ! !

טאָ נעהם צו מיין הארציגען דאנק פאר אלץ וואָס דו גיסט מיר:

פאר אלע מאָלצייטען וואָס איך עס מיט אפעטיט, פאר אלע מיילען וואָס איך שפּאציר אויס צווישען בוימער, גראָז און בלומען, פאר די קליידער וואָס איך קויף מיר (און קוק אין שפּיגעל מיט הנאה, ווייל איך דענק, אז זיי מאכען מיך אויסזעהן יונגער ! . . . פאר די קאָמפּלימענטען וואָס איך קריג פון פריינט (אויפריכטיגע און ניט אויפריכטיגע . . .) פאר דער מוזיק וואָס איך הער, פאר די ביכער וואָס איך לייען, פאר די מואוויס וואָס איך זעה, פאר די זון־שטראלען וואָס ווארימען מיך, פאר׳ן ווינטעל וואָס גלעט מיר און פאר אלע אנדערע גוטע זאכען, וואָס איז אוממעגליך צו געדענקען און אויס־רעכענען !

דו גיסט מיר בפירוש א סך זאכען הנאה צו האָבען פון זיי, אָבער מענ-שען זענען גוואלדיגע עגאָאיסטען, וואָס מעהר מ׳גיט זיי אלץ מעהר ווילען זיי ! . . .

טאָ לערן מיר אויס צו באנוגענען זיך מיט דעם וואָס דו גיסט מיר, ניט צו קוקען צו הויך ארויף און פארלאנגען „דאָס טעלערל פון הימעל״, איך זאָל שטענדיג געדענקען אז קיינער האָט ניט דאָס טעלערל פון הימעל, און איך קען עס אויך ניט האָבען !

אז עס זיינען ניטאָ קיין רויזען אָהן דערנער, און אָהן דערנער וואָלטען אפשר די רויזען ווייניגער געשמעקט ! . . .

אז עס איז אוממעגליך צו זיין א מענש און ניט וויסען פון קיין ליידען; או ליידען מאכען דעם מענשען פיינער, איידעלער ! וואָס שייך די ליידען מיט וועלכע דו ביזט מיר גאנץ אָפט מכבד, איז ווילט זיך מיר טאקע דיך פרעגען : אום גאָטעס ווילען, פאר וואָס ? — אָבער ווערסט מיר דען ענט־פערען ? ווער בין איך, דו זאָלסט מיט מיר פארפיהרען דיסקוסיעס ?

און ווען אפילו דו זאָלסט מיט מיר פארפיהרען א דיסקוסיע, קען איך דען האָפען צו געווינען ? — א נעכטיגער טאָג ! דו ביזט א צו שטארקער אָפּאָנענט !

צום נייעם יאָהר בעט איך ביי דיר זאָלסט מיך דערהויבען איבער אלע מענשליכע שוואכקייטען, און געבען א לעבען וואָס זאָל ווערט זיין גע־לעבט צו ווערען ! . . .

און ווען מיין לעבען וועט אויסגעלאָשען ווערען זאָל א סך מענשען באנג טאָן נאָך מיר ! . . .

איך זאָל האָבען א גרויסע לויה, אפילו ווען עס וועט גיסען א רעגען ! . .
איך פארזיכער זיך אויף דיר, רבונו של עולם !

מאָנאָלאָגן

אין בוטשער סטאָר

קומט מען אהער אריין, ווערט מען פארפאלען. שוין דריי שעה ווי איך שטעה און ווארט, און קען זיך ניט דערוואַרטען אויף מיין נעקסט. דאָס פלייש האָב איך שוין אפילו געקראָגען, אָבער געהענדיג אהיים, האָב איך זיך דער־מאָנט אז מיין דזשעני גלייכט זעהר א שטיקעל לעבער, האָב איך זיך אומגע־קערט צוריק. איז שוין אָבער דער בוטשער געוואָרען ביזי מיט אנדערע קאָס־טימער, און איך מוז איצט ווארטען ביז ער װעט פארטיג ווערען מיט די ווייבער, וועל איך נעמען ביי איהם די לעבער!

דער דינער וועט שוין היינט ארויסקומען שפעט, ווייל ניט גענוג וואָס עס דויערט דאָ אזוי לאנג, ביז מ׳קריגט דאָס פלייש, באגעגענט מען אין סטריט, אויף שריט און טריט, באקאנטע, און מען פאררעדט זיך.

א וואָרט דאָ, א וואָרט דאָרט — די צייט שטעהט ניט אויף אָן אָרט, ווערט שפעט און דינער קומט ארויס פאר סאפער.

וואָס זאָגט איהר עפּעס אויף מרס. פוירל?

זי הערט דאָך ניט אויף שלוקעכצען, גיט יעדען „איאיק!“ אז די ווענט ציטערען און מ׳קען פארטויבט ווערן. מר. פוירל קלאָגט זיך טאקע נעבאך, אז זינט זי איז געקומען, האָט ער נאָך מיט קיין אויג ניט צו־געמאכט. ער שלאָפט ניט דורך די נעכט, זאָגט ער: קוים ווערט ער נאָר אנדרי־מעלט, דערהערט זיך באלד איהר „איאיאיק!“ און עס גיט איהם א וואָרף, אז ער פאלט שיער אראָפּ פון בעט, און דאָ מוז ער אויפשטעהן 3 א זייגער פארטאָג אטענדען דעם מילך ראוד. ס׳איז דאָך אמעריטשקע — שטעל אלץ צו צו דער מינוט!

מרס. פּאָפּוגאי, וועלכע איז מרס. פוירל׳ס שוועסטער פון איין טאָטען, איז אוועק זוכען פאר זיי א הויז מיט צוויי באזונדערע בעדרומס, אָבער מרס. עסיק וויל ניט אז זיי זאָלען פון איהר מופען. די ערשטע צייט, ווען זיי זיינען געקומען, האָט זי געשריען, אז זי וועט זיך אראָפּוואַרפען פון 3־טען פלאָר, אויב זיי וועלען ניט מופען. איצט שרייט זי, אז זי וועט זיך אראָפּ־ווארפען פון 4־טען פלאָר, אויב זיי וועלען יע מופן! זי האָט זיך — טענה׳ט זי — שטארק צוגעטרייעט צו מאָטעלען, און קען זיך מיט איהם ניט שיידען.

ווען זיי וואָלטען מיך געוואָלט פאָלגען, וואָלטען זיי גענומען די הויז ביי מר. הייפיווער אויף נאפּאָלעאָן סטריט.

ס׳איז זעהר א ווארימע הויז. ס׳האָט דאָרט אמאָל געוואוינט מיין שווע־גערינס א קוזינע, מרס. פּאראסאָל, שא, איהר דארפט איהר קאָנען, זי איז גע־

לעגען אין קימפּעט צוזאַמען מיט אייער שיף שוועסטער׳ס טאָכטער. אין איין האָספּיטאַל און אין איין צימער זיינען זיי געלעגען ביידע. אייער שיף שוועס־טער׳ס טאָכטער האָט געבוירען א מיידעל פון 7 פונט און זי, מרס. פּאַראַ־ראַל, האָט געבוירען אצווילינג, א אינגעל פון 6 פונט, און א מיידעלע פון 5 און א האלב פונט.

איז אָט די מרס. פּאַראַסאָל זאָגט, אז ווען זי האָט געוואוינט אין יענער הויז, מיט 9 יאָהר צוריק, איז דאָרטען געווען ריין אָבער נאָך איהר האָט דאָר־טען געוואוינט מיין לענדליידי מרס. זאַבאַבאַ, זאָגט זי אז ס׳זיינען דאָרטען דאָ ראַצעס און נאָך עפּעס א סאָרט באַשעפעניש, וועלכעס זי ווייסט ניט ווי אזוי מ׳רופט עס.

אמאָל קען זיין, אז די ראַצעס וואָלטען געווען א סגולה פאַר׳ן שלוקערץ. מעגליך, אז ווען זי זאָל איינמאָל דערזעהן א ראַץ, וואָלט זי, פון שרעק אויפ־געהערט שלוקעכצען און עס וואָלט געגומען אן עק!

ס׳איז לעצטע וואָך געווען אין פּייפּער, אז א מיידעל, וועלכע איז צוריק מיט 2 יאָהר שטום געוואָרען פון אן עקסידענט, איז געפלויגען אויף אן עראָ־פּלאַן, און פון עקסייטמענט האָט זי אָנגעהויבען קוויטשען און אזוי ארום צוריק געקראָגען דאָס לשון.

קען אמאָל זיין אז פאַר מרס. פּ ו י ר ל זאָל א ראַץ אויפטאָן דאָס וואָס פאַר יענעם מיידעל האָט אויפגעטאָן דער עראָפּלאַן.

אז עס העלפט איהר קיין זאַך ניט, דער דאָקטאָר האָט איהר געגעבען אזא ווייס פלעשעלע, ס׳קוקט אויס ווי מילך, און ס׳שמעקט ווי געפּרע־געלטע ציבעלעס. נעמט זי אלע שעה א לעפעל און א נעכטיגער טאָג! מ׳איז שוין געווען מיט איהר ביי א שפּרעכערקע. יענע האָט איהר ארומגעבונדען דעם קאָפּ מיט א שווארצען טוך, געפּרעפּעלט עפּעס איבער א שיסעל וואסער, און געמאָנט דערפאַר 4 דאָלער. ס׳האָט אויסגעקוקט, אז ס׳איז שוין געוואָרן בעסער. איז מען אָבער אָפּגעגאנגען א פּאָר בלאָק, און זי האָט ארויסגעלאָזט א „איאיאיק!״ אז ס׳האָט זיך אָפּגעשטעלט דער גאנצער טראַפיק.

איהר האָט געמופט דאָס יאָהר? איך האָב ניט געמופט.

פאַר וואָס זעהט מען אייך עפּעס ניט? מיין בעני פרעגט זיך אלע מאָל נאָך אויף אייך. אייער הערי ארבייט?

אוי, עס ווערט שפּעט. איך וועל זיך שוין זעהן צו שטופען צום בוטשער און נעמען ביי איהם די לעבער. גוד באַי.

ביים דענטיסט

ס׳איז געווען מיט א פּאָר יאָהר צוריק, ווען עס האָט מיך, ניט פאַר אייך געדאכט, גענומען ברעכען די לינקע פּוס.

פון אָנפאנג אביסעל, נאָך דעם מעהר און מעהר, ביז איך האָב אָנגעהויבען אונטערהינקען אויפ׳ן פוס.

זאָגט צו מיר מיין גאָלדע:

„זלמן, מ׳וואָלט געדארפט אימיצען א פרעג טאָן, וואָס איז דער מעהר?״

פארשטעה איך דאָך, אז זי מיינט אונטער דעם „אימיצען״ א דאָקטאָר, און איך האָב שוין צו יענער צייט זיבען מאָנאטען ניט געארבייט, נו, פעלט מיר אויס נאָך דער „פלעזשור״ פון דאָקטאָרען זיך? איך פרעג אייך!

זאָג איך צו איהר: „גאָלדע, לאָז מיך צורוה, און דיל מיר ניט קיין קאָפּ״.

עס געהט אָבער אוועק אלץ ערגער און ערגער, ביז ס׳קומט א טאָג און איך קאָן זיך שוין אין גאנצען אויפ׳ן פוס ניט שטעלען.

אויב אזוי איז דאָך שוין גאָר ביטער, ס׳העלפט ניט קיין זאכען, מ׳מוז רופען א דאָקטאָר.

מילא, א דאָקטאָר איז א דאָקטאָר. איז אָבער די צרה וואָס איך בין פארגלויבט אין דאָקטאָר ווינטער, און זי, מיין גאָלדע, זאָל געזונט זיין, האלט שטארק פון דר. זומער. פאר דר. זומער וועט זי אייך אוועקגעבען דאָס לעבען מיט דער נשמה, מיט׳ן טאטען מיט דער מאמען.

איך האלט אָבער פאַרט פון דר. ווינטער. עפּעס האָב איך צו איהם גרויס צוטרויען:

דאָקטאָר זומער איז אפילו אויך ניט קיין שלעכטער דאָקטאָר, אָבער איך גלייך ניט וואָס זי ווערט אזוי פרעהליך און לעבעדיג, מיין גאָלדע, ווען זי דערזעהט איהם.

איך קען אייך שווערען, אז מיין קראנקער פוס געהט איהר דאמאָלסט אזוי אָן, ווי אייך געהט אָן דער פאראיאָהריגער שניי.

זיי פארפיהרען א שמועס וועגען דער מלחמה און אנדערע קלייניגקייטען און אין מיר פארגעסען זיי אינגאנצען.

לעצטענס איז ער זיך מיישב און הייסט מיר ארויסנעהמען די ציין. איהר האָט געהערט א מעשה? עס טוט מיר וועה דער פוס, זאָל איך מיר ארויסרייסען די ציין!

אפשר אז איך וועל פיהלען דעם וועהטאָג פון די ציין, וועל איך פארגעסען אין דעם וועהטאָג פון דער פוס.

עס האָט זיי געארט, טאָמער פארמאָג איך נאָך מיינע ציין, האָט מען מיר געפיקסט!

איצט האָב איך א ביזנעס צו קומען אלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג צום דענטיסט רייסען מיינע אָרימע ציין !

איך זאָג אייך, קיין ערגערע אָנשיקעניש ווי דאָקטוירים מיט ווייבער איז אויף דער וועלט ניטאָ. ס'איז פון זיי ניט איבערצוטראָגען . . .

מיין נעקסט ? — אָט קום איך שוין, דאָקטאָר !

אין מאַרקעט

שטעהען צוויי פרויען אין מארקעט, איינע א הויכע, א דארע, מיט א גרויסען קויש, פון וועלכען עס זעהט זיך ארויס א קעפעל קרויט, א פּאָר בוריקעס ,און א קאָפּ פון א האָן, וועלכער קוקט ווי פארוואונדערט אויף גאָט'ס וועלטעל, פינטעל מיט די אויגען און דערשרעקענדיג זיך פאר עפּעס, ווערט ער פארשוואונדען אין קויש.

די צווייטע פרוי — א קליינע, א דיקליכע, מיט א קליין קוישעל, וועלכער ווארפט זיך ווי א לעבעדיגע זאך, ווייל עס ליגען אינוועניג לעבעדיגע פיש.

די הויכע פרוי האלט די קליינע ביי דער האנט, ווי צו זיין זיכער זי זאָל ניט אנטלויפען און רעדט :

„איהר קאָנט דאָך זי, מרס. עסיג, די וואָס האָט אריבערגענומען איהר קאָזין פון יוראָפּ ? איז אָט דער קאָזין איהרער, מר. פּ ו י ר ל, האָט אי־בערגעלאָזט אין דער היים א ווייב מיט6 קינדער. אמאָל איז ער געווען רייך, זעהר רייך, אָבער פאר די לעצטע פאָר יאָהר איז ער, ניט פאר קיין שום מענ־שען גערעכט, פאראָרימט געוואָרען. האָבען אָנגעהויבען קומען לעטערס צו מרס. עסיג, איין קול זי זאָל אויף איהם רחמנות האָבען און איהם ארויסנעמען אהער. איז זי דאָך אָבער אליין ניט קיין פארמעגליכע, די מרס. עסיג, האָט זי געליהען א פּאָר דאָלער ביי איהר אָנקעל מר. פויגעל. איהר קענט איהם אויך ניט? ס'איז דאָך דער וואָס מ'האָט ביי איהם ארויסגענומען דעם אפּענדיקס, און זיין מיסעס האָט גע'חלש'ט ביי דער טיר פון אפּערייטינג רום !

זי איז דאָך אזוי גרויס ביי זיך, די מרס. פויגעל, גלייך ווי אמעריקע וואָלט געווען איהרס !

מיר זיינען פאר צוויי יאָהרען געווען צוזאמען אין איין קאָנטרי, זיך פארהאלטען דאָס לעבען מיט דער נשמה, געליהען איינע ביי די צווייטע א טעפּעל, א ציבעלע, א קוואָדער און וואָס ניט ? איצט, אזא פארזעהעניש, געהט זי פארביי מיר און מאכט זיך ווי זי קען מיך נישט. יע, איז דער מיסטער פּ ו י ר ל געקומען אהער, אין א גוטער שעה. איז

דאָך שוין גוט, דאכט זיך, טויג עס ערשט ניט, ווייל עס ווייזט זיך ארויס, א זער טויג ניט א קאץ דעם עק צו פארבינדען, און פויל איז ער — מ׳זאָל באהיט און באשירעמט ווערען! מיסעס עסיג זעהט, אז עס איז שלעכט, געהט זי אוועק צו איהרע קרובים, שטעלט צונויף א פאָר דאָלער, און מאכט פאר איהם א גראָסערי, איז דאָך אָבער דאָ אזא מאָדע, אז מ׳צאָהלט ניט פאר קיין גראָסערי; און ווען מען זעהט נאָך אז דער גראָ־סערימאן זיצט גאנצענע טעג, און לייענט לאָוו סטאָריס, איז ווער, פרעג איך אייך, איז משוגע צו צאָהלען געלט אָט אזא פארשוין?

כ׳וועל עס מאכען בקיצור: ס׳האָט ניט גענומען לאנג און ער איז גע־בליבען אָהן סחורה און אָהן געלט..

וואָס זאָל טאָן מיסעס עסיג, אז ער האָט זיך ביי איהר באזעצט, רויכערט די בעסטע סיגארען און לייענט לאָוו סטאָריס?

איז זי ארויסגעגאנגען צווישען איהרע פריינט און באקאנטע, און צונויפ־געשטעלט א סעט קאָסטימערס פאר דעם בלייענעם פויגל און איהם גע־מאכט פאר א מילך־מאן. און אז גאָט העלפט שויך, און ער מאכט שוין א לע־בען, איז דאָך שוין, דאכט זיך גוט — טויג עס ערשט ניט!

ער איז געוואָרען א גאנצער קנאקער, פוצט זיך אין עסיג און אין האָניג, לעבט א טאָג, און פון ווייב און קינדער וויל ער ניט הערען און ניט זעהן. (בויגט זיך אָן נאָענט צו דער צוויטערס אויער און שעפטשעט) עפיס שטיל.

נו, און מרס. העדיג, מיינט איהר, איז בעסער? א וועהטאָג איז מיר, איהר קאָנט איהר אויך ניט? אויב אזוי, טאָ ווען קאָנט איהר יאָ? ס׳איז דאָך די מרס. העדיג, ביי וועלכער מ׳האָט לעצטען ווינטער ארויסגענומען די גאנצע „לינען״, ווען זי איז אוועק צו איהר אָנקעל אויף א חתונה. איהר ווייסט נאָך אלץ ניט? פינסטער איז מיר, און מענשען זאָגען, אז איהר זענט א קלוגע פרוי!

. . . וואָס זענט איהר אזוי בלאס געוואָרען? גאָט איז מיט אייך, ס׳איז אייך ניט גוט? . . . מסתמא געכאפט עפעס אן איבעריגען ביסען! . . .

אין די מואוויס

איהר פרעגט פארוואָס איך קוק אויס שלעכט? איהר וואָלט בעסער פרע־גען, ווי אזוי איך קען נאָך ארומגעהן אויף די פיס, ווי אזוי עס דערהאלט זיך נאָך אין מיר די נשמה?

איהר ווייסט דאָך מסתמא, אז אין געוויסע מואוויס גיט מען אייך א טע־לער אלס פרעמיע, נו נו, איז מיר ביטער און פינסטער. אז איך וועל עס איבערטראָגען וועל איך זיין פון אייזען.

מיין דזשעני וויל האָבען א סעט פון יעדען סטייל טעלער וואָס מ׳טיילט דאָרטען. שלעפּט זי מיך יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג אין די מואָוויס.

איך קום אהיים פון דער ארבייט טויט־מיד, אויסגעמאטערט, קוים וואָס איך האַלט זיך אויף די פיס, דערלאַנגט זי מיר דעם סאַפּער אויף גיך מיט א באַפעהל : „עס אָפּ שנעלער, פּליז, און קום ! מ׳גיט היינט פּאָלומעסיקעס אין די מואָוויס״.

בעט איך זיך ביי מיין ווייב : דזשעני דארלינג, האָב אויף מיר רחמנות, איך בין טויט־מיד, איך קען ניט שטעהן אויף די פיס, געה אליין געזונטער־הייט, אָבער מיר לאָז אָפּ.

מיין דזשעני בלייבט זיצען אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, מיט אַנגעבלאָזענע ליפּען, ווי איינע וועמענס שיפען עס זיינען אונטערגעגאנגען.

איך ווייס שוין, אז נאָך׳ן אָנבלאָזען די ליפען, וועלען קומען טרעהרען פון די אויגען און א גאנץ צעטעל מיט טענות : פּאַרוואָס מר. פּייער געהט מיט זיין פּרוי אומעטום וואו זי רופט איהם, פּאַרוואָס מר. זאַווירוכע באהאַנ־דעלט זיין פּרוי ווי א „קווין״, א „רעגעלע קווין״, און איך בין צו איהר קאלט, קאלט ווי אייז און זי הערט פון מיר קיינמאָל ניט קיין צערטליך וואָרט — קיינמאָל ניט, זי זאָל עס אפילו דארפען אָט דאָס צערטליכע וואָרט פאר א רפואה ! פּאַרוואָס מרס. עסיג טראָגט שוין דעם צווייטען פוירקאוט, בעת זי טראָגט נאָך אלץ דעם ערשטען, פּאַרוואָס מר. קוועקזילבער האָט גע־קויפט א הויז, פּאַרוואָס איך האלט זי אין איין אָפּפירען מיט׳ן בייטען דעם דייננג רום סעט, פּאַרוואָס, פּאַרוואָס און פּאַרוואָס ?

און וויסען דארפט איהר, אז עס איז פאר מיר ניטאָ קיין ערגער אָפּקו־מעניש ווי ווען זי, מיין דזשעני זאָל געזונט זיין, ווערט אויף מיר ברוגז. זי געהט ארום אָנגעבלאָזען, רעדט ניט א וואָרט, און איך פיהל ווי איך וואָלט זיך ארומדרעהען אין א פרעמדער הויז.

די הויפּט צרה איז וואָס איך האָב זי ליב, מיין דזשעני׳ן, און זי ווייסט עס.

בקיצור, איך האָב געזעהן עס העלפט גאָרנישט, האָב איך אָנגעטאָן דאָס רעקעל און זיך אוועקגעשלעפּט מיט איהר ווי אויף פרעמדע פיס, אין די מואָוויס.

געקומען און געקראָגען די צוויי פּאָלומעסיקעס, געהען מיר ביידע אריין און פארנעהמען צוויי „סיטס״, ווי גאָט האָט געבאָטען.

מיר קוקען אויפ׳ן סקרין ווי „קאַו־בויעס״ אויף פערד שפּרינגען איבער בערג, טרינקען זיך אין וואסער, און דאָ די אויגען ביי מיר פארמאכען זיך . . .

מיטאמאָל מישען זיך די קאובאָיס אויס מיט די טעלער־פּאָלומעסיקעס און שיסלען און זיי פאלען אלע אין וואסער . . . צווישען זיי אלע קוקט ארויס

א פרויען־געזיכט. ס'איז מיין דזשעני מיט אָנגעבלאָזענע ליפּען . . .

איך וויל אויסשטרעקען די האַנט און זי א גלעט טאָן, מיין דזשעני'ן, זי בעטען זי זאָל זיך ניט ברוגז'ן, דערהערט זיך מיטאמאָל א שרעקליכער „טאראראך !" דאָס זיינען די צוויי פּאָלומעסיקעס ארויסגעפאלען פון מיינע הענט . . .

עס ווערט א געלעכטער צווישען עולם און איהר וואָלט זיך געמעגט פארגינען א קוק צו געבען אויף מיין דזשעני'ן ! . . .

איך האָב געפיהלט, אז ווען עס עפענט זיך פאר מיר א גרוב, וואָלט איך גלייך אהין ארייגעשפּרונגען . . .

וואָלט איהר דאָך געמיינט, אז עס האָט שוין גענומען, אן עק, א סוף אז עס האָבען זיך שוין איהר ענדליך אָפּגעגלוסט די סעטס ? א נעכטיגער טאָג ! איך קום אריין נעכטען אווענט פון דער ארבייט א מידער, אז איך האלט זיך קוים אויף די פיס, לויפט זי מיר אנטקעגען מיט שטראהלענדע אויגען : „מאָריס דארלינג, עס אָפּ שנעל און לאָמיר געהן, מ'גיט היינט שיסלען!" און איהר פרעגט מיך נאָך, פארוואָס איך קוק אויס אזוי שלעכט?

אַמעריטשקע

איך וויל ניט זינדיגען, עס איז מיר דאָ ניט שלעכט, מיין טאָכטער איז צו מיר זעהר גוט, און די אייניקלאך וואָלטען פאר'ן זיידען קיין זאק באָרשט ניט גענומען.

נאָר לעצטען דינסטאָג האָב איך געהאט א שטיקעל פארדרעהעניש . . . כע־כע־כע, איהר מעגט עס אויסהערען, א שעהנע מעשה און ניט קיין קורצע.

לעצטען דינסטאָג קלאָגט זיך מיין אייניקעל הערי אז עס טוט איהם וועה אין בייכעל. זאָגט צו מיר מיין טאָכטער : „טאטע, זיי אזוי גוט און געה אריין, אָט דאָ ניט ווייט איז דאָ א אידישער דראָג־סטאָר, און קויף פאר'ן קינד א פלעשעלע קאסטאָר־אויל". יעדעס מאָל ווען הערי ליידט פון א בויך־וועה־טאָג, איז קאסטאָר־אויל פאר איהם א זיכערע רפואה.

פארשטעהט איהר דאָך, אז זי האָט מיך לאנג ניט געדארפט בעטען. איך האָב זיך גלייך אָנגעטאָן און זיך געלאָזט געהן אין דראָג־סטאָר. שוין אראָפּ־געהענדיג די טרעפּ קעהר איך זיך אום און פרעג איהר : „רחל'ע, טאָכטער, וואו זאָגסטו געפינט זיך אָט דער אידישער דראָג־סטאָר" — זאָגט זי מיר דעם נומער און גיט צו „ווענסט זעהן א פיקטשע פון א מיידעל אין א באַד־קאָסטיום הענגט אויפ'ן טיר, דאָרט איז עס".

„דער ריכטיגער סימן" טראכט איך, שוין קיין אנדער סימן ניט גע־קענט געפינען.

איך שפּאַן מיר אַזוי פאַרטראַכט און קען גאָרניט פאַרשטעהן, פאַרוואָס איז מען דאָ אַזוי אָהן בושה. זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, אָבער ס׳איז טאַקע אַ טריפה לאַנד.

כמעט אויף יעדען פענסטער פון אַ סטאָר זעהט מען אָט די מיידלאַך אין באַד־קאָסטיומען.

וואָלט עס מיך ניט געאַרט, ווען זיי זענען כאָטש מיאוסקייטען, פאַרזע־הענישען, אַז עס זאָל ניט גוט ווערען ווען מ׳קוקט זיי אָן, אָבער ניין, זיי שיי־נען ווי די זון, און ניט ווילענדיג קוקט מען אויף זיי.

עס איז אַ טריף לאַנד!

אָט אַזוי טראַכט איך מיר און שפּאַן פון גאַס צו גאַס, ניט וויסענדיג וואוהין איך דאַרף אריין.

וואָלט איך געדענקט דעם נומער וואָס מיין רחל האָט מיר געזאָגט, וואָלט גוט געווען, איז מיר אָבער דער נומער אינגאַנצען ארויס פון קאָפּ!

ס׳איז שוין געווען פינסטער, ווען איך האָב געעפענט עפּעס אַ טיר, און אַ מאַן, דאכט זיך אַן איטאַליענער, האָט מיך באַגעגענט.

„וואָס קען איך טאָן פאַר אייך?״ האָט ער געפרעגט. איך קען ניט קיין איטאַליעניש, אָבער דאָס האָט ער מסתמא געפרעגט, וואָס דען וועט ער פרעגען?

טראַכט איך: איך וועל איהם ענטפערען אין פראַנצויזיש, אָבער קיין פראַנצויזיש קען איך אויך ניט קיין סך, אינגאַנצען איין וואָרט קען איך: „באָנזשור״.

זאָג איך איהם: „באָנזשור!״

ער ווערט אין כעס, און רעדט עפּעס גיך גיך און איך פאַרשטעה ניט אַ וואָרט. צייג איך איהם אויפ׳ן בויך און זאָג איהם אין אידיש, אַז מיין אייניקעל איז קראַנק און איך דאַרף פאַר איהם קאַסטאָר־אויל און ער זאָל מיך דאָ לאַנג ניט האַלטען — איך האָב קיין צייט ניט!

ער האָט ענדליך פאַרשטאַנען וואָס איך וויל, און האָט מיר דערלאַנגט אַ פלעשעלע קאַסטאָר אויל.

איך האָב געהאַט 85 סענט אין פּאַקעט האָב איך עס איהם אוועקגעגעבען. ער האָט ניט פאַרלאַנגט מעהר, קענטיג אַ פיינער מאַן.

ס׳איז שוין געווען גוט פינסטער ווען איך בין ארויסגעגאַנגען פון דראַג־סטאָר.

דער קאָפּ האָט זיך מיר געדרעהט, און מיד בין איך געווען שרעקליך.

ווען איך בין אריינגעקומען אין הויז, איז געוואָרען דער אמת׳ער פּערע־פּאַלאַך. מ׳האָט געמיינט אַז ס׳האָט מיט מיר, גאָט ווייסט וואָס געטראָפען. ס׳האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בײנק. מ׳האָט שוין אפילו „גערונגען״

אין פּאָליס־סטיישאָנס . . . איך האָב אזש דערפיהלט, אז איך בין ביי זיך פיל חשוב׳ער געוואָרען.

געזעהען עפּעס ? — ווייזט אויס אז מ׳האלט פון מיר, מ׳זאָרגט פאר׳ן אלטען טאטען.

נא, גיב איין דעם קינד דעם קאסטאָר אויל״ — זאָג איך צו מיין טאָכ־טער.

צעלאכט זי זיך, דאָס גרעסטע געלעכטער. — מ׳דארף שוין ניט, געה גיב עס צו די מיידלאך אין די „ביידינג סוטס״, וועלכע דו האָסט ארומגעזוכט א גאנצען טאָג — זאָגט זי וואָס מענער זענען, „שיקסט איהם נאָך קאָסטאָר אויל, געה טער ארום זוכען מיידלאך! גיט זי צו, און לאכט, קאטשעט זיך פון געלעכטער, מאכט חוזק פון אלטען טאטען, א לעבען אויף איהר קאָפּ !

נעכטען האָב איך געפיהלט ניט גוט. טראכט איך, איך האָב דאָך שוין באצאָהלט 85 סענט פאר׳ן פלעשעלע קאסטאָר אויל — וועל איך עס אויס־טרינקען. דערזעהט מיין טאָכטער ווי איך וויל עס טרינקען, רייסט זי עס ארויס ביי מיר פון די הענט : „ס׳איז דאָך גאָרניט פעט״, שרייט זי אויס, — עס קוקט דאָך אויס ווי אביסעל פליינע טיי!

נו, איז דאָך גוט, וועט עס זיין גרינגער צום איינגעהמען — ענטפער איך.

ס׳איז אזוי קאסטאָר אויל ווי איך בין א רביצין — זאָגט זי, און גיסט עס אויס אין סינק !

ארומגעבלאָנדזשעט האָב איך א גאנצען טאָג, און געאָפּפערט 85 סענט פאר גאָר ניט; אמעריטשקע גנב ! . . .

פּרישע לופט

איהר פרעגט, וואָס איך זיץ דאָ אין פּארק, און יעדעס מאָל ווען איהר געהט פארביי זעהט איהר מיך דאָ ? — אוי וועה איז מיר, ניט פאר נחת זיץ איך דאָ. בייטאָג און ביינאכט און ווען נאָר איך האָב א פרייע מינוט.

מיין ביילע׳ן האָט זיך פארוואָלט א גרעסערע הויז, נו, נו, פּאָך איך עס איצט אביסעל מיט דער נשמה !

ווער האָט אויסגעטראכט ווייבער אויף דער וועלט ? ס׳איז דאָך פון זיי ניט אויסצוהאלטען.

איך זיץ דאָ אין פּארק און כאפּ אָפּ דעם אָטעם. כ׳זאָג אייך, אז ס׳איז באשערט צרות נעמט עס אָפּ דעם שכל.

איך האָב דען געוואָלט מופען דאָס יאָהר ? א נעכטיגער טאָג. מיין ביי־לע׳ן האָט זיך פארוואָלט מופען. ס׳איז פאר אונז קליין, האָט זי געטענה׳ט,

יענע הייזקע. זי וויל א גרעסערע הויז, ווייל זי. און איהר אז עס פארווילט זיך עפּעס מוז עס געבוירען ווערען. איך האָב גראדע געהאט דאמאָלסט אביסעל ארבייט ,און האָב קיין צייט ניט געהאט צו געהן זוכען א הויז, אָבער אז זי וויל איז עפּעס פאראן א תירוץ ? האָב איך זיך ארויסגעלאָזט זוכען, איז ווייסט איהר דאָך ווי עס איז : פאר עפּעס רעכטס הייסט מען זיך גוט באַצאָלען, און אויף א מויזן לאָך דארף איך דאָך ניט בייטען, דאָס האָב איך דאָך,

א קיצור איך האָב אזוי לאנג געזוכט ביז איך האָב געפונען. איך האָב ענדליך אָפּגעזוכט א שעהנע ליכטיגע הויז און ניט זעהר טייער רענט. איז דאָך דאכט זיך גוט? וואָס דארף מען בעסער? — הערט זשע ווייטער: אריינגעצויגען זיך אין דעם הויז און איינגעאָרדענט זיך ווי ס'ניט איז, דערפיהל איך, אז עפּעס איז מיר אין הויז זעהר ווארים. פרעג איך : „ביילע, פון וואנען נעמט זיך אָט די ווארימקייט, וואָס שלאָגט ווי פון א באָד?"

ענטפערט זי : „א חסרון די כלה איז צו שעהן, אז ס'איז ווארים, איז דאָך גוט".

זאָג איך: „מאָל דיר, ס'איז שוין ניט אזוי גוט זומער אין די היצען, אז עס קומט פון ערגעץ אן עקסטרא ווארימקייט".

זאָגט זיכ ווייסיך, וואָס דיר פאלט איין, ס'איז א גוטע הויז און איך בין צופרידען".

איך וויל אייך מאכען אין קורצען: עס צייגט זיך ארויס, אז נעקסט דאָר איז א בעקעריי, און פון דאָרטען שלאָגט א היץ, אז מ'ווערט דערשטיקט — פון זינט עס איז ווארים געוואָרען אין דרויסען פיל איך, אז איך פּאָך מיט דער נשמה ,איך קען דעם אָטעם ניט כאפּען. ס'איז א עק פון מיין לעבען. לויף איך, ווען איך האָב נאָר א פרייע מינוט, זיך ראטעווען אויף די „מאונטיינס", אָדער אין פארק, און ווער עס געהט פארביי קוקט מיך אָן און וואונדערט זיך : וואָס הייסט עס א איד זאָל שטענדיג זיצען אין פארק און שעפּען לופט ? מענשען האָבען דאָך א שוואכקייט ניט צו פארגינען איינער דעם אנדערען דאָס ביסעל „גליק" אומשטיינס געזאָגט. געה דערצעהל זיי, אז איך זיץ אין געהאקטע וואונדען און פּאָך מיט דער נשמה; אז איך האָב אין דער היים ניט ווי דעם קאָפּ אוועקצולעגען, ווייל ס'איז דאָרטען א לעבעדיגער גיהנום.

און טאָמער איז עס ווינציג האָט זיך מיין טאָכטער מיישב געווען און אנשטאט א היים צו געהן פון האָספּיטאל מיט איהר ניי געבוירענער בייבי איז זי שוין בעסער געקומען צו דער מאמען. אז די הויז האָבען מיר א גרויסע און ס'איז דאָ פאר איהר פלאץ, טאָ פאר וואָס ניט צוטיילען דער מאמען דעם כיבוד, אז זי זאָל אויף איהר אכטונג געבען די ערשטע צייט ? און דאָס אייניקעל זאָל געזונט זיין איז א קוויטשער, אז די גאנצע גאס שלאָפט ניט

קיין נעכט זייט ער איז געקומען. ער האלט אין איין גליקליך מאכען די וועלט מיט זיין פערזענליכקייט, האלט אין איין גוואלדעווען סיי ביים באדען, סיי ביים עסען און ווען ער איז אָנגעגעסען און אויסגעבאָדען און קוויטשעט אלץ, זאָגען די ווייבער, אז עס טוט איהם וועה דאָס בייכעלע.

און טאָמער איז דאָס ווינציג, האלטען אין איין שטראָמען געסט, קרובים, שכנים, פריינט אלץ פון מיין איידימ׳ס צד. מ׳האָט שוין אָנגעטראָגען א וועלט מיט סוועטערלאַך, קאָלדרעלאַך, סוטעלעך, שאלען. איהר זאָלט אריינקומען אין הויז, איז עס א רעגעלער דרייגודס סטאָר און מ׳האלט נאָך אלץ אין איין טראָגען.

איז געה דערצעהל יענעם, וואָס מיר קוועטשט און וואָס איך זיץ דאָ און שעפּ פרישע לופט! דער אמת איז, אז איך האָב זיך אָט די גאנצע „ביזנעס״ ערליך פארדינט. א מאן דארף זיין א מאן, און זיך ניט לאָזען איבעררעדען פון ווייבער. אזוי האָט זי מיר מיט 21 יאָהר צוריק איינגערעדט, מייןביילע, איך זאָל מיט איהר חתונה האָבען און פון דעמאָלט אן האלט עס אָן די דיקטאטור איהרע! . . .

ל י ב ע

— איך האָב דיך ליב, דאָראָטהי, נאָך פון קינדוויז אָן. אָט ווי נעכטען געדענק איך דיר אזא פרעהליכע שטיפערקע מיט שיינענדע אייגעלאַך.

געדענקסט ווי איך פלעג דיך שלעפּען ביי די צעפּ? — ס׳איז געווען פאר ליבשאפט.

און יעדער שנעל אין דיין פאררייסען, קיילעכדיגען נעזעל, וואָס איך פלעג דיר געבען, איז אויך געווען פאר ליבשאפט.

צומאָל פלעגען זיך דיר שטעלען טרערען אין די אויגען פון מיינע פּעטש, וואָס איך פלעג דיר אריינוואַרפען אין דיינע רויטע בליהענדע באקען.

אָבער אזוי געהט די ליבע.

פריהער, אין די קינדער יאָהרען, רייסט מען זיך ארום, נאָך דעם, ווען מ׳ווערט גרעסער, הערט מען אויף זיך ארומרייסען און מ׳נעהמט זיך קושען, דערנאָך הייראט מען, און מ׳נעהמט זיך ווייטער רייסען, ווי צוויי קעץ אין איין זאק.

געדענקסט, איינמאָל בין איך דיר נאָכגעלאָפען און דו ביזט אריינגעפאלען אין וואסער. איך האָב דיר דאן אָנגעטאָן מיין רעקעל און פארפלאָכטען דיינע צעפּ, ווי א קרוין ארום קאָפּ, און דו האָסט געוויינט און האָסט מורא געהאט צו געהן אהיים.

דיין אָנקעל איז גראָד אָנגעקומען און האָט דיך אהיים גענומען, און איך האָב מורא געהאט אהיים צו געהן אָהן מיין רעקעל.

ווען איך בין שפּעט אין אווענט אהיים געקומען, האָב איך דערצעהלט א געשיכטע, אז א רויבער האָט פון מיר אראָפּגעריסען דאָס רעקעל. אלע האָבען אויסגעשאָסען אין א געלעכטער, ווייל דיין אָנקעל האָט שוין מיין רעקעל געהאט אָפּגעבראכט צו אונז אין הויז.

אלע האָבען געוואוסט, אז דאָס האָב איך דיר געגעבען דאָס רעקעל, זאָלסט ניט פיהלען קאלט, און די מעשה מיט'ן רויבער איז געווען אן אויס־געטראכטע.

ווען איך טראכט פון אונזער צוקונפט, שטעלסטו זיך מיר פאָר ווי א קליין ביזי ווייבעלע אין א ווייסען שערצעל, און דו גרייטסט צו סאַפּער פאר מיר.

פארוואָס האָב איך דיר אזוי שטארק ליב ? קיין מיידעל האָב איך ניט ניט אזוי ליב געהאט ווי דיך, און אז איך האָב איבערגעהאט א שעהן ביסעל „סוויט הארטס" — דארף איך דיר ניט דערצעהלען, דאָס ווייסטו אליין.

אָבער מיט קיין איינער פון זיי איז מיר ניט געווען אזוי שווער זיך צו שיידען, ווי מיט דיר.

אָט דארף איך שוין באלד אוועקגעהן, און איך פיהל, ווי א האלב לעבען אוועקצוגעבען, אבי צו פארברענגען מיט דיר נאָך א שטונדע.

איך מוז אָבער געהן. מיין קלוב האלט היינט אָפּ א מיטינג, און ווען א מיטגליד קומט צו שפּעט צו א מיטינג, ווערט ער שטראפירט מיט 35 סענט.

גוט־באַי, דארלינג !

סאָ לאָנג !

ליבע נומער 2

— הערי דארלינג, איך בין שוין געווען אזוי אומרוהיג ניט קענענדיג זיך דערוואַרטען אויף דיר.

ביסט קיינמאָל ניט פּינקטליך און מאכסט מיר שרעקליך ליידען.

פּיטער איז געווען פיל פּינקליכער פון דיר. פּיטער אז ער האָט געזאָגט, ער קומט אכט אזייגער, איז עס געווען אכט, און צומאָל א קוואָדער צו אכט, און דו פארשפּעטיגסט צומאָל גאנצע צעהן מינוט.

דו ווערסט דערפאר פון מיר קיין קוש היינט ניט קריגען, נאָ סער !

איך האָב היינט דעם גאנצען טאָג פארשידענע ערגערנישען.

גאָסי איז דאָ געווען מיט א פּאָר שעה צוריק, און זי דערצעהלט מיר אז עס צייגט זיך ארויס, אז דער דיימאָנד רינג וואָס איהר באָי פרענד האָט איהר געקויפט, און האָט געזאָגט, אז ער האָט פאר איהם באצאָהלט הונדערט

מיט פינף און צוואנציג דאָלער, קאָסט ניש מעהר ווי פינף און אכציג דאָלער, און דער ריסטוואָטש וואָס ער האָט איהר צוגעזאָגט, האָט ער נאָך אלץ ניט געקויפט.

וואָס וועסטו זאָגען אויף אזא אָפעריסט ?

„פעני דארלינג, גיב מיר אן עצה וואָס צו טאָן" — זאָגט זי צו מיר, פור טהינג, און ווישט זיך דערביי די אויגען מיט א ווייס זיידען טיכעלע.

— וועל, אז ער וועט קומען צו דיר נעקסט טאים, ווארף איהם אראָפּ פון אלע טרעפּ, צו אלדע שווארצע יאָהר", ראטה איך איהר.

ער דערצעהלט איהר מעשות : ביזנעס זיינען ניט גוט, מען מאכט ניט, שלעכטע צייטען, אָבער מיר, מיידלאך, זיינען ניט קיין גרינע, מיר קענען אייך.

אַי וואָנדער, הערי דאַרלינג, ווען דו וועסט שוין ווערען ביזי, עפּעס ביזטו אזוי סלאָו, מ'דארף דיר האלטען אין איין ארייגזאָגען, און דו מאכסט זיך ניט וויסענדיג !

פּיטער האָט נאָך דריי וואָכען באקאנטשאפט מיט מיר, גלייך מיר גע־קויפט א פּוירס מיט גלאָוס, און נאָך דעם ווען עס איז צווישען אונז אָפּגע־בראָכען געוואָרען די „ענגיידזשמענט", האָט ער די זאכען אפילו ניט אויפ־געמאָנט. זיי זיינען ביי מיר פארבליבען ביז היינטיגען טאָג.

א טייערער בחור געווען פּיטער, א שאָד וואָס זיין מוטער האָט צווישען אונז צושטערט דעם שידוך.

„זי איז א שלאק, זי וועט דיך אומגליקליך מאכען", פלעגט זי צו איהם טענה'ען, אזוי לאנג, ביז ער איז פון מיר אוועק, און איצט דארף איך זיצען און ווארטען אויף דיר שטונדען ביז דו קומסט, און אז דו קומסט שוין, רעדסטו פון אלץ אין דער וועלט, נאָר ניט פון קיין דיימאָנד רינג, אָדער א ריסט וואָטש, ס'קוקט אויס ווי דו וואָלסט אין גאנצען פארגעסען, אז עס זיינען פאראן אויף דער וועלט אזעלכע זאכען . . .

ווילסט פאררויכערען? אָט ברענג איך פון קיך א מעטש . . .

הערי ! הערי ! וואו ביסטו ? (בלייבט שטעהן פארגאפט, מיט אן אָפען מויל און גרויסע אויגען, טראכט א ווייל צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, דאן קוקט זי אויף די הענט) :

שווער צו קריגען פאר אייך א דיימאָנד רינג, מיינע אָרימע פינגער! . . . אָט איז ער שוין אויך אוועק !

דאָס „שייגעצעל"

אנטקעגען דעם וואָס איהר זאָגט טראָבעל !

אז עס איז באשערט צו האָבען טראָבעל וועט עס צו אייך קומען צופוס,

אָהן א טעקסי, און ניט אלע טראָבעלס זענען גלייך.

איהר מעגט עס אויסהערען, עס וועט אייך זיכער צוניץ קומען!

איהר ווייסט דאָך, אז מיין מיסטער איז גבאי אין דער חברה אנשי טראסק שוהל, קומען צו איהם פון צייט צו צייט אין די שבתים איניגע פריינט אויף קידוש!

און ווען איך ווייס אז מ'וועט קומען אויף קידוש, מוז איך דאָך שוין פרייטאָג עפעס צוגרייטען, צי איך וויל צי ניט! ניט אזוי? . . .

האָב איך געמאכט א סיסטעם אזא, אז אלע פרייטאָג מאך איך פּראקעס!

וואו זשע נעהמט מען אָבער שבת אימיצען ער זאָל דערוואַרימען די פּראַקעס? — איז עס טאקע א לאנגע צייט געווען א גרויסער פּראָבלעם, ביז גאָט האָט אויף מיר רחמנות געהאט און האָט מיר צוגעשיקט א שייגעצעל! עפעס א שכניש קינד האָט מיר איהם נאָראיעט, און פאר א שטיקעל האָניג־קייק און א ניקעל נעהמט ער אראָפּ די לייכטער פון טיש, צינדט אונטער די געז און פאָלגט מיך נאָך צומאָל אויך א זייטיגען גאנג, אריינבריינגען עפעס פון א שכנה און אזוי ווייטער.

יאָהרען זענען געגאנגען, דאָס שייגעצעל איז געוואקסען און פלעגט קומען וואָך־איין־וואָך־אויס אָטענדען זיין דזשאָב און צו נעהמען א שטיק האָניג־קייק מיט א ניקעל!

מ'ט דער צייט האָב איך איהם געגעבען א „רעיז": אַנשטאָט אַ ניקעל האָב איך איהם אָנגעהויבען צאָהלען 10 סענט, און אויך פון דעם קעיק האָב איך איהם אָנגעהויבען געבען א גרעסערען חלק!

איינמאָל אין א שבת איך ווארט און ווארט אויפ'ן שייגעצעל און ער קומט ניט!

איך קען גאָר אזוי קלוג ניט זיין צו פארשטעהן פארוואָס ער קומט ניט.

איך ווייס אז איך האָב איהם „גערעיזט די ווידזשעס" און דעם קעיק, טאָ וואָס קען עס זיין די אורזאכע פון זיין ניט קומען?

אפשר חלילה קראנק? אפשר חלילה אן עקסידענט? אפשר אוועקגע־מופט ערגעץ אין א ווייטען געגענט? אפשר . . . איך ווייס שוין פשוט ניט וואָס צו טראכטען.

און דאָ ווי אויף צו להכעיס איז זיך דעם שבת צונויפגעקומען אויף קידוש א פיל גרעסערער עולם ווי ביז איצט.

איהר ווייסט דאָך ווי עס געהט: ווייל אזוי, איז דוקא אזוי!

וואָס טוט מען! געה האָב צו אימעצען טענות ער זאָל מיר דעליווערען דאָס שייגעצעל!

וואָס זאָל איך דאָ לאנג דערצעהלען, דאָס שייגעצעל איז ווי אין וואסער אריין!

איך האָב דערלאַנגט די פּראַקעס קאַלטע און קיין עגמת נפש האָט מיר ניט אויסגעפּעהלט !

איך בין שיער ניט קראַנק געוואָרען פון פאַרדרוס ; ווייל וואו איז עס געהערט געוואָרען אז מ'זאָל אוועקוואַרפען א דזשאָב און אפילו ניט געבען קיין נאָטיס ?

און וואָס פאַר א טעם האָבען עס קאַלטע פּראַקעס ?

א גאַנצע וואָך ווער טראַכט עס פון שייגעצעל ? פאַראַן אַנדערע דאגות און איך האָב שוין אין דער גאַנצער מעשה פאַרגעסען. דאַן איז געקומען שבת, איך גיב א קוק — ס'איז דאָ א גאַסט !

איך בין איבערראַשט געוואָרען, מיינע אויגען ניט געגלויבט : ס'איז דאָ דאָס שייגעצעל !

גזלן, וואו ביסטו פאַרפאַלען געוואָרען ? וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט ? איך האָב דאָך פּשוט ניט געוואוסט וואָס איבערצוטראַכטען וועגען דיר !' טענה איך צו איהם.

ענטפערט ער מיר : לעצטען שבת בין איך געווען שטאַרק ביזי : איך האָב געהאַט א פּאַרטי !

וואָס פאַר א פּאַרטי און ביי וועמען ? וויל איך וויסען.

טראַכט ער ניט קיין סך, און מאַכט אַזוי :

ס'איז געווען טאַקע מיין אייגענע פּאַרטי; איך בין געוואָרען דרייצען יאָהר, האָבען מיר מיינע עלטערען געמאַכט א בר מצוה פּאַרטי ! . . .

דער קעניג פון לאַמפּעדוסאַ

זינט די צייטונגען זענען ארויס מיט דער נייעס, וועגען דעם אידישען יונגענמאַן, סידני קאָהען, וואָס האָט איינער אליין פאַרנומען דעם אינזעל לאַמפּעדוסאַ גיט מרס. מערי מייד, קיין רוה ניט איהר מאַן מיסטער מערי־מייד, נאָר זי האַלט איהם אין איין „האַקען א טשאַיניק": זי וויל וויסען וואָס עקזעקטלי דער אידישער קעניג שטעלט מיט זיך פאָר; צי איז ער א שניידער, צי א קאַרפּענטער, איז ער סינגעל צי א באַווייבטער ,אויב סינגעל, טאָ זאָל ער אריינשרייבען א בריוועל דעם קעניג פון מענעפאַזע, אז זי האָט פאַר איהם א גאָלדענעם שדוך !

ניט מענאַפאַזע , נאָר לאַמפּעדוסאַ — פאַרריכט איהר מיסטער מערימייד.

— נעווער מיינד, פאַמפאַדוסאַ צי קוקורוזע, אבי ער איז א קעניג איז עס גוט פאַר אידען, טאָ שלאָג איהם פאָר מיין שוועסטער שוירלי פאַר א כלה. ווען דער קעניג וועט אויף איהר א קוק טאָן, וועט ער פאַרכאַפּט ווערען פאַר איהר פיגור, וועסט זעהן ער וועט זיך אין איהר אָנכאַפּען מיטביידע הענט !

איהר פאסט זיך צו זיין א קעניגין, זי איז פאר דעם ווי אָנגעמאָסטען !

שרייב אזוי און אזוי : א מיידעל ווי א שטיק גאָלד, א ברילִיאנט, אן אוצר, זאָל ער מיר לאָזען וויסען וואו און ווען מיר קאָנען זיך באגעגענען. פאָלג מיך, לעג עס ניט אָפּ אין דער לאנגער באנק אריין, פאר אָנבאָטען קומט קיין פאטש נישט!

אָט האָב איך אמאָל גערעדט מיינעם א לאנדסמאן א שדוך, און ווען איך האָב איהם אויסגעזאָגט דעם סוד, אז די כלה איז א טויבע און וואָס זי דער־הערט ניט פינטעלט זי צו מיט די אויגען, האָט ער מיך ארונטערגעוואָרפען פון אלע טרעפּ ! ביי זיך אָבער בין איך ניט אראָפּגעפאלען, איך האָב אָפּגע־ווארט א פאָר וואָכען ביז ס׳האָבען מיר אויפגעהערט וועה טאָן די קריזשעס, און איהם איז אביסעל אָפּגעגאנגען דער כעס, און איך בין זיך צו איהם ווידער אמאָל דורכגעגאנגען. און וואָס זאָל איך דיר לאנג ברייען, מיט א פאָר מאָנאטען שפּעטער, איז געשלאָסען געוואָרען א שידוך !

אזוי געהט עס מיט א שידוך : צוערשט דאכט זי אויס, אז ס׳איז אוממעג־ליך איהם דורכצופיהרען, מ׳דארף אָבער ניט זיין פויל, און דער עיקר — נישט פארלירען דעם קוראזש, קען מען צוזאמענפירען א וואנט מיט א וואנט אפילו . . .

דאָס וואָס זיין היים דאָרטען אין ענגלאנד איז אָפּגעברענט געוואָרען איז א קלייניגקייט, צו וואָס באדארף ער שוין א היים ? ס׳איז גענוג וואָס ער איז א קעניג !

איך שטעל זיך פאָר די שניידערשע היים זיינע, ניטאָ נאָך וואָס עס זאָל איהם באנק טהאָן, מ׳שטיינס געזאָגט !

שוירלי איז שעהן ווי א פרינצעסין און עס וועט שוין זיין איינמאָל א שידוך ! ווע‌סט זעהן, מיר וועלען נאָך איה״ש האָבען א רעגעלע קעניגין אין דער משפּחה ! און ווען די וועלט וועט זיך דערוויסען אז דו ביזט א לייב־ליכער שוואָגער פון דער קעניגין פון קוקורוזע וועט מען דיר אָפּגעבען גרויס כבוד, און מ׳וועט פאר דיר האָבען גרויס דרך ארץ.

און ס׳קען געמאָלט זיין מ׳זאָל פאר אונזביידען מאכען א באנקעט ! און איך זאָל האלטען א לאנגען ספּיטש ! זעץ דיך גלייך אוועק און שרייב אָן א קיילעכדיג בריוועל, מיט משלים, מיט וויצען, אפאָריזמען, קאָמפּלימענטען, סענטימענטען, און אזוי ווייטער און ווייטער, עס זאָל איהם א נעהם טאָן דעם קעניג אחשוירוש, כ׳מיין פון מענאפּאָזע . . .

און איצט וועל איך געהן זיך א נעהם טאָן צו שוירלי׳ן, זי זאָל זיך אריינ־כאפּען אין א ביוטי־פּארלער, זיך אויסטראָצלען, אָפּפארבען די האָר און אזוי ווייטער. סאם דזשאָב וועל איך מיט איהר האָבען ! זי האָט זיך דאָך אריינ־גענומען א מאנקאָליע אין קאָפּ אריין צו הייראטען מיט מאָריס דעם זייגער־

מאכער, מיט וועמען זי פיהרט זיך ארום נאָך זייט זיי זענען געוועזן סקוהל־קינדער ! . . .

א מאַנופעקטשורער וויל זי . . .

מ'פרעגט מיך פאר וואָס איך האָב זיך אזוי אראָפּגערוקט. געה דערצעהל יענעם, וואָס מיך דריקט ! געה דערצעהל יענעם, אז מיין אייגענע ווייב איז מיר מקצר די יאָהרען ! און ווען נאָר מיר אליין וואָלט עס מיך נאָך אפשר ניט געאַרט אזוי שטאַרק, טוט זי עס אָבער אויך צו אונזער קינד, צו אונזער בת יחידה, אונזער אויג אין קאָפּ !

צווישען אונז גערעדט, איהר ווייסט דאָך, אז אונזער בעסי איז שוין ווייט פון צו זיין א „סוויט סיקסטין". זי איז שוין, קיין עין הרע ניט, א מיידעל אין די יאָהרען, שוין לאנג צייט זי זאָל זיין פארהייראט און אפילו א מאמע פון א פּאָר קינדערלאך, איז די צרה וואָס די מאמע איהרע שטערט איהר, לאָזט זי ניט הייראטען.

איהר לאכט ? — איך וואָלט אפשר מיטגעלאכט, ווען עס זאָל מיר אזוי ניט וועה טאָן ! . . .

שוין דעם דריטען בחור, וואָס האָט זיך גע'שדכנ'ט צו בעסי'ן האָט זי, די מאמע איהרע, געגעבען דעם וועג.

קוים ברענגט בעסי אריין א יונגענמאן אין הויז, איז די מאמע איהרע די ערשטע צו פארפיהרען מיט איהם א שמועס, און זי רעדט און רעדט אזוי פיל, אז בעסי האָט שוין קיין טשענס ניט מיט איהם א וואָרט אויסצורײדען . . .

און וועגען וואָס רעדט זי אזוי פיל, און טענה'ט פאר פייער און פאר וואסער ? — וועגען בעסי'ס חבר'טעס, וועלכע האָבען גרויס מזל צו בחורים ; וועגען פוירל'ען, וואָס האָט געקראָגען פון איהר באָי־פרענד א דיימאָנד רינג פאר זעקס הונדערט דאָלאר; וועגען סילוויע'ן, וועלכע האָט געהייראט מיט א בחור, וואָס האָט פאר איהר „אויסגעפאַרנישט" אַן אפּארטמענט פון אכט צימערען, ווי ביים קייסער, און אזוי ווייטער און ווייטער.

און וואָלט עס כאָטש אמת געווען, וואָלט עס מיך אפשר ניט אזוי שטאַרק פארדראָסען, איז עס אָבער א נעכטיגער טאָג, ס'הויבט זיך ניט אָן און לאָזט זיך ניט אויס ! . . .

טענה איך צו איהר : „גזלנ'טע, וואָס טוסטו ? פארוואָס ווארפסטו אָן אויף די יונגע לייט אַן אומזיסטע שרעק און אזוי ארום מוזען זיי אנטלויפען פון אונזער בעסי'ן ? — דו ווייסט דאָך און איך ווייס, אז אונזער בעסי איז שוין ניט קיין יונגינקע מיידעלע, און מיר ביידע זענען דאָך שוין אודאי ניט

יונג, כמעט עלטערע מענשען, און וואָס איז אונזער גאַנץ לעבען און שטרע־בען, מ׳שטיינס געזאָגטפּ אויב ניט א שידוך טאָן, און האָבען אביסעל נחת פון אונזער איינציג קינד ? פארגעס ניט, אז ס׳איז איצט א מלחמה, און עס ווערט וואָס אמאָל מעהר און מעהר א מאנגעל אין מענער, טאָ פארוואָס אפּ־שטויסען די געלעגענהייט פון א שידוך״?

אויך בעסי בעט זיך ביי איהר: „מא, מיש זיך ניט אין מיינע ביזנעס, לאָז עס צו מיר, ס׳איז ניט שעהן, אז א מוטער רעדט אזוי פיל מיט איהר טאָכטער׳ס באָי־פרענדס״.

ענטפערט זי, די מאַמע איהרע:

„איך וויל ניט דו זאָלסט הייראטען מיט א קבצן ! גענוג אז איך האָב אָפּגעפּינסטערט אלע מיינע יאָהרען מיט׳ן טאטען, זאָל איך נאָך דערלאָזען, אז מיין קינד זאָל אָפּטאָן די זעלבע חכמה ? !״

„אָבער דו קענסט דאָך ניט דערוואַרטען, עס זאָלען קומען צו אונז אויף דע בוליאָן סטריט מיליאָנערען?״ טענה איך צו איהר.

ענטפערט זי :

„קיין מיליאָנערען וועלען טאקע ניט קומען, אָבער עס קען דאָך קומען עפּעס א גרויסער מאנופעקטשורער!״

און איהר האָט באדארפט זעהן, ווי בעסי איז געווען גליקליך ווען זי איז אויסגעגאנגען מיט איהר לעצטען באָי־פרענד, א פעינטער ! זי פלעגט אהיימקומען א פרעהליכע, א שיינענדע און אויסזעהן יונגער אפשר מיט צעהן יאָהר, האָט זיך די מאמע איהרע א נעהם געטאָן צו איהם, גענומען אָנוואַרפען אויף איהם א שרעק וועגען אפּארטמענטס, דיימאָנד רינגס, פויר קאַרס און אזוי ווייטער און ווייטער. און דער סוף איז געווען דער זעלבער, וואָס מיט די פריהערדיגע בחורים; ער האָט אָפּגעבראָכען מיט בעסי׳ן די פריינטשאפט און איז אנטלאָפען !

איצט איז ניטאָ קיין פעינטער און ניטאָ קיין מאנופעקטשורער ! . . .

אַ בליץ-ליבע

איהר זעהט דאָרטען עזריאל חיימ׳ס, ער לויפט שוין ווידער מיט ציי־רעל׳ס קליידער און מיט׳ן קוישעלע בלומען !

וואָס איהר קענט ניט עזריאל׳ן? באהיט און באשירעמט זאָל מען ווערען, קיינעם קענט איהר ניט !

ווען איך זאָל אייך ניט ארונטערברענגען קיין נייעס פון דאָרטען און פון דאנען, וואָלט איהר דען עפּעס געוואוסט? —

א גליק, איך וואוין מיט אייך אין שכנות, האָט איהר וואָס צו שרייבען

אין פּייפּער. וואָס וועט איהר טאָן ווען איך וועל אוועק מופּען ?

ס'איז מיט דעם עזריאל'ן אזא מעשה:

ער האָט זיך באקענט מיט צירלען אויף א פּארטי. זי איז א שעהן מיידעל, אן אוצר, האָט ער זיך אין איהר פארכלאָפּעט פון ערשטען קוק ביז איבער די אויערען !

אָבער אלץ הייסט פארכליאָפּעט; עס איז נאָך אזא ליבע אויף דער וועלט ניט געווען, איהר קענט זיך פאַרשטעלען, אז איהרע עלטערען האָבען זיך פּשוט געשראָקען, אז זי זאָל חלילה ניט אומקומען אין פייער פון דער פלאַמיגער ליבע, און זיי האָבען גענומען רעדען וועגען חתונה מאכען זי וואָס שנעלער.

אָבער, זיי זיינען דאָך זייער אָרימע מענשען, צירעל'ס עלטערען און זי צירל פארמאָגט ניט אפילו קיין לייטיש קליידעל אויפ'ן לייב. טענה'ן מסתמא עזריאל'ס עלטערן : גזלן, צו וואָס טויג דיר אַ נאקעטע מיידעל? ענטפערט ער: „נעווערמיינד, איך האָב זי ליב!"

און ער דערציילט זיי ווי אזוי זיי האָבען זיך באקענט :

ס'איז געווען זעהר ענג אויף דער פּארטי. האָט ער איהר, ניט אומ־מיסטען, אָנגעטראָטען אויפ'ן רעכטען פוס, נאטירליך, האָט ער זיך ענט־שולדיגט.

און ווען ער האָט דערזעהן איהרע שווארצע אויגען מיט'ן זיסען שמייכעל איז ער פאר איבערראשונג ארויפגעטראָטען אויך אויף איהר לינקען פוס . . .

האָט זי זיך אויף איהם אָנגעבייזערט, און ער . . . האָט זיך פארליבט!...

ס'האָט זיי גאָר ניט געהאָלפען זיינע עלטערען. ער האָט איהר געקויפט א פּאָר קליידלאך, און נאָך פארשידענע זאכען וואָס א כלה דארף האָבען צו דער חתונה, און זיי האָבען מיט מזל חתונה געהאט.

ס'איז געווען אָ חתונה ווי ביים קייסער, ס'איז אלעס געפּראוועט גע־וואָרען מיט גלאנץ און פּראכט, און מ'האָט געטאנצט ביז אין ווייסען טאָג אריין.

אַוועק א פּאָר מאָנאטען נאָך דער חתונה און . . . פון דער פלאַמיגער ליבע איז גאָר ניט געבליבען. אויסגעטריקענט געוואָרען די ליבע, ווי מיט'ן האנט צוגענומען.

ס'האָבען אָנגעהויבען פאַרקומען צווישען פּאָרל ארגומענטען, נאָך דעם קריגערייען, אזוי לאנג און אָזוי ברייט ביז . . . עזריאל האָט ארויסגעכאפּט די קליידלאך פון שאפע און דאָס קוישעלע מיט די בלומען און איז אוועק צו זיינע עלטערען !

אָבער זיינע עלטערען ווייסען דאָך נעבאך ווּעמען זיי פארמאָגען. זיי ווייסען אז עזריאל איז א גרויסער גראָבער יונג, א שטיק משוגענער, און

„טויג ניט א קאץ דעם עק צו פארבינדען„, רעדען זיי איהם איבער, ער זאָל צוריק אהיים געהן צו זיין פרוי, ניט צוברעכען קיין שלום-בית.

נעמט ער די קליידלאך מיט'ן קוישעלע בלומען און געהט אהיים אלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג לויפט ער מיט די קליידלאך צו זיינע עלטערען און אלע דינסטאָג און פרייטאָג צוריק צו זיין פרוי.

דאָס קוישעלע בלומען האָט ער איהר געקויפט, צירלען אויפ'ן צווייטען טאָג, נאָך דעם ווי ער האָט זיך מיט איהר באקענט, און ער האָט איהר אויך צוגעשיקט א ליד, אין וועלכען ער זינגט אויס. אז איהרע אויגען זיינען ווי רויזען, די באקען ווי שטערן, די ליפּען וויינשעל די . . . מילא וואָס טויג אייך זאכען, ס'איז א זעלטען ליד!

און ווען ער לויפט צו זיינע עלטערען, מיט צירעל'ס קליידער פארכאפּט ער שוין אויך אין איין וועגס דאָס קוישעלע מיט די קינסטליכע בלומען מיט דעם ליד.

איינמאָל ווען ער איז אזוי געלאָפען מיט די קליידלאך האָט א גאָס געטאָן א רעגען. די קליידער זענען געוואָרען אינגאנצען אדורך געווייקט, און ווען צירעל האָט איהם דערזעהן מיט די נאסע קליידלאך האָט זי איהם דערלאנגט מיט דער מאָפּ איבער'ן קאָפּ! . . .

ער איז דאן אָפּגעלעגען א גאנצע וואָך אין בעט . . .

איצט ווייזט אויס איז ער שוין געזונט געוואָרען און אָט לויפט ער דאָרטען מיט די קליידלאך — מיט'ן קוישעלע בלומען און מיט'ן ליד!

איהרע לאנדסלייט...

דערצעהלט מיר מיין שכנה:

דאָ צוריק מיט א פּאָר וואָכען קומט צו מיר אריין מיין א לאנדסליידי, מרס. צוקערמאן, און דערצעהלט מיר, אז זי האָט פּארדונגען א צימער, אָבער עס איז אין יענעם צימער ניטאָ קיין בעט און אזוי ווי מענשען האָבען א טבע צו שלאָפען אין א בעט, און אזוי ווי זי ווייסט אז ביי מיר איז גראד דאָ אן איבריג בעט וויל זי איך זאָל עס איהר לייען פאר א פּאָר מאָנאטען.

— גוט — זאָג איך — איהר קענט עס נעמען.

זאָגט זי, אז זי וויל עס אָנקוקען. פיהר איך זי אריין אין צימער וואָס איז איצט גראד אָפּגעשלאָסען און עס איז דאָרטען קעלטער ווי אין דרויסען, און זי נעמט זיך באטראכטען דאָס בעט.

איך פיהל אָבער ניט מיט אלעמען, שטיי איך און ציטער פון קעלט בעת זי נעמט זיך באטראכטען דעם מאטראץ, דעם „ספרינג„ און אזוי ווייטער.

ענדליך באשליסט זי, אז עס איז גוט און פיין, זי נעהמט עס, אָבער . . . זי וויל איהר מיסטער זאָל אויך כאפען א קוק !

אויפ׳ן צווייטען טאָג קומט אריין איהר מיסטער און לאָזט מיר וויסען אז ער איז געשיקט געוואָרען פון זיין מיסיס מכות דעם בעט ! . . .

איך פיר איהם אריין אין קאלטען צימער און ער נעמט זיך עקזאמעני־רען דאָס בעט, דעם מאטראץ און דעם ספרינג.

עס נעמט ניט לאנג און אויך זי קומט אָן, זיין מיסיס, מיין לאנדסליידי !

זיי ישוב׳ן זיך אביסעל און זיי פרעגען מיך צי האָב איך ניט אימיצען וואָס זאָל זיי דאָס בעט איבערטראָגען ! . . . ס׳איז ניט ווייט, אין גאנצען א ניין בלאָק !

זאָג איך, ווי דער אמת איז, אז איהר ווייס ניט ווער עס וועט זיך וועלען טראָגען מיט א בעט גאנצע ניין בלאָק, זאָגט דער מאן, אז דאכט זיך אז ער האָט עפּעס א באקאנטען וואָס וועט עס פאר איהם טאָהן. און זיי שטעהען ביידע אין קאלטען צימער און רעדען זיך אזוי געמיטליך, ווייל זיי טראָגען זייערע מאנטלען און איך שטיי אין געהאקטע צרות און ציטער פון קעלט, אָבער ס׳איז דאָך ביי מיר אין הויז, טאָ ווי קען איך זיי זאָגען, אז ס׳איז מיר קאלט ? ס׳וואָלט דאָך געהייסען אז איך גיב זיי דעם וועג.

שטעה איך און ווארט זיי זאָלען אויף מיר רחמנות האָבען, אָבער זיי האָבען צייט !

— ווי קומט עס וואָס איהר פארדינגט ניט דאָס צימער? — פרעגט פּלוצלונג מיין לאנדספרוי — מ׳קען דאָך איצט קריגען גוט באצאָלט פאר א צימער !״

— איך וויל ניט האָבען צו טאָן מיט קיין באָרדערס און וויל ניט קרי־גען גוט באצאָלט — ענטפער איך איהר.

זאָגט איהר מאן, אז ער האָט א באקאנטען וואָס זוכט א צימער, וואָלט איך איהם געמעגט פארדינגען.

זאָג איך : פארוואָס פארדינגט איהר איהם ניט אייער צימער ? זאָגט ער, אז זיין צימער איז שוין פארדונגען, דעריבער וויל ער מיר נארייען זיין באקאנטען . . .

דערווײלע דערפיהל איך אזוי קאלט, און עס נעמען מיר פשוט קלינגען די ציין אין מויל . ..

— קום וועלען מיר געהן, זעהסט דאָך אז עס איז איהר קאלט !״ — זאָגט ענדליך מיין לאנדספרוי צו איהר מיסטער, און זיי געהען ענדליך אוועק.

אויף מאָרגען קומט מיין לאנדספרוי און בעט מיך איך זאָל זיין אזוי גוט און בעטען מיין מיסטער ער זאָל העלפען איהר מיסטער איבערטראָגען

דאָס בעט, ס׳איז ניט ווייט, אין גאַנצען א 12 בלאָק פון דאַנען, זאָגט זי.
זאָג איך מיין מיסטער וועגען דעם בעט, וויל ער אפילו ניט הערען. ער האָט ניט קיין צייט און ניט קיין כוח טענה׳ט ער.
דערצעהל איך מיינע לאַנדסלייט וואָס מיין מיסטער זאָגט, זאָגען זיי, אז מיין מיסטער איז א שלעכטער מענש, וואָס וויל יענעם ניט טאָן קיין טובה פון דאַנען אהין.
זאָג איך: וואָס זשע ווילט איהר זאָל איך טהאָן, אפשר זאָל איך זיך מיט איהם גט׳ן ? !
אין מיטען דערינען קלינגט דאָס טיר־גלעקעל און זייער מיידעלע לאָזט זיי וויסען, אז דער מיסטער וואָס האָט געדונגען ביי זיי דעם צימער איז איבערגעפאָרען געוואָרען פון א קאר, און מ׳האָט איהם צוגענומען אין האָספיטאל ! . . .
ניט איך קען יענעם מאַן, ניט איך וויים ווער ער איז, אזוי אז כ׳האָב קיין אורזאכע איהם צו זיין א שונא, אָבער ווען איך האָב דאָס דערהערט האָב איך שיער ניט אויסגעשריען:
— דאַנקען גאָט — געלויבט איז זיין ליבער נאָמען !״
אָט אזוי פאַרענדיגט מיין שכנה איהר מאָנאָלאָג און גיט צו: „איך האָב עס אייך דערצעהלט ווייל איך בין זיכער אז עס וועט אייך צוניץ קומען ! . . .

אין א שטאַרקען פראָסט

ס׳איז געווען אין א שטאַרקען פראָסט.
איך בין געגאַנגען אויף מעין סטריט, און פונוויטענס באַמערקט, מיי־נע א לאַנדסליידי, אן עלטערע פרוי, וואָס האָט ליב א סך צו רעדען. און פיהלענדיג שטאַרק דערפרוירען האָב איך א טראַכט געטאָן, אז ס׳וואָלט גוט געווען אויף גיך אריבערצוכאַפּען, זיך אויפ׳ן געגענאיבערדיגען טראָ־טואר (סיידוואָק). ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט עס צו באַווייזען, האָב איך זיך געטרייסט, אז אין אזא שטאַרקן פראָסט, וועט מיין לאַנדסליידי, די עלטערע פרוי מאַכען די באַגעגעניש אויף „האָריאַפּ״, ווייל ס׳וועט פאַר איהר פשוט אונמעגליך זיין איינצושטיין לאַנג אויף די פיס.
העלאָו, חנה׳לע, וואָס טוסטו, ווי פילסטו אין געזונט?״ מיט אָט די ווער־טער האָט זי מיך באַגעגענט, איך האָב געענטפערט אז איך פיהל פיין, נאָר אין די גרויסע קעלטען, בין איך ניט קיין גרויסע העלדין . . . און איך האָב געפרעגט ווי זי פיהלט.
„איך בין ניט פאַר קיין שום מענשען געדאַכט א שברה כלי, איך לייד פאַר קיין מענשען געדאַכט, פון רומאַטיזם, צוקער און די נירען זיינען אויך

אָנגעגריפען, און טאָמער איז עס וועהניג איז מיין פלימעניצע, קענסט דאָך זי, מרס. מילץ, שוין זעקס וואָכען אין האָספּיטאל״.

שוין א פּאָר יאָהר, אז זי סאפּערט נעבאך, ניט פאר קיין שום מענשען געדאכט, אויף די „קידניס״ און איהר דאָקטאָר האָט עס, גאָר אָנגענומען פאר אן אנדער קרענק, איז זי געגאנגען צו איהם אזוי לאנג ביז ס׳האָט איהר דערעסען, און זי האָט באשלאָסען צו געהן צו אן אנדערען דאָקטאָר, און וואס זאָל איך דיר זאָגען? היטלער זאָל האָבען צו טאָן מיט די מאָנטרעאלער דאָקטוירים ! זיי וויסען דען עפּעס? זיי וויסען א קרענק ! מ׳קען ביי זיי קיינמאָהל ניט דורכקריכען וואו מ׳האלט אין דער וועלט ! איינער זאָגט „לעג זיך״, א צווייטער — „שטעה ניט אויף״.

אין אָלד־קאָנטרי א דאָקטאָר איז געווען א דאָקטאָר. ווען א דאָקטאָר איז אריינגעקומען צו א חולה, האָבען אלע אראָפּגענומען די היטלען, און ער אליין דער דאָקטאָר ,האָט זיך געהאלטען גרויס, קיין וואָרט קיין איבעריגס ניט אויסגערעדט צום חולה.

דאָ קומט אריין צו מיין שוועגערין דאָקטאָר זיפּענבלאָז, מאכט ער מיט איהר 10־יאָהריגע מיידעלע „דזשאָקס״ און האלט זיך צו יעדען איינעם ווי א „פּאָני בראט״ (גוטער ברודער) איז וואָס פאר א דרך ארץ קען מען האָבען צו אזא דאָקטאָר מ׳שטיינס געזאָגט !

איז זי איצט אין האָספּיטאל, מיין פלימעניצע מ׳האָט זי געשיקט אהין פאר „אָבסערוויישאָן״ הייסט עס אויפ׳ן דאָקטאָר לשון.

שוין זעקס וואָכען, אז זי ליגט אין האָספּיטאל, און די דאָקטוירים זוכען,

און דאָ דער מאן איהרער, מיט די קינדער נעבאך פלאגען זיך, ווייסט דאָך וואָס פאַרא באלעבאטישקייט עס ווערט, ווען די באלעבאָסטע ליגט אין האָספּיטאל ! מ׳זאָל באהיט און באשירעמט ווערען, ס׳איז אויף זיי א גאָט׳ס רחמנות !

נו, קום איך צו זיי אריין, פון צייט צו צייט, און מאך דעם אויוועז, שטעל צו א טעפּעל געקעכץ, אָבער איך אליין בין דאָך אויך א צובראָכענער שאר־בען, קוים וואָס די נשמה דערהאלט זיך אין מיר! וואָס־זשע קען איך מ׳שטיינס געזאָגט פאר זיי אויפטאָן ? פארגעס ניט, אז איך בין שוין ניט קיין מיידעלע, איך בין עלטער פון דיין טאטען, מיט פיר יאָהר ! . . .

וויפיל איז אלט דיין טאטע, זאָל געזונט זיין — ערשט ווי נעכטען, אז מיר פלעגען געהן צום טייך שפּאצירען: ער — א שעהנער בחור, א ליכט, און איך — א מויד אין זיבען פאָלעס. ער האָט שטארק געהאלטען פון מיר, דער טאטע דיינער, ווען דיין מאמע זאָל זיך ניט געווען אריינדרעהען אין מיטען, וואָלט איך גאָר אפשר געווען . . . דיין מאמע, אָבער ס׳איז ווייזט

אויס אָנגעצייכענט געוועזן מן השמים, אז דו זאָלסט זיין איהר טאָכטער ניט מיינע.

וואָס איילסטו זיך אזוי, ס׳איז דיר קאלט ? — מיר איז דען וואַרים, איך בין דאָך עפּעס עלטער פון דיר ! מיר זעהען זיך אזוי זעלטען, און אז מ׳באַגעגענט זיך, ווילט זיך נעמען א וואָרט אין מויל אריין.

האָסטו עפּעס בריוו פון דיינע עלטערן, וואָס שרייבען זיי?

אך ! א וועלט איז דאָס נאָר ווי א חלום . . .

ווען איך האָב ענדליך געוואָלט געהן, האָבען מיינע פיס זיך ניט געוואָלט רירען פון אָרט. ס׳האָט גענומען א היבשע ווילע ביז איך האָב זיך געריהרט פון אָרט ! . . .

א דערפאהרענע מיידעל

ס׳איז געוועזן שפּעט אין אווענט, ווען איך בין אהיים געגאנגען פון א מיטינג. אין גאס האָט מען זעלטען געזעהן אימיצען.

פאר מיר זיינען געגאנגען צוויי יונגע מיידלאך. איינע א הויכע, א בלאָנדע פון א יאָהר פערצען, די צווייטע א טונקעלע האָט אויסגעזעהן מיט א יאָהר עלטער.

ס׳איז מיר געוועזן אומהיימליך צו געהן איינע אליין ביינאכט אין א שפּעטער שעה, האָב איך זיך געהאלטען גאנץ נאָהענט צו די צוויי מיידלאך, און נישט ווילענדיג (און אפשר ווילענדיג) האָב איך זיך צוגעהערט, צו זייער שמועס.

די טונקעלע מיידעל וועלכע האָט אויסגעזעהן מיט א יאָהר עלטער פון דער בלאָנדער, האָט גערעדט מעשה אויטאָריטעט, בזה הלשון.

— דו געהסט מיט איהם אויס שבת אווענט, זאָלסטו איהם ניט לאָזען זיך צופיל וואוילגעהן, זאָלסט זיך ניט לאָזען קושען פון איהם, דאָס ערשטע מאָל, וואָס דו געהסט מיט איהם אויס !

זאָלסט וויסען ווי אזוי זיך צו „באהייווען״. איך קען זיי שוין די באָיס, דאָס ערשטע וואָס זיי גלייכען, איז כאפּען זיך קושען און אבי זיי ווערען מיט דיר גוט חבר, איז — אויס ! . . . זיי „דיסאפּירען״ (פארשווינדען).

אָט געה איך שוין אויס מיט סאָלי׳ן דריי וואָכען, און ער האָט מיר נאָך קיין איינציגען קוש ניט געגעבען ! „אימעדזשען!״

פארוואָס מיינסטו טהוט ער עס ניט, מיינסט, אז ער וויל ניט ? — ער וויל ! נאָר איך לאָז איהם ניט, „דאָט׳ס אָלל!״

און פארוואָס לאָז איך ניט ? וויל בעני מיט וועמען איך בין אויסגע־

גאנגען לעצטען יאָהר, האָט מיך גוט אָנגעקושט, און נאָך דעם איז ער פאַר־שוואונדען ווי אין וואסער אריין!

טאָ צו וואָס זאָל איך נעמען א טשענס און אויך סאַלי'ן פארלירען? כאָטש סערע האָט מיר דערצעהלט, אז זי איז אויסגעגאנגען מיט א באָי א לענגערע צייט, און האָט זיך פון איהם ניט געלאָזט א קוש טאָן, איז ער אויך פארשוואונדען. דער טייפעל ווייסט זיי, די באָיעס ווי אזוי מ'קען זיי האלטען, מ'ווערט אין גאנצען „מיקסטאפ!" . . . (צעמישט).

און הערי, מיינסטו, איז געווען בעסער? אויך ער האָט זיך גלייך נאָך דער ערשטער באקאנטשאפט מיט מיר געכאפט קושען!

אָבער הערי'ן האָב איך ניט געקענט רעפיוזען, ביקאָז ער איז „אירע־זיסטיבול" (שווער איהם אָפצוזאָגען הייסט עס).

אָבער רייטשעל האָט איהם ביי מיר סיי ווי צוגענומען.

איצט קושט ער שוין רייטשלען! . . .

(עס רייסט זיך ביי איהר ארויס א טיפער זיפץ . . .)

און מיין באָי האָב איך פארלוירען איבער אונזער „רומערקע", אָן על־טערע פרוי, וואָס האָט א טבע אוועקצולייגען דעם קאָרסעט אויפ'ן טיש!

ווייסט דאָך וואָס פאר אן אימפרעשאָן (איינדרוק) עס מאכט, ווען מען קומט אריין אין א הויז, און אויפ'ן טיש ליגט א קאָרסעט! . . .

איך פייט זיך אלע מאָל ארום מיט דער מיסיס, פאר וואָס זי לעגט איהר קאָרסעט אויף מיין טייבעל, און זי פארגעסט, און טהוט עס ווידער און ווי־דער! שווייגט א ווילע).

— און אפשר האָט ער אויפגעהערט צו קומען איבער עפּעס אן אנדער אורזאכע, אפשר אן אנדער מיידעל . . . „הו נאָוז?" (ווער ווייסט?) און זעה, אז דיין שוועסטערעל זאָל ניט קריכען אין פארלאָר, יעדעס מאָל, ווען דו זיצסט מיט דיין באָי פרענד דאָרטען . . .

די קיד'ס האָבען א טבע צו קריכען אין פארלאָר הונדערט מאָל א מינוט, און קוקען מיט שטיפעריש־פארדעכטיגטע אויגעלעך אויף דיין באָי פרענד און אויך דאָס מאכט ניט קיין איבריג גוטען איינדרוק!

מיין עלסי וועט ניט אריינקומען אין פארלאָר, ווען איך זיץ מיט א באָי־פרענד, ווען זי זאָל דאָרטען אפילו האָבען די לעצטע דאָלל וואָס זי פאַר־מאָגט.

זי איז מיר איינמאָל דערגאנגען די יאָהרען, ווי א „פיין אין טהע נעק" אריינברענגענדיג אין פארלאָר פיר חבר'טעס בעת איך בין געזעסען מיט הערי'ן אויפ'ן „קאוטש", האָב איך זי „געטיטשט א לעסאָן", אז זי וועט שוין פארזאָגען א צענטען — נאָ מאָר . . .

ביסטו שור אז איזידאָר וועט דיך טאקע דעם שבת אויסנומען? איך

פרעג עס, ווייל בעלא האָט מיר געזאָגט, אז ער האָט מיט איהר א דייט דעם שבת, טאָ ווייס איך ניט ווען ער נאַרט, בעלא'ן, צי דיר !״ . . .

אז ס'איז באַשערט, ווערט מען א העלד

דערצעהלט מיר א פריינט די פאָלגענדע געשיכטע בזה הלשון:

ווי איהר ווייסט בין איך דאָך א זעהר פארנומענער מענש, קען זיך קיינמאָל ניט דערלויבען צו נעמען א „וואקיישאָן״.

אָבער א מענש ווערט דאָך וואָס א יאָהר עלטער ניט יונגער. מ'ווערט שטארק מיד פון דער לאנגיאָריגער ארבייט, האָב איך דעם זומער ענדליך באשלאָסען, איינמאָל פאר אלע מאָל „צי איך קען יע צי איך קען ניט, איך פאָר ארויס פאר א וואָך אין קאַנטרי !

איך בין אָנגעקומען אין האָטעל ארום צווי אזייגער נאָך מיטאָג, און ווייל עס איז גראד געווען א שטארק הייסער טאָג, האָב איך באשלאָסען צו געהן צום ביטש און כאפען א שווים !

אָבער דער געגענד איז מיר אומבאקאנט, ווייס איך ניט וואו דער ביטש געפינט זיך : און ווי איך שטעה אזוי און טראכט, באמערק איך פון ווייטענס א מיידעל מיט א ביידינג קעפ געהט, טראכט איך אז זי געהט מסתמא צום ביטש, און איך נעם זיך איהר נאָכפאָלגען . . .

זי געהט. איך — נאָך איהר, זי פאָראויס איך — נאָך איהר אזוי לאנג און אזוי ברייט, ביז עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז איך האָב קיין טעות ניט געמאכט : מיט א צען מינוט שפעטער זענען מיר ביידע אָנגעקומען צו א ביטש, וואו עס האָבען זיך געשפילט עטליכע קינדערלאך אין ביידינג סוטס און גלייכצייטיג האָבען זיך געפליאסקעט און געגראגערט עטליכע פרויען, און דער טומעל איז א גאנץ געשמאקער !

קיין איינציגען מאן זעהט מען ניט פאר א רפואה ! . . . מ'זעהט נאָר אייבי'ן, דעם ווייטער פון האָטעל, אויף וועלכען מ' זאָגט אז ער איז א שטיקל עקטער, א שטיקעל מאלער און א גאנצער ווייטער, אָבער ער באָדט זיך ניט, נאָר זיצט אויף א שיפעל, און קוקט אריין אין א צייטונג . . .

די מיידעל געהט אריין אין וואסער — איך — נאָך איהר, א ברירה האָב איך . . . עס קומט מיר אפילו ניט אויפ'ן געדאנק, אז מיט א פאָר מינוט שפעטער וועל איך מיט איהר האָבן „צו זינגען און צו זאָגען!״

„אייבי, זאָל איך קומען אויפ'ן שיפעל?״ שרייט אויס די מיידעל.

— קום אהער ! — ענטפערט ער, און עס קומט איהם ווייזט אויס ניט אויפ'ן געדאנק אז די מיידעל קען אפשר ניט שווימען און די וואסער איז דאָרט טיף. זי מאכט א פאָר שפאן און נעמט זיך . . . טרינקען ! . . .

די ווייבער קוויטשען און אלעמענס אויגען זיינען געווענדעט צו מיר !
ס'זאָל הייסען : מיר טוען וואָס מיר קאָנען, מיר קוויטשען און דו ביסט א מאַן, לויף ראַטעווען די מיידעל !

איך בין אין גרויס פארלעגענהייט, איך ווייס אז איך נעם דאָ א גרויסען טשענס, ווייל איך בין זעהר א קליינער שווימער, און עס ווילט זיך מיר נאָך לעבען, ס'איז דאָך ערשט מיין ערשטער וואקיישאָן, מ'שטיינס געזאָגט . . .

איך האָב אָבער מורא פאר די ווייבער וואָס קוקען אויף מיר פון אלע זייטען, און . . . איך נעם זיך יאָגען ראַטעווען די מיידעל !

איך ווייס אז א טרינקענדען איז ראַטזאם אָנצוכאפּען ביי די האָר, טראָגט זי אָבער אויפ'ן קאָפּ א שטייף אָנגעצויגענע „ביידינג קעפּ" פון דעם סאָרט קעפּס וואָס קאַרמען מיראַנדאָ אין די מאָוויס, טראָגט, ווי אזוי זשע קען איך זי שלעפּען ?

ענדליך האָב איך זי אָנגעכאַפּט ביי די הענט, אָבער זי שלעפּט מיך צום גרונט . . .

אין קאָפּ זשומעט מיר, דאָס הארץ קלאַפּט שרעקלעך, איך ראַנגעל זיך מיט אלע כוחות, ביז גאָט האָט געהאָלפען, איך האָב זי ארויסגעשלעפּט צום ברעג !

איז דאָך שוין גוט — טויג ער ערשט ניט ! די מיידעל פארוואַרפט מיט'ן קאָפּ און נעמט חלש'ען !

אָבער דאָס איז שוין פאר מיר געווען א קאַפּעטשקע צו פיל, האָב איך א געשריי געטאָן מיט אלע כוחות, אייבי !

אייבי, וועלכער האָט זיך די גאַנצע צייט אויפגעפיהרט ווי די גאַנצע זאַך האָט מיט איהם כלל ניט וואָס צו טאָן האָט זיך ארויסגערירט פון שיפּעל, און ער האָט איבערגענומען די מיידעל אין זיינע הענט. זי אוועקגעלייגט אויפ'ן גראָז און גענומען זי באהאנדלען לויט די מעטאָדען וואָס ווערען אָנגעווענדעט מיט אימיצען וואָס מ'שלעפּט ארויס פון וואַסער, וואו ער אָדער זי טרינקט זיך.

אָט אזוי איז מיר ווייזט אויס באַשערט געווען, צום ערשטען מאָל פון מיין וואקיישאָן, צו ראַטעווען א מענשענס לעבען, און די געסט פון האָטעל זאָלען מיך קרוינען מיט'ן נאָמען העלד !

אנדערש וואָלט זיך מיר דאָך ניט געווען געגלוסט נאָכצופאָלגען דער מיידעל צום „ביטש!" . . . פארענדיגט מיין פריינט די געשיכטע.

די פּלאָפּלערקע...

ס׳איז געווען אויף עספּלאַנייד סטריט וואו איך האָב זי באַגעגענט די שעהנע קליינע מיידעלע.

זי איז געגאַנגען פאַרטראַכט און גערעדט צו זיך אליין . . .

„העלאו״ האָב איך זי באַגריסט.

זי האָט מיר געענטפערט מיט א ברייטען שמייכעל בזה הלשון :

— העלאָ, איך וואַרט אויף מיין פרענד, סילוויא הייסט זי, זי איז אַריינגעגאַנגען עסען סאַפּער, בין איך אליין, און האָב זיך ניט מיט וועמען צו שפּילען, איך האָב שוין אָפּגעגעסן סאַפּער, און סילוויא וועט באַלד אַרויסקומען. זי האָט מיר געפּראָמיסט צו קומען, אָבער איהר מוטער פאַרהאַלט זי צומאָל צו לאַנג ווייל זי וויל, אז סילוויא זאָל אויפעסען אַן איי, זי מוז, זאָגט זי, אויפעסען אַן איי, אַנדערש וועט זי ניט זיין שטאַרק און וועט ניט זיין קיין גוטער סקאַלאַר, אָבער סילוויא האָט אַזוי פיינד אַן איי, טעריבעל !

און איך האָב ליב אַן איי אָבער איך האָס מילך ! מיין מוטער וויל איך זאָל טרינקען א גאַנצען טאָג מילך ! דזשי, האָב איך פיינד מילך דזשאָסט ווי פּויזען ! מיין קליין ברודערל טרינקט מילך פון א באָטעל !

ער איז אַזוי „פּאָני״ מיין קליין ברודערל. ער איז ערשט פינף וואָכען אַלט ! און זיינע הענטעלאַך זענען אַזעלכע קליינינקע ווי אייזקרים לעפעלאַך ! אָ, זאָלסט איהם אָנקוקען וואָלסטו אַזוי געלאַכט !

ער איז וואָנדערפול ! אָבער ווען ער וועט אויסוואַקסען וועלען זיינע הענטעלאַך ווערען גרויסע ווי ביי מיר. ער איז אַזאַ ווייכינקער ! ווען מיין מוטער באָדט איהם האָבען מיר אַזוי פיל פאָהן ! קום אַריין צו אונז וועסטו איהם אָנקוקען !

דו האָסט קיין צייט ניט ? — טאָ וואו וואוינסטו, איך וועל זאָגען מיין מוטער זי זאָל געהן אין דיין הויז, און איהר וועט ווערען פרענדס.

מיין מוטער האָט א סך פרענדס: ענטי דזשעני, ענטי בעלאַ, קאָזין סערא, מרס. פּוירל און נאָך, און נאָך . . .

זאָלסטו קומען ווען מיין מוטער באָדט ראַלפּ׳ן וועסטו האָבען א סך פאָהן!

דזשי, מיין מוטער טראָגט פּונקט אַזאַ זומער־מאַנטעל ווי דו, נאָר מיט א בלויער בלום, דיינע איז א ווייסע . . .

זעהסט ניט די בלום וואָס איך טראָג, ס׳האָט זי מיר געגעבען מיין קאָזין סערא. זי האָט א העט־סטאָר מיט אַזוי פיל פאַרשידענע בלומען . . . אַלע קאָלירען : רויטע, גרינע, בלויע, ראָזע, פּוירפּעל און וואָס ניט !

מיין מוטער געהט מיר קויפען א „וועלוועט״ (סאַמעט) דרעס, פּונקט אַזאַ ווי סילוויא האָט ! אָבער איצט איז נאָך זומער און עס איז צו וואַרים צו

טראָגען א װעלװועט דרעס װען עס װעט װערען קיהלער װעט זי מיר קויפען!
און מיין פּא געהט מיר קויפען א בייבי קערעדש פאר מיין דאָל . . .
כא־כא־כא ! איך האָב א דאָל איז זי אזוי גרויס װי ראלפי . . . מיין פּא זאָגט,
ער װעט מיר קויפען דעם קערידזש אין נאָװעמבער, דעמאָלט איז מיין געבורטס־טאָג, װעט עס זיין א געבורטס־טאָג מתנה !
ס׳איז פארביי געגאַנגען דעם קינד׳ס א שכנה און האָט מיך אָנגעקוקט . . .
„זי קען מיך נאָך אָננעמען פאר א קידנעפּער!״, האָט זיך אדורכגעטראָגען אין מיין מוח . . .
איך האָב זיך אויף גיך געזעגענט מיט דער קליינער ליבער פּלאפּלערקע, װעלכע האָט מיט איהר רעדען געקענט „פּארשטעקען אין גארטעל״ א מיטעל יעהריגע מיסעס און בין מיט שנעלע טריט אװעק . . .

ענדליך זיך פארשטענדיגט

מוטער : נו, װי האָסטו עפּעס פארבראַכט נעכטען מיט דיין פריינט?
בעסי : נאָט בעד עט־אָל, ניט שלעכט.
מוטער : איז ער עפּעס אן אינטערעסאַנטער, סאלי?
בעסי : כא־כא־כא ! ער האָט מיר דערצעהלט אָט װאָס :
זיין חבר האָט אויסגענומען א מיידעל צו עפּעס א שרעקליכער מואװי, דאכט זיך דראקולא׳ס טאָכטער, הייסט די „שאו״, האָט זיך די מיידעל אזוי דערשראָקען, אז זי האָט איהם ארומגעכאַפּט און זיך איינגעקלאַמערט אין איהם מיטביידע הענט פאר שרעק ! . . . נאָכדעם רופט ער מיך צו אזא סאָרט מואװי . . . „איך בין אָבער ניט פון די שרעקעדיגע!״ . . . זאָג איך איהם: „אויב אזוי לוינט זיך ניט צו געהן צו דער מואװי, ענטפערט ער . . .
מוטער : טאָ װאו זענט איהר געװען ?
בעסי : מיר זענען געפאָהרען אין בעלמאָנט פּארק זעהן פארשידענע חיות.
מוטער : הם . . . און אין פּארק איז ניט געװען עפּעס אזעלכעס, װאָס זאָל דיר האָבען דערשראָקען ? ! . . . כ׳מיין א טיגער, א העלפאַנט און דאָס גלייכען ?
בעסי : װעל . . . דערצעהלט דו מיר פריהער דיינע אַפּעירס, װען דו ביסט געװען א מיידעל, װעל איך דיר דערצעהלען מיינע ! . . .
מוטער (אין פארלעגענהייט) : הם . . . מיינסט, אז איך קען געדענקען? ס׳איז שוין אזוי לאנג . . . פון מיר האָסטו ניט װאָס צו נעהמען נאָטיס, דו באטראכסט דאָך מיר סיי װי פאר א גרינהאָרן״ . . .
בעסי (פארזשמורעט שטיפעריש די אייגעלאך) : איך גלויב קוים אז דו ביזט געװען א גרינהאָרן אין דעם הינזיכט ! . . .

מוטער (שוין מער ערנסטער ווי שפּאַסיג): נעוועד מיינד, פון מיר נעהם זיך ניט קיין ביישפּיל! אויב אַ בחור בעהייוועט זיך ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין, גיב איהם גלייך דעם וועג!...

בעסי: ווער זאָגט אַז ער האָט זיך בעהייוועט ניט ווי ס'באַדאַרף צו זיין?! ניין' כ'וועל איהם ניט געבען דעם וועג, סיידען ער וועט איהם אליין נעהמען!

מוטער (אביסעל צושראָקען): פאַרוואָס זאָל ער זיך אליין נעהמען דעם וועג?

בעסי: אויב איך זאָל זיין צו איהם צו שטרענג, קען ער איצט קריגען א מער צוגעלאָזענע מיידעל! דו פאַרגעסט, אַז מיר זענען אין מלחמה און „קאַמ־פּעטישאַן" איז גרויס! יעדער מיידעל גלייך ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט א בחור כאַפּט איהם פיקסען די טאַי!! וועלכען בחור זי זאָל ניט באַ־געגענען טראָגט ער ניט ריכטיג די מאַי און זי כאַפּט זיך איהם פיקסען!"...

מוטער (טראַכט א ווײַלע, און מיט א ווייכערען טאָן): איך זאָג דיר דען, אַז דו זאָלסט איהם געבען דעם וועג — פאַרוואָס זאָלסטו עס טאָן? דו מעגסט אויך אמאָל פיקסען אימיצען די טאַי, אָבער דאָס איז גערעדט ווען דו זעהסט, אַז זי איז טאַקע שטאַרק אין א זייט, אָבער ווען זי איז אין אָרדנונג טאָ וואָס דאַרף מען יענעם באַדערען?

בעסי: זיי גלייכען אָבער די באָיעס ווען מ'באַדערט זיי, נאָ מעדער, צי מען דאַרף צי מ'דאַרף ניט פיקסען... מיינע א חברטע זאָגט, אַז איהר באָי־פרענד טוט אומיסטען אָן די טיי פאַרדרעהט אין א זייט און ווען זי פיקסט זי, טוט ער זי ווידער א שלעפּ אוועק אָן א זייט!...

מוטער: כ'ווייס, דו ביסט שוין ניט קיין בייבי, ביסט שוין זעכצעהן יאָהר' א „סוויט סיקסטין" און פאַרשטעהסט שוין מסתמא מיט וועמען און ווי אזוי מ'מעג פאַרברענגען, יו סי... דו ביסט דאָך ניט קיין... גרינהאָרן!

בעסי: אָף־קאָורס, מיר זענעןביידע ניט קיין גרינהאָרנס. דו אויך ניט. דידנט אַי טעל יו סאָ?

א היימיש שטיקעל ברויט...

קעגען דעם וואָס איהר זאָגט „דער מאָגען", אלע אומגליקען נעמען זיך פונם באָגען!

מענשען געהען פון דער וועלט פאַר דער צייט אלץ איבערן מאָגען! און פון וואָס, מיינמט איהר, נעהמט זיך א מאָגען קריינק? — פון דעם היגען ברויט. ס'היגע ברויט הרג'עט אוועק דעם מאָגען! ס'היגע ברויט אָפּגעבאַקען אין די בעקערייען כאַפּ־לאַפּ, ווי מ'זאָגט „מאשינאָווע ברויט"!

געדיינקט איהר אין דער אלטער היים דאָס היימישע שטיקעל ברויט? —

א היימיש שטיקעל ברויט, א היימישע חלה, א היימישער „פיפּאַלעק" מיט שמאלץ באשמירט און מיט קנאָבעל אָנגעריבען — טעם גן עדן איז דאָך עס געווען!

אין דער אלטער היים פלעגט מען קיין מאשינאָווע ברויט ניט עסען!

אין דערהיים פלעגט מען, פארשטעהט איהר מיך' אליין ארויסגעהן אויפן מארק איינקויפען קודם ס׳מעהל, נאָכדעם האָט מען דאָס מעהל אי־בערגעזיפּט אויף א זיפּ איבער א מולטער, אָפּגעקאָכט קארטאָפּעל און אריינ־געוואָרפען אין דער מולטער, געוואַרט ביז ס׳האָט זיך אָפּגעקיהלט און אריינ־געוואָרפען הייוועז אין מולטער. מען האָט פארקנאָטען א „ראָשטשענע" און איבערגעדעקט מיט א טישטוך ס׳זאָל יורען איבער נאכט.

אויפן צווייטען טאָג גיסט מען צו, וואסער אין מולטער און מ׳פארמישט דאָס גאנצע מעהל מיט וואסער, קארטאָפּעל און הייוועז און מחילה מיט דער האנט געקנאָטען און געקנאָטען עס זאָל חלילה ניט ארויסקומען קיין לעפּקע ברויט, און ווען די ערשטע האנט האָט שוין געבראָכען פון מידקייט האָט מען גענומען אין דער ארבייט אריין די צווייטע האנט! פארקנאָטען דעם מולטער ברויט, נעהמט מען זיך אָנהאקען האָלץ! נאָכדעם הייצט מען איין דעם אויוועז, און אויב די האָלץ איז ניט טרוקען, מוז מען בלאָזען און בלאָזען אזוי אז מ׳בלאָזט שיעור ניט ארויס די נשמה, ביז עס צוברענט זיך דער אויוועז! און ווען ס׳האָט זיך שוין גאנץ גוט צוברענט אין אויוועז, צושפּרייט מען מיט א קאָטשערע דאָס פייער איבער דער גאנצער לענג און ברייט פון אויוועז, און ערשט ווען דער אויוועז איז שוין גוט אָנגעהייצט, שארט מען ארויס די גאנצע קויהלען און מ׳נעהמט זיך איבערמאכען די ברויט. מ׳שניידט מיט א מעסער שטיקער טייג און מ׳טראָגט עס אויפן לאָק־שען ברעט און מ׳קנעט עס איבער מיט מעהל קיילעכדיג. נאָכדעם' לייגט מען אויס די ברויטען אויף א קישען אויפגעשפּרייט מיט א טישטוך. דאן דעקט מען צו מיט אן אנדער טישטוך און פון אויבען לעגט מען א קאָלדרע ס׳זאָל זיך ווארימען און נאָכדעם לייגט מען די ברויט אויף א לאָפּעטע, באשמירענ־דיג יעדער ברויט מיט וואסער און שווארצע טשערנישקע אָדער קימעל און „מ׳זעצט עס אריין" אין אויוועז! און מיט א שטונדע שפּעטער . . . נעהמט מען ארויס אָפּגעבאקענע ברויט! דאָס היימישע שטיקעל ברויט!

גאנץ אָפט קומט ארויס א ברויט צוגעברענט, ווייל עס האָט זיך געבאקען אויף א צו אָנגעהייצטען אָרט.

גאנץ אָפט קומט ארויס א ברויט רויהלאך, ווייל ס׳האָט זיך געבאקען אויף א צו קיהלען אָרט.

צו מאָל איז די מעהל געווען צו אלט, איז דאָס ברויט ארויסגעקומען ביטערלאך.

צו מאָל איז די הייוועז געווען ניט פריש האָט דאָס ברויט ניט „גע־וואָלט" אויפגעהן . . .

צו מאָל האָט דער וואַסער פיהרער ניט געבראַכט קיין וואַסער האָט מען באַדאַרפט געהן צו דער קרעניצע און ברענגען א פּאָר עמער וואַסער . . .

גאַנץ אָפט איז געווען א טיפע בלאָטע, און פון אויבען האָט געחלאַפּעט א רעגען, האָט מען געמוזט אָנטאָן א פּאָר שטיוועל מיט הויכע כאַליוועס !

צו מאָל אין דער קעסעל אריינגעפאַלען אין קרעניצע און מ'האָט באַ־דאַרפט זוכען אימיצען וואָס האָט אַזא ספּעציעלען „אָטשעק", מיט וועלכען מען קען ארויסציהען אַן עמער. אָט אַזוי מיין פריינט, האָט מען געבאַקען ברויט אין דער אַלטער היים !

נו' איז שוין א וואונדער, וואָס דאָס היגע שטיקעל ברויט האָט קיין טעם ניט ? ס'קומט דאָך אָן אַזוי גרינג, און אַלץ וואָס קומט אָן גרינג איז ניט אַזוי טייער ווי דאָס, וואָס קומט אָן שווער ! ניט אַזוי ?

א י ן ר ע ד א ק צ י ע

העלאָ, מר. רעדאַקטאָר, כ'האָבּ די עהרע. מיין נאָמען איז זלמן ביק און איך שרייב . . . געקומען צו מיר איז דער טאַלאַנט מיינער נאָך אין די פריהסטע יאָהרען, ווען איך בין נאָך געווען ניט פאר איך געדאַכט א צוציק, א שנעק.

איך פלעג באַשרייבען מיט קרייד די טירען, פענסטער און ווענט און קריגען פון מיין מוטער די בעסטע פעטש !

איצט ווען איך בין שוין א דערוואַקסענער און געפין זיך אָט דאָ אין אייער אמעריטשקע האָב איך זיך געקויפט א גראָסערי און גענומען פאַר־שרייבען די חובות פון די קאַסטימער. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז . . . איך בין געבליבען אָהן געלט און אָהן סחורה. האָב איך גענומען זוכען א קאַס־טימער אויף די ביזנעס, אָבער איר ווייסט דאָך ווי מ'זאָגט : „ניט אַזוי גרינג טהוט זיך ווי עס רעדט זיך".

ס'איז מיר ממש אָנגעקומען מיט גרינגע ווערים ביז איך האָב ענדליך געפונען א יאָלד וועלכער האָט ביי מיר אָפּגעקויפט די גראָסערי.

איצט ארבייט איך א דאַנק גאָט און מאַך א לעבען.

און אז מ'מאַכט א לעבען ווערט מען פרעהלאַך, און אז מ'איז שוין פרעהלאַך, נעהמען דאַן קריכער אין קאָפּ אריין פאַרשידענע משוגעת'ן, האָב איך זיך ווידער דערמאָנט אין מיין טאַלאַנט, און איך שרייב שוין ווידער!

איהר האָט אין דעם ווערק מיינעם פון הערצען און געדענקען.

פאַר מיר שרייבען איז ווי פאַר מיין גיטלען קאָכען א יויך, א ראָסעל, א סטייק׳ ווארעניקעס, קרעפּלאך א. אז. וו.

אין מיין ראָמאן וועט איהר געפונען פון אלץ און אלעס: פון ציוניזם, פאשיזם, קאָמוניזם, אָפּטימיזם, פעסימיזם, פון פלאטאָנישער ליבע, מוטער ליבע, פאָטער ליבע, אייגענליבע און וואָס ניט ? !

איך האָב א שוועסטער אין בראזיליען שרייבט זי אויך.

מ׳זאָגט יאקבי, אז זי איז א גרעסערער טאלאנט פון מיר אפילו !

איך האָב דאָ פאר א טשיקאוועסט מיטגעבראכט איהרע זאכען איהר זאָלט א קוק טאָן.

אמאָל נאָך קינדוויז האָט זי אָנגעשריבען א דערצעהלונג וועגען קנישעס, איז עס געווען אזוינס און אזעלכעס.

ווייבער האָבען געוויינט און מענער האָבען געלאכט ווען מ׳האָט דאָס פאָרגעלייענט, און עס האָט זיך געטאָן דערמיט אויף טיש און אויף בייני.

אלזא, איהר קענט מיין ראָמאן דרוקען ווי ער שטעהט און געהט אפילו אין פאָרטזעצונגען. עס מאכט פאר מיר ניט קיין אונטערשיד, אזוי לאנג ווי איך בין זיכער, אז די לעזער פאַסמאַקעווען זיך מיט איהם און שלינגען יע־דעס וואָרט . . .

וואָס איז דער מעהר, פאניע רעדאקטאָר ! וואָס זענט איהר עפּעס אזוי בלאס געוואָרען ? איהר פיהלט עפּעס ניט מיט אלעמען? — אפשר פאָרלייע־נען פאר אייך א פּאָר קאפּיטלאך פון מיין ראָמאן ? קכע, קכע׳ קכע . . . ס׳איז געווען א זון מיט א רעגען, ס׳האָט אויך געבלאָזען א ווינט. ריווע לאה קוקט ארויס פון פענסטער צוואוויגענדיג איהר ליב קינד. די פייגעל זינגען, די קלויסטער גלעקער קלינגען . . . וואוהין לויפט איהר, פאניע רעדאק־טאָר ? . . . ווייסט איהר גאָר וואָס, גיט מיר אייער הויז אדרעס, וועל איך צו אייך אריינקומען מאָרגען פריה.

איהר וועט זיין אן אויסגערוהטער וועט איהר קאָנען אויסהערען דעם גאנצען ראָמאן פון אלף ביז תיו ! . . .

ביים טעלעפאָן

העלאו, העלאו ! ס׳איז איך. וואָס, איהר דערקענט מיך ניט ? א וועהטאָג איז מיר, שוין דריי מאָל אז איך רינג און די לאין איז ביזי. העלאו ! איהר האָט שוין געהערט, מר. ברען האָט אריבערגעבראכט זיין מיסעס מיט די זעקס קינדער ?

אוי, וואָס ווייסט איהר, וואָס דאָרטען טוט זיך ! א טומעל, א יאריד, אז מ׳קען פון זינען ארונטער.

מרס. פיינער האָט מיר מאָנטאָג אָפּגערונגען, אז זיי זיינען דאָ. איך מיין דינסטאָג האָט זי מיר אָפּגערונגען, און אפשר טאקע מיטוואָך (אז איך האָב לעצטענס באקומען א קאָפּ, וואָס קען גאָר ניט געדענקען). ס'איז געווען דינסטאָג, יע, דינסטאָג, דינסטאָג קומט דער אינשורענס מאַן צו מיר קאָ־לעקטען, און איך דערמאָן זיך, אז ער איז אָנגעקומען פּונקט ווען איך האָב גערעדט מיט איהר, מיט מיסעס פיינער אויפ'ן טעלעפאָן.

איך בין גלייך אוועק זיי זעהן און טאקי אָפּגעהמען א גרוס פון מיינע אייגענע אין אָלד קאָנטרי. נו, נו, טוט זיך דאָרטען א יאריד, אז מ'זאָל באהיט און באשירעמט ווערען ! . . .

מ'הערט דען וואָס מ'רעדט ? מיין שוועגערין, פייגע־רבקה, האָט שוין נאָך צוויי צווילינגס, דערצעהלט זי. און פּעסי ראצע חיימ'ס ברוך'ס האָט זיך געַ'גט מיט'ן מאַן. איהר געדענקט טשארנע די זאָקן־מאכערין וואָס פלעגט זיך שפּילען מיט שיקסעס, איז זי אָנטלאָפען און מען ווייסט ניט וואו איהר געביין איז אהינגעקומען, און מיין מומע רייזי האָט חתונה געמאכט עטי די שטומע ! . . .

אוי, מרס. פעפער, ווען איהר זאָלט זיך דורכגעהן און א קוק טאָן, וואָס דאָרטען טוט זיך ! די גרינע קינדער זיינען עפּעס אזעלכע ווילדע באשעפע־נישען, אז ס'איז א שרעק. און זי אליין, מרס. ברען, איז גרין ווי א זשאבע און האלט אין איין שלוקערצען. מ'האָט געמוזט ברענגען צו איהר דעם דאָק־טאָר. האָט ער, זי באטראכט און זאָגט, אז ס'איז איהר געקומען פונ'ם ים.

„אבי איך ווייס שוין אז פון ים, האָט מיך א גליק געטראָפען!" רופט אויס מיסטער ברען. נעכטען זאָגט זי צו איהר קליין אינגעלע : „מאָטעלע געה, זוהן און ברענג מיר א טרונק וואסער".

געהט ער און ברענגט א גלאָז וואסער. זי גיט א טרונק און, גאָט מיינער, האָט איהר שוין געמעגט אָנקוקען א צורה זי האָט זיך אזוי פארקרומט, אז מיר האָבען זיך אלע איבערגעשראָקען. גזלן וואו האָסטו גענומען דאָס וו־א־אך-סעררר ! . . . האָט זי איהם א פרעג געטאָן מיט א שרעקליכען שלוקערץ. קען ער דאָך נעבעך ניט רעדען, דער קליינער ענטפערט ער אויף זיין לשון, א לעבען אויף זיין קאָפּ, „בליא?בליא קניש".

זי פארשטעהט אָבער ניט וואָס ער מיינט, שרייט זי אויף איהם, ער זאָל איהר פיהרען, צייגען פון וואנען ער האָט גענומען דאָס וואסער, און ווען ער האָט איהר צוגעפיהרט צום פלאץ און געצייגט — איז איהר פינסטער גע־וואָרען אין די אויגען ! . . .

איהר זאָלט זיין מיט טויזענט קעפּ וועט אייך ניט איינפאלען וואו דער קליינער האָט גענומען דאָס וואסער . . . שרייט זי דאָך מסתמא אויף איהם, פארוואָס ער האָט ניט גענומען פון „סינק".

ענטפערט ער : „בליא, בליא קניש׳׳ און צייגט אז צום סינק קען ער ניט דערלאַנגען. א לעבען אויף זיין קאָפּעלע, ס׳איז דאָך אזא טייער אינ־געלע, אז מ׳דארף זוכען אזעלכעס אויף א וועלט, און מ׳וועט ניט געפינען אזא חכם גדול ! . . .

מרס. בעסיק, ביי וועלכער זיי וואוינען דערווייל, געהט ארום מיט אן ארומגעבונדענעם קאָפּ און שרייט, אז זי וועט זיך אראָפּוואַרפען פון דריי־טען פלאָר, אויב זיי וועלען ניט ארויסמופען. זי האָט ניט געוואָלט אז מר. ברען זאָל אריבערברענגען זיין פאמיליע האָלטוגעדער, זי האָט זיך איהר „ריזאָן׳׳.

און ער, דער בעל שמחה אליין, קוקט אויס פינסטער ווי די נאכט. א שעהנערען לעגט מען אין דער ערד אריין.

ער ווייסט ניט אויף וואָס פאר א וועלט ער איז, ס׳וואַרפט איהם ווי אין א קדחת. פון זינט זיי זיינען געקומען האָט ער נאָך אין קיין לאָוו סטאָרי מיט קיין אויג ניט אריינגעקוקט. ס׳איז א גרויס רחמנות אויף איהם, עפּטער אָל איז ער דאָך ניט שולדיג וואָס גאָט האָט איהם באשאַפען מיט א ראָ־מאַנטישער נשמה . . . ער איז שרעקליך ראָמאַנטיש, איז ער, היינט זיין זינ־גען „אָטשי טשאָרניא׳׳, עס איז עפּעס אזוינס, וואָס לאָזט זיך גאָרניט אין ווערטער איבערגעבען . . . איך האָב איהם איינמאָל געהערט זינגען אָט דאָס ליד „אָטשי טשאָרניא׳׳ — אויף א פארטי איז דאָס געווען — האָט ער פארלעגט דעם קאָפּ אויף א זייט, פארגלאָצט די אויגען און גענומען זינגען, איך בין אזוי באצויבערט געוואָרען, אז טרעהרען האָבען זיך געגאָסען פון מיינע אויגען. איך האָב זיך פליין צוכליפּעט ווי א קליין קינד. מ׳האָט זיך דערשראָקען, און מ׳האָט מיך ארומגערינגעלט און געגעבען וואסער, אָבער וואָס מעהר זיי האָבען זיך באמיהט מיך צו בארוהיגען, אלץ מעהר האָב איך געקוויטשעט . . .

ס׳איז מיר שוין געגאַנגען אין אמביציע, „ווייל איהר ווילט איך זאָל שווייגען, וועל איך דוקא קוויטשען׳׳, האָב איך ביי זיך געטראכט. מיין מאַן האָט געהאט מיט מיר סאָם דזשאָב ביז ער האָט מיך אהיים געבראכט ! און נאָך דעם האָב איך ערשט געהאט די אמת׳ע טראָבעל: מיין מאַן איז גע־וואָרען אייפערזיכטיג און מיך גענומען יאדען, למאי איך האָב ליב מר. ברען !

וואָס איך גיב איהם ניט צו פארשטעהן, אז איך בין ניט שולדיג, אז א הארץ איז א הארץ א. אז. וו. אָבער ער שרייט : „הארץ, שמארץ ! שלאָג דיר ארויס פון קאָפּ די אלע קונקול־מונקעל ביזנעס : דו ביזט א פארהייראַטע פרוי, האָסט א מאַן, זאָל געזונט זיין, ניט אָלע מענער קאָנען זינגען „אָטשי טשאָרניא׳.. אויב מר. ברען קען — איז איהם גוט. אָבער וואָס זאָלען טאָן די טויזענטער און טויזענטער מענער וואָס קענען ניט ? זאָלען זיי זיך אויס־

שעכטען צו אלדע שווארצע יאָהר, צו וואָס ? און ער קלאפּט אין טיש אריין . . .

העלאו, העלאו ! איך וויל ביי איך דעם אדרעס פון מיסעס דינאמיט, איך האָב געהערט, אז זי האָט א הויז צו פארענטען. אפשר וועט עס זיין פּאַ־סיג פאר זיי, — העלאו ! וואָס איז דאָס פאר א צרה, זי זאָל האָבען פארהאקט דעם טעלעפאָן ? . . .

הומאָרעסקעס

קינדער

אין א פרייען טאָג פון לערנען, שלאָפען די קינדער, בעני 10 יאָהר אלט און פעני 9 — שפעט.

זיי קומען אריין אין עס־צימער ארום האלב נאָך עלף.

דאָס ערשטע וואָס בעני טוט איז: ער שפריצט אָפּ פעני׳ן מיט וואסער בעת׳ן וואשען זיך. וויל זי עס ניט ליידען און זי לאָזט זיך איהם מכבד זיין מיט א פּאטש. אנטלויפט ער און לויפענדיג קערט ער איבער א שטוהל. לאָזט זיך די מוטער נאָכלויפען און זי בעט זיך מיט א שוואכער מידער שטים: „קינדער, הערט אויף ארומיאָגען, קינדער האָט אויף מיר רחמנות, קומט שוין אמאָל אריין אָפּעסען ברעקפעסט; ס׳איז דאָך שוין דינער־טיים!" אָבער יונג־ווארג לאכט און מאכט זיך פון דער מאמע׳ס רייד א קליינעם וועזען.

נאָכדעם הויבט זיך אָן א סדרה ברעקפעסט: מ׳עסט און מ׳לאכט, ער גיט איהר א בריק מיט׳ן פוס אונטער׳ן טיש, די מוטער זאָל ניט זעהן, קערט זיך איבער איהר גלאָז מילך און גלייך אויפ׳ן קלײדעל. מישט זיך ווייטער אריין די מאמע און גאָט העלפט, מ׳קומט איבער דעם ברעקפעסט.

— לאָמיר זיך שפּילען אין פּרוכט סטאָר — שלאָגט פאָר בעני — געה׳ נעהם ביי דער מאמען א פּאָר פּערס און אָרענדזשעס, און איך וועל נעהמען עפּעל און גרעיפּס, וועט ווערען א פּרוכט סטאָר. איך וועל זיין דער באָס און דו וועסט קומען צו מיר קויפען.

—די מאמע וועט ניט געבען גענוג, מיר דארפען אליין נעהמען — זאָגט פעני.

זעהט בעני, אז פעני איז א מענש מיט שכל, פאָלגט ער זי און זיי נעמען אַליין ארויס פארשידענע פרוכטען און מ׳לעגט עס אויס אויף א קעסטעל.

עס קומט אריין די מוטער פון א צווייטען צימער און בלייבט שטעהן פאר־וואונדערט:

— וואָס איז דאָס פאר א שטיק, איהר וועט עס דען קענען אויפעסען?

— עס וועט דאָך אייך פארשאדען.

— מיר ווילען זיך אָפּשפּילען, ווילען מיר דיר עס אָפּגעבען — ענט־פערט בעני און ווינקט צו פעני׳ן מיט אן אייגעל.

— שור, מיר ווילען אָפּגעבען — פארזיכערט פעני, און דרייט אוועק דעם קאָפּ, די מוטער זאָל ניט זעהן ווי זי לאכט.

בעני נעהמט פון פאָטער׳ס סיגארעטס איינעם און פארוויכערט. מיט די

הענט אין די קעשענעס שטעלט ער זיך אוועק מעשה ביזנעסמאַן, וואַרטען אויף קונים.

פּעני טוט אָן דער מוטער׳ס אַ פּאָר שיך, מיט הויכע אָפּצאַסען, נעהמט אַ קוישעל אין האַנט׳ און געהט מיט אַ פאַררִיסענעם קאָפּ, ווי זי וואָלט געקוקט אויף דער לבנה. דאָ פאַרציהט זיך אַזאַ מין דיאַלאָג:

בעני: קומט אהער מיסעס. איהר וועט ביי מיר קריגען די בעסטע עפּעל, באַנאַנעס און אַלץ וואָס אייער האַרץ גלוסט.

פּעני (פאַרשנורעוועט די ליפּעלאַך, און מיט אַ קוויטשיקעל): איהר האָט עפּעס גוטע פּאָטייטאָס, מיסטער?

בעני: נייִן, קיין פּאָטייטאָס האָב איך ניט. צו וואָס דאַרפט איהר פּאָטייטאָס, איהר זענט אַזוי אויך פעט ווי אַ באַרעל, מיסעס!

פּעני: יו אַר קרעיזי, איך געה דערציילען דער מאַמען!

בעני: קויפט בעסער עפּעל, מיסעס!

פּעני: ווי טייער זענען אייערע עפּעל?

בעני: 20 סענט אַ דאָזען. מיסעס, ס׳איז ניט קיין עפּעל, נאָר גאָלד מיט זילבער!

פּעני: איך וועל אייך פאַר זיי קיין 20 סענט ניט צאָלען, נאָ סער! אָט דאָרטען אויפ׳ן קאָרנער איז אויך דאָ עפּעל, זיי וועלען מיר אויך פאַרקויפען עני טיים!

בעני: ווי אַזוי לייזען זיי די עפּעל?

פּעני: 30 סענט אַ דאָזען, יעס סער!

בעני: וועלל׳ איך וועל עס מאַכען פאַר אַ קוואָדער, אָבער ניט מעהר, איך קען ניט, מיסעס!

פּעני: אָבער דאָרטען זענען די עפּעל גאָר אַנדערש, מ׳געפינט צווישען זיי צוגעשלאָגענע, פאַרפוילטע, און ביי אייך זענען זיי אַלע איין סאָרט.

בעני: מיסעס לעבען, אַז איך האָב ניט קיין פאַרפוילטע, וואו זאָל איך זיי נעהמען?

פּעני: סאַם ביזנעסמאַן! אויף וואָס מ׳פרעגט איז ניטאָ ביי אייך צו קריגען!

בעני (שטיל) :וואו איז די מאַמע?

פּעני: אויף דער גאַלערי, זי רעדט מיט דער נעקסט־דאָריגער.

בעני: קום אהער וועלען מיר זיך צוטיילען מיט דער פרוכט־סטאָר, גיך, ווייל די מאַמע איז דאָרטען ביזי מיט דער נעקסט־דאָריגער!

פּעני לויפט צו, עס ווערט אַ שטילער, פאַרשטיקטער טומעל, אויסגעמישט מיט אַ פאַרשטיקטען געלעכטער, קינדער זענען גליקליך.

אין א וואָלקענדיגען טאָג

ס׳איז געווען איינער פון יענע טעג׳ ווען דער רעגען היינגט גאנץ נאָ־הענט איבערן קאָפּ און עס קוקט אויס ווי ער קען זיך נאָך אלץ ניט באשליסען צי זאָל ער שוין אָנהויבען פאלען.

איך האָב גראד ליב צו געהן אין א רעגען, אָבער ס׳איז דאָך עפּעס ניט אָנגענומען צו געהן שפּאצירען אין א רעגען, טו איך עס ניט, אָבער ווען עס פארכאפּט מיך צו־מאָהל א רעגען אין מיטען וועג, בין איך בפירוש צו־פרידען !

ס׳זאָל הייסען, אז עס האָט מיך „פארכאפּט״ בין איך דאָך ניט שולדיג, קיינער איז דאָך פון אזא ,א,ומגליק״ ניט באוואָרענט.

דערפאר בין איך מיר ארויסגעגאנגען אין פארק, כאָטש, ווי געזאָגט, דער רעגען איז געהאָנגען איבערן קאָפּ !

אין פארק זיינען געווען געציילטע עטליכע מענשען. אן אלטיטשקע פרוי איז צוגעקומען און האָט זיך אוועקגעזעצט לעבען מיר, זי האָט געהאלטען א ציימונג אין האנט.

„איהר זענט דאכט זיך א אידישע ? האָט זי מיך געפרעגט „א אידישע״. האָב איך געענטפערט.

„לייענט איהר דעם ראָמאן „פארביטערטע הערצער?״

„ניין״.

„פארוואָס לייענט איהר ניט?״

„איך ווייס ניט״.

„וואָס הייסט איהר ווייסט ניט, ווער דען ווייס ?״

„ס׳איז גענוג ביטער אויפ׳ן הארצען אָהן דעם ראָמאן „פארביטערטע הערצער״ . . .

די אלטיטשקע לאכט זיך פארנאנדער.

נאָכדעם נעמט זי לייענען אויפ׳ן קול, שטארק לאנגזאם, אויסגעצויגען און מיט אזא נודנער, מאָנאָטאָנער שטים, אז עס ווערט מיר ניט גוט ביים הארצען. דערווייל איז צוגעקומען צו איהר א יונגע פרוי, קענטיג איהר טאָכ־טער. זי האָט איהר עפּעס א זאָג געטאָן שטיל אין אויער. די אלטיטשקע האָט מיך אָנגעקוקט פארדעכטיג, און . . . בײדע זיינען אוועקגעגאנגען !

אָבער ס׳האָט לאנג ניט גענומען, און גאָט האָט אויף מיר רחמנות גע־האט און האָט מיר צוגעשיקט אויפ׳ן אָרט פון דער אלטיטשקער א . . . קליין אינגעלע פון א יאָהר פיר. דאָס קינד איז צוגעקומען צו מיר גאנץ נאָהענט.

„העלאָו״ ! האָט ער מיך באַגריסט מיט אַ מעלאָדישער שטים.
איך האָב זיך דערפרייט מיט׳ן אומבאַקאַנטען קינד.
„העלאָו סאָני !״ ענטפער איך און מיט אַ ווײַלע שפּעטער פרעג איך :
„וואַט׳ס יור ניים?״
ער קוקט מיר אָן און שווייגט. קענטיג ער פאַרשטעהט מיך ניט.
— ,׳ווי איז דיין נאָמען ?״ פרעג איך שוין אין מאַמע לשון.
„הערי״ קומט זיין ענטפער.
„גייסט שוין אין סקוהל?״
„איך געה מיט׳ן פּאַ אין שולע״.
— ביסטו דאָך אַ גוטער אינגעלע. ביסט נאָך אַזוי קליין און געהסט שוין אין שולע״ זאָג איך, און איך זעה ווי זיין מוטער, וועלכע שטעהט פון וויי־טענס און וויגט איהר בייבי אין קערידזש שמייכעלט.
„ווער נעמט דיך אהיים פון שולע?״ — וויל איך וויסען.
— מיין פּאַ, זיצט מיט מיר אין שולע און מיר געהן ביידע אהיים״.
איך קוק אָן דאָס קינד פאַרוואונדערט: וואָס הייסט עס, אַ פאָטער זאָל זיצען מיט׳ן קינד אין שולע, עפּעס איז דאָך עס אומגלויבליך׳ אַ פּאַ באַדאַרף דאָך אַרבייטען, מאַכען אַ לעבען ! . . .
די פרוי קען שוין מער ניט קאָנטראָלירען איהר געלעכטער :
„ער געהט מיט׳ן פאָטער דאַווענען יעדען שבת !״ גיט זי מיר צו פאַר־שטעהן.
„אויב אַזוי איז דאָך זיין טאַטע אויך אַ וואויל אינגעל !״
זאָג איך.
„פון וואַנען קענט איהר איהם, מיין מאַן?״ פרעגט די פרוי.
„איך קען איהם ניט, אָבער אַז ער געהט אין שוהל און נעמט מיט זיין קינד, מוז ער זיין אַ וואוילער מענש !״ פאַרענטפער איך מיין באַהויפּטונג.
דערווייל כאַפּט זיך אויף די בייבי אין קערידזש, און זעצט זיך אויף ׳ . .
„האָסט אַ שעהן ברודער׳ל, הערי״, באַמערק איך.
„ס׳איז ניט קיין ברודערל, — ענטפערט ער און טראַכט אַ ווײַלע. ער האָט קענטיג ניט געקענט זיך דערמאָנען אין וואָרט „שוועסטערל״.
„ביין, ס׳איז ניט קיין ,׳ברודערל״, ווידערהאָלט ער.
„וואָס זשע איז עס?״ לאָז איך איהם ניט אָפּ.
„ס׳איז אַ . . . רייטשעל״!
„פאַרוואָס איז רייטשעל אַזוי אָפּגעברענט פון דער זון און דו ניט ?״ וויל איך וויסען.
„זי איז געווען אין די . . . בערג״
און דיך, האָט דיין מוטער ניט מיטגענומען אין די בערג?״

כאַ־כאַ־כאַ ! ער מיינט די בעק גאַלערי, זי איז מערסטענס אויף דער בעק גאַלערי׳ וואו ס׳איז זעהר זוניג ! דערקלערט מיר די מוטער . . .

„מאַ, עס רעגענט, עס רעגענט !״ דערהערט זיך הערי׳ס קלינגענדיג קול׳כעלע.

די פרוי כאַפּט הערי׳ן ביי אַן הענטל און מיט דער צווייטער האַנט נעמט זי דעם קערידזש און לויפט. איך לויף נאָך און דער רעגען יאָגט אונז אַלעמען נאָך . . . אָבער באַלד הויב איך אָן מאַכען לאַנגזאַמע טריט :

ס׳איז אַזאַ מחיה׳דיגער, ווארימער זומער רעגען ! . . . איך קום אַהיים אַדורכגעווייקטע ! . . .

נאָך פאַראַן עהרליכע מענשען . . .

דערצעהלט מיר א פריינדין אָט די געשיכטע:

עס קומט אריין צו איהר א קריסטליכע פרוי, אַן ארויסהעלפעריין אין הויז־ארבייט. גאַנץ אָפט קומט איהר קליינער אינגעלע זי רופען. ער ווייסט טאקע, אַז זי וועט ניט געהן ביז זי וועט ניט ענדיגען איהר ארבייט, אָבער ער קומט כדי זיך צו שפּילען אביסעל מיטן הינטעל ! . . .

מאַכט זיך, אַז אויפ׳ן טיש ליגט א קאָלירפולער „באָל״ דעם הינטעל׳ס א שפּילכעל, און דאָס אינגעלע טראַכט זיך, ווייזט אויס : „וואָס בין איך ערגער פונ׳ם הינטעל ׳ ? ׳ . . . און ער לעגט אריין דעם „באָל״ אין קעשענע . . .

מיט א פּאָר טעג שפּעטער זעהט זיין מוטער, אַז ער שפּילט זיך מיט א באָל, וואָס איז איהר קענטליך, אָבער זי האָט איהם קיינמאָל ניט געקויפט. פרעגט זי איהם : „וואו האָסטו גענומען דעם באָל?״

„כ׳האָב איהם געפונען״, ענטפערט ער.

„וואו האָסטו איהם געפונען?״, וויל זי וויסען.

„אויפ׳ן גאַס״, ענטפערט דער חברה־מאַן און קוקט בשעת מעשה ער־געץ אַן א זייט, קיין בויבעריק . . .

זעהט דאָך שוין די מוטער, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט, אַנדערש וואָלט ער דאָך ניט באַדאַרפט קוקען ערגעץ אַן א זייט, אויסמיידענדיג איהר בליק, נעמט זי איהם ווידער און ווידער אויפ׳ן קרייץ פאַרהער.

אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז דער חברה מאַן ברעכט צוזאַמען : „איך האָב עס גענומען ביי מרס. בראַונ׳ס הינטעל!״

און ער ברעכט אויס אין א געוויין! . . .

„נעם שוין, די מינוט, און טראָג אָפּ דעם באָל צו מרס. בראַון !״ באַפעלט די מוטער.

„איך שעהם זיך״, ענטפערט דער „גנב״.

„נעווער מיינד, דו שעהמסט זיך ניט צו גנב׳ענען, זאָלסטו זיך ניט שעמען אָפּצוגעבען !״ שרייט די מוטער.

ער ווייגט אָבער מיט ביטערע טרערען, און בעט זיך ביי זיין שוועס־טערל, אַז זי זאָל פאַר איהם אָפּטראָגען דעם באָל, אָבער אַזוי ווי אויך די שוועסטערל וויל עס ניט טאָן, נעמט שוין די מוטער אליין און ברענגט מיר אָפּ די גרויסע מציאה . . .

„איך וועל קענען אויסקומען אָהן דעם. איך וועל קויפען פאַר׳ן הינטעל אַן

אנדער שפּילכעל״, טענה איך צו איהר און וויל ניט אָפּנעמען דעם באָל.

„איהר מוזט עס אָפּנעמען, אנדערש וועט פיליפּ מיינען, אז מ׳מעג גנב׳ענען!״ טענה׳ט די פרוי.

זעה איך, אז ס׳וועט מיר גאָרניט העלפען, נעם איך אָפּ די גרויסע מציאה.

מיט א צייט שפּעטער דערציילט מיר די פרוי, אז . . . היינט וועט שוין פיליפּ ווידער קומען זי „רופען״ און וועט זיך ווי אלע מאָל שפּילען מיט׳ן הינטעל.

איך דערמאָן זיך, אז ער איז שוין טאקע זעהר לאנג ניט געווען. פרעג איך : „פארוואָס איז ער ביז איצט ניט געקומען?׳

„ער האָט זיך געשעמט פאר אייך נאָך דער מעשה מיט דעם באָל, אָבער היינט זאָגט ער מיר : „איך וועל דיך שוין ווידער קומען רופען פון מרס. בראון ״.

— דו שעהמסט זיך ניט צו קוקען מרס. בראון אין די אויגען, און חוץ דעם ווי בין איך זיכער, אז דו וועסט מיך ווידער ניט פארשעהמען, אוועק־שלעפּענדיג ווידער עפּעס ?״ — פרעגט זי איהם.

— דאָס קען שוין מעהר ניט פּאסירען ! — ענטפערט ער מיט א זי־כערען טאָן, און גיט צו אז נעכטען איז ער געווען ביים גלח זיך מתוודה זיין, האָט ער איהם דערציילט אלעס וועגען דער גנבה מיט דעם באָל, און צוגעזאָגט מעהר קיינמאָל ניט צו גנב׳ענען ! . . .

און ער איז טאקע באלד געקומען, קענטיג א געלייטערטער . . .

א הינטישע פּאַרטי

בעסי האָט געקראָגען צו איהר געבורטסטאָג א מתנה—א הינטעל וועל־כעס די פאמיליע האָט געקרוינט מיט׳ן נאָמען „טשאבי״.

נאטירלאך איז די דאָזיגע מתנה געווען ביי בעסי׳ן זעהר חשוב, ס׳איז געווען פאר איהר א סורפּריז, וואָס טרעפט מיט גאָר גליקלאכע מענשען!

די ליבע ביי בעסי׳ן צו טשאבי׳ן איז געוואַקסען מיט יעדען טאָג, מיט יעדער שעה.

ס׳איז אוועק אזוי וויט, אז ווען טשאבי איז געוואָרען 1 יאָהר אלט, האָט בעסי גענומען „איינלייגען וועלטען״ אז זי וויל ניט מעהר און ניט ווייניגער, נאָר מ׳זאָל מאכען פאר טשאבי׳ן א בוירטדעי פּארטי!

נאטירלאך, האָט בעסי׳ס מוטער אפילו ניט געוואָלט הערען פון דעם. „וואו איז עס געהערט געוואָרען מ׳זאָל זיך פארנעמען מיט הינטישע פּאר־טיס?״ האָט געטענה׳ט בעסי׳ס מוטער. — מ׳וועט דאָך פון אונז מאכען דאָס גרעסטע געלעכטער!

אָבער בעסי האָט גענומען וויינען, קלאָגען, קוויטשען און כליפּען ביז ... זי האָט געקראָגען אביסעל היץ.

און ווען בעסי׳ס מוטער דערזעהט, אז „דאָס קינד איז ניט מיט אלעמען״ איז „הימעל עפען זיך!״

זי ווערט אזוי צעטומעלט אז זי ווייסט פּשוט ניט אויף וואָס פאר א וועלט זי איז.

צוערשט הייסט זי דער מוטער, בעסי׳ס באָבע, זי זאָל מאכען א הייסע באָטעל וואסער און צולעגען דעם קינד צו די פיס; נאָכדעם הייסט זי דער דינסט טעלעפאָנירען נאָכ׳ן דאָקטאָר, נאָכדעם טעלעפאָנירט זי אליין נאָך א דאָקטאָר, און אזוי ווי די דינסט האָט ניט דערהערט דעם נאָמען פונ׳ם פאמיליען דאָקטאָר, און געררופען עפּעס אן אנדערען דאָקטאָר קומען זיך צונויף צוויי דאָקטוירים אינאיינעם און קוקען זיך אָן ווי צוויי הענער פאר א שלאכט. נאָכדעם געפינען זיי אויס די דאָקטוירים, אז בעסי ליידט פון דער משוגעת צו מאכען פאר טשאבי׳ן א פּארטי! . . .

„ווייסטו וואָס רחל, לאָמיר איהר נאָכגעבען און מאכען פאר טשאבי׳ן א פּארטי!״ רופט זיך אָפּ בעסי׳ס באָבע צו דער טאָכטער. בעסי׳ס באָבע איז שוין אן עלטערע פרוי און זי איז שוין א קאפּיטשקע צערודערט „אָפּ־סטעירד״ . . . חוץ דעם קען זי נעבאך ניט פארטראָגען די געוואלדען, וואָס בעסי פראוועט, רעדט זי אזוי לאנג איבער איהר טאָכטער, בעסי׳ס מוטער

ביז יענע שטימט איין און . . . בעסי קריגט גלייך די רפואה !

דאָס ערשטע האָט מען ארויסגעשיקט איינלאַדונגען צו אלע שכנישע קינדער וואָס האָבען הינט. אזוי ווי ס'זיינען געווען 12 קינדער, בעסיס באַקאַנטע וואָס האָבען הינט, האָט מען ארויסגעשיקט 12 איינלאַדונגען, צווישען זיי זענען געווען אזעלכע „פּערזענליכקייטען" ווי: פּרינץ, בוטש, בלעקי, ספּאָט, קוויני, רענדזשער, באַסטער און אזוי ווייטער און ווייטער.

באַסטער א גרויסער שווארצער כלב מיט א סאמעטענער פעל, איז באַשטימט געוואָרען אלס „מייסטער אָוו סערעמאָניס", און אין א שיינעם, זוניגען טאָג, האָבען זיך א לאָז געטאָן די קינדער פון קלארק סטריט מיט זייערע הינט צו טשאַבי'ן אויף דער פּארטי !

אין א גרויסען צימער זיינען סערווירט געוואָרען טעלער מיט זופּ פלייש און ביינער.

און ווען די חשוב'ע געסט זיינען זיך צונויפגעקומען, האָבען זיי זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטען, און גלייך זיך א וואָרף געטאָן צו דעם געדעקטען טיש. ווער עס האָט געכאַפּט א שטיק פלייש, ווער א ביין, ווער א שטיק ברויט, ווער ס'האָט געכלאַפּטשעט זופּ, אלעס איז געווען א סחורה ! . . .

דער קליינער בעסי'ן איז עפּעס ניט געווען צום הארצען ווי אזוי די חברה כלבים „באַהייוועט" זיך, איז זי צוגעגאנגען צו באַסטער'ן, און האָט איהם געבעטען ער זאָל דעליווערען עפּעס א פיינעם ספּיטש כדי חברה, זאָל זיך אביסעל בארוהיגען.

באַסטער האָט גלייך אוועקגעלעגט דעם מארך־ביין וואָס ער האָט געהאלטען אין קראַמטשען, זיך אויסגעהוסט, און גענומען האווקען : „האוו, האוו !" ס'זאָל הייסען „לײדיס און דזשענטעלמען" אָבער אין דער מינוט איז צוגעשפּרינגען רענדזשער, וועלכער האָט די גאנצע צייט געהאַלטען אן אויג אויף באַסטער'ס מארך־ביין, און ער האָט איהם א כאַפּ געטאָן און פּרובירט אנטלויפען. דאָס האָט באַסטער'ן שטארק פארדראָסען, האָט ער אונטערבראָכען דעם ספּיטש און גענומען יאָגען נאָך רענדזשער'ן, האָט זיך אריינגעמישט ספּאָט, און האָט געוואָלט מאכען שלום, איז צוגעלאָפען פּרינץ און האָט איהם, ספּאָט'ן, א ביס געטאָן, ס'זאָל הייסען: „וואו צוויי הינט רייסען זיך באַדאַרפסטו ניט זיין קיין מחותן!" ס'איז געוואָרען א האווקערײ : אלע הינט האָבען זיך גענומען רייסען און בייסען, און די צושראָקענע קינדער האָבען זיך אריינגעמישט, געפּרואווט זיי צעררייסען. ס'זיינען זיך אַנגעלאָפען די קינדער'ס מאמע'ס און בעסי'ס באָבע. און בעסי'ס מאמע האָט זיך געבייזערט אויף בעסי'ס באָבע: „דיינע קלוגע אײדיעס, נאָכצוגעבען א קינד אזא משוגעת !" האָט זי געשריען, האָט די באָבע געכאַפּט א בעזים און גענומען יאָגען די געסט, כ'מיין די הינט . . .

בעסי וועט שוין פארזאָגען א צענטען ניט צו פּראָווען קיין משוגע׳נע שטיק, נאָכמעהר: זי ווערט שוין מעהר ניט קראַנק, סיידען זי לויפט אין א קאַלטען וועטער אָהן א מאַנטעלע און פאַרקיהלט זיך! . . .

דער גרינער הערינג . . .

זיצען צוויי קליינע מיידעלעך אין פּארק אויף א באנק.
פריהער רעדט מען גלאט אזוי אין דער וועלט אריין פון וועטער, פון סקול פון פארשידענס.

„לאָמיר זיך פרעגען רעטענישען!" שלאָגט פאָר די עלטערע.

„איך קען ניט קיין סך רעטענישען, אָבער אויב דו ווייסט — פרעג מיך!" ענטפערט בעלא, וועלכע איז קענטיג צופרידען פון איידא'ס פאָר־שלאג.

איידע פארקוקט זיך אין דער ווייטקייט, ווי זי וואָלט געקוקט אין א פעקעל דערמאנערונגען; זי טראכט א ווײלע און איהר פּנים שיינט אויף: זי האָט שוין עפּעס א רעטעניש!

„וואָס איז גרין, הענגט אויפ'ן וואנט און קוויטשעט?" פרעגט זי און קוקט מיט א טראַציגען ארויסרופענדען בליק , וואָס וואָלט ווי זאָגען : „דו וועסט קיינמאָל ניט טרעפען!" . . .

בעלא טראכט אביסעל און נאָך אביסעל, ענדליך ענטפערט זי „מיט א ניט זעהר זיכערען טאָן: „א . . . בילד".

„א בילד קען דען קוויטשען?" פרעגט איידע מיט א דינעם שמייכעלע, און בעלא טראכט ווידער . . . — א פידעל — פּרובירט זי נאָך אמאָל, אָבער מיט א קול וואָס זאָגט אָן אז זי גלויבט ווייניג אין דערפאָלג.

און זי מאכט טאקע קיין טעות ניט. „האָסט שוין געזעהן אמאָל א פי־דעל זאָל זיין גרין און קוויטשען?" פרעגט זי איידע מיט א חוזק־טאָן און די אָרימע בעלא טראכט און טראכט און באשליסט זיך אונטערצוגעבען.

„איך גיב אויף" דערקלעהרט זי.

„ווילסט וויסען וואָס עס איז, זאָל איך דיר אויסזאָגען?" פרעגט איידע און איהרע אויגען שיינען דערביי מיט טריאומף.

„שור, וויל איך וויסען!" . . . ענטפערט בעלא קינדיש אויפריכטיג.

— ס'א א. . . הערינג ! — רופט אויס איידע קורץ און שארף.

בעלא שטעלט אָן אויף איהר א פּאָר גרויסע אויגען . . .

„וואו האָסטו געזעהן א הערינג זאָל הענגען אויפ'ן וואנט ?" פרעגט זי פארוואונדערט.

איך האָב געזעהן ביי אונז אין קיך . . . מיין מאמע האָט איינמאָל אויפ־געהאנגען א הערינג, ענטפערט איידע און קוקט אין א זייט, מיידט אויס בעלא'ס בליק . . .

„און וואו האָסטו געזעהן א הערינג זאָל זיין גרין?׳ פרעגט בעלא.

„זי האָט איהם אָפגעפארבט — איז ער געוואָרן גרין!״ ענטפערט איידע און קוקט שוין גלייך אין בעלא׳ס פנים . . .

„און וואו האָסטו געהערט א הערינג קוויטשען ?׳ לאָזט בעלא ניט אָפּ.

„אָה, איך האָב דאָס צוגעגעבען כדי, דו זאָלסט עס ניט קענען אזוי שנעל טרעפען !״ . . . ענטפערט איידע.

„די גאנצע מעשה איז א ליגען!״ בייזערט זיך בעלא.

„האָסט ענדליך געטראָפען׳, ענטפערט איידע . . .

זי האָט איהם גוט געטראָפען . . .

בערל האָט ערגיץ געהערט אז א געוויסע ציגיינערין „טרעפט גוט די צוקונפט”, האָט זיך איהם פארוואָלט אויסגעפינען עפעס וועגען זיין אייגענער צוקונפט און ער איז אוועק צו דער „טרעפערקע”.

בערל האָט געפיהלט אביסעל אומבאקוועם ווען ער איז אריין אין א טונקעל באלויכטענעם צימער, באהאָנגען מיט פארשידענע פאנטאסטישע בילדער און שאלען פון פארשידענע קאָלירען.

דער גאנצער ענין איז איהם פאָרגעקומען פריקרע, ווייל עס איז צום ערשטען מאָל וואָס ער האָט זיך פארטשעפעט מיט „דער צוקונפט” . . .

די ציגיינערין, א גאנץ חנעוודיקע מיט א מויל שניי ווייסע, פערלדיגע ציין, אין א רויטען קאפטיכעל איז איהם אנטקעגען געגאנגען, אויסגעשטרעקט די האנט און געמאנט א דאָלער.

בערל האָט באצאָהלט א דאָלאר.

50 סענט פאר׳ן האנטוך, פליז — האָט זיך דערהערט איהר הייזעריקליכע שטים וואָס האָט געקלונגען מעהר באפעלעריש ווי ביזנעס־מעסיג.

בערל האָט באצאָלט נאָך 50 סענט.

— וואָס פאר א האנדטוך ? — האָט ער געפרעגט — מיט אן אומדרייסטער שטים.

— דאָס איז ארומצובינדען דיין לינקע האנט — האָט זי איהם דערקלערט און צוגעגעבען, אז נאָכ׳ן „פאָראויסזאָגען” קען ער דעם האנדטוך געהמען פאר זיך, ווייל פאר קיין אנדערען קליענט וועט שוין דער האנדטוך ניט טויגען . . . זי האָט ארומגעבונדען זיין לינקע האנט מיט׳ן האנדטוך, גענומען זיין רעכטע האנט אין איהרער און א דרעה געטאָן מיט׳ן קאָפּ אויף רעכטס און לינקס. אין איהרע אויגען האָט זיך באוויזען א פייערל :

— אוי, ביזטו א מזל׳דיגער ! — האָט זי אויסגעשריען א באגייסטערטע — אויב ניט דער מזל׳דיגסטער אין דער גאנצער וועלט — האָט זי צוגעלייגט געבענדיג דערביי א וואונק מיט די ברענענדיגע אויגען.

דאן האָט זי איהם באפוילען ער זאָל עפעס „פארטראכטען”.

בערל איז געבליבען שטעהן אין א פארלעגענהייט : ער איז בטבע א מענש וואָס טראכט זעהר זעלטען אפילו ווען ער איז מיט זיך אליין, בפרט דאָ ביי א טרעפערקע אין צימער מיט זיין האנט אין איהרער איז איהם אודאי שווער צו טראכטען . . .

מ׳קען ניט זאָגן אז בערל איז אינגאנצען געדאנקענלאָז, צו מאָל טראכט ער גראדע יע, און דאָס איז וועגן „א פודינג״.

בערל איז א גרויסער ליבהאָבער פון רייז־פודינג. ער קען אויפעסען א 5־פונטיגען רייז־פודינג אין 5 מינוט, און זיך אפילו ניט פארקרימען, אָבער לעצטענס האָט איהם עפעס דאָס מאכל דערעסען, און ער האָט ליב באקומען עפעל־פאי.

טראכט בערל גאנץ אָפט, אז ס׳איז ניט צום פארשטעהן, ווי אזוי א מענש וואָס האָט יאָהרען לאנג ליב געהאט רייז־פודינג, זאָל פלוצלונג ווערען א ליב־האָבער פון עפעל־פאי.

און אָט די פראגע איז איצט איהם געקומען אין קאָפּ . . . און מחמת א פודינג האָט עפעס ניט קיין שייכות מיט׳ן פאָראויסזאָגען די צוקונפט, האָט ער ניט געוואוסט פון וואָס צו טראכטען.

— איך וויים ניט פון וואָס צו טראכטען, האָט ער געזאָגט.

— דאָנט וואָרי, איך וועל דיר סיי ווי טרעפען — האָט אים די ציגיי־נערין בארואיגט און האָט גלייך גענומען שיסען ווי פון א זאק:

— עס שטעהט דיר פאָר א ווייטער וועג; וועסט צעהלען געלט. — א סך, א סך געלט, אן אוצר א גאנצען וועסטו קריגען . . . עס וועט זיך אין דיר פאר־ליבען א בלאָנדע פרוי . . . זי וועט דיך פארפאָלגען, אָבער עס וועט זיך אריינמישען א טונקעלע און וועט שטערען אייער ליבע . . .

דערביי האָט זי אָנגעוויזען אויף די אויסגעלעגטע קאָרטען:

— אָט איז די בלאָנדע! און אָט האָסטו די טונקעלע, — שווארץ אויף ווייס! . . .

בערל האָט קוים געקענט כאפען א וואָרט פון איהר בליץ־שנעלער פלאפלעריי.

פאר 50 סענט וועל איך דיר אויך זאָגען דיין פארגאנגענהייט! — האָט זי איהם פאָרגעשלאָגען א נייעם „בארגעין״.

בערל האָט שוין געזעהן אז ער איז אריין אין א קלעם, אָבער עס האָט איהם ניט געפאסט צו זיין קארג, דערצו האָט זיך איהם געוואָלט זעהן צי ווייסט זי עפיס.

פון דער צוקונפט איז דאָך ניט קלאָהר צי זי ווייסט עפיס: אָבער וועגען דער פארגאנגענהייט וועט זי דאָך איהם ניט קענען נארען . . .

אזוי האָט בערל געטראכט בעת ער האָט באצאָהלט דער ציגיינערין נאָך 50 סענט „פאר דער פארגאנגענהייט״ . . .

— האָסט געהאט זעהר א גוטע מוטער! — האָט זי אויסגערופען א באַ־גייסטערטע און צוגעגעבען — א גאָלדענע פרוי איז זי . . .

אין מיטען דערינען האָט זיך אריינגעיאָוועט א יונגע ציגיינערין מיט

קויל־שווארצע גליענדע אויגען . . .

בערל האָט נאָך אין זיין גאנץ לעבען אזא שעהנהייט ניט געזעהן.

זי איז צוגעקומען צו איהם גאנץ נאָהענט און האָט קאָקעטיש א פרעג געטאָן:

—איך געפעהל דיר ? !

בערל האָט געקוקט אויף איהר מיט תמ׳עוואטע, נאַאיווע אויגען, און נאָך איידער ער האָט באוויזען צו ענטפערען האָט זי זיך שנעל ארויפגע־זעצט אויף זיינע קניה . . .

• • •

בערל געדענקט ניט וואָס עס איז מיט איהם פאָרגעקומען.

ער האָט זיך אויפגעכאפט שפעט ביינאכט אין זיין צימער, א מידער, א צובראָכענער, ער האָט א זוך געטאָן אין קעשענע און . . . גאָר ניט גע־פונען.

ניט זיין גאָלדענעם זייגער, ניט די 48 דאָלאר. ער איז שנעל אוועק אויפ־זוכען די ציגיינערין אָבער זי איז שוין דאָרטען ניט געווען. האָט מען איהם געזאָגט, דאָס איינציגע וואָס איהם איז געבליבען איז דער האנדטוך, מיט וועלכען די קאָרטענוואַרפערין האָט איהם פארבונדען די האַנט . . .

„א 50-דאָלארדיגער האנטוך״ האָט ער שטיל געזאָגט צו זיך אליין מיט א זיפץ . . .

דער כוח פון זון-שטראַלען

בעסי האָט זיך אויפגעכאַפּט פונעם שלאָף און א קוק געגעבן אויפ׳ן זייגער. ס׳איז געווען 2 מינוט צו זיבען: זי האָט זיך איינגענורעט אונטער דער ווארימער קאָלדרע כדי אריינצוכאַפּען כאָטש נאָך 15 מינוט שלאָף.

ווען זי האָט זיך צום צווייטען מאָל אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען שפּעט־לאַך. זי האָט שנעל א כאַפּ געטאָן א דורכזיכטיגען זיידענעם זאָק, ארויסגע־שטעקט פון אונטער דער קאָלדרע איהר יונגען שלאַנקען פוס, און האָט א ציי־טער געטאָן פון קעלט.

זי האָט שנעל זיך אָנגעטאָן, אויף גיך, כמעט שטעהענדיג, געכאַפּט א בייס, און איז ארויס אין גאַס.

דער שניי האָט געסחריפּעט אונטער איהרע פיס. ס׳איז נאָך געווען פינס־טער. די נאכט־לאָמפּען האָבען נאָך געברענט און פון די סטאָרס האָבען ארויסגעלויכטען לאַנגע פאַסען ליכט.

בעסי האָט אוויפגעהויבען דעם קאָלנער און שטייפער צוזאמענגענומען דעם מאַנטעל. דער טראַמוויי איז ניט אזוי גיך געקומען. בעסי טראַכט פון איהר נייעם פריינט, מאַקס. נעכטען האָט ער זי אָפּגעפיהרט א היים פון א פּאַרטי. עפּעס ניט אנגענעמעס קומט ווי א שאָטען אין איהר מוח . . . וואָס איז עס ? זי האָט זיך דערמאָנט : פריהער האָט מאַקס זי אהיים געפיהרט, נאָכ־דעם האָט ער אָפּגעפיהרט פעני׳ן און זי האָט געוואָלט פּאַרקערט: ער זאָל פריהער אָפּפיהרען פעני׳ן, נאָכדעם זי, בעסי׳ן . . .

נעבען בעסי׳ן שטעהט א שעהן געקליידעטע מיידעל מיט א קיילעכדיג נעזעל. אויך זי ווארט אויפ׳ן טראַמוויי.

ענדליך באַוויזט זיך דער טראַמוויי,ביידע מיידלאַך כאַפּען זיך שנעל ארויף און פאַרנעהמען פּלעצער.

„שוין ווידער געכאַפּט א ריפּ אין זאָק״, טראַכט בעסי, מיט פּאַרדרוס, קוקענדיג אויף איהר לינקען פוס. אויף קיין זאך געהט ביי איהר ניט אוועק אזוי פיל געלט, ווי אויף זאָקען. און עס כאַפּט זיך ארויס ביי איהר א זיפץ.

און דאָ דאַרף זי קויפען דער „פור אָלד מאָדער״ א פּאָר שיך, טראַכט זי ווייטער.

נעבען בעסי׳ן אויפ׳ן סטראַפּ האַלט זיך א יונגער מאַן. ער קוקט אויס לעבעדיג און פרעהליך : נעכטען האָט ער ענדליך געקראָגען פון זיין באָס דעם לאַנג־דערוואַרטעטען „רעיז״, מ׳וועט איצט קאָנען א לעב טאָן עטוואָס ברייטער׳ טראַכט ער מיט צופרידענקייט.

„איך וועל קויפען בעלאַ׳ן דעם מאנטעל, וואָס איך האָב שבת געזעהן אין א פענסטער אויף סט. קעטהרין סט.״. עפּעס אומאנגענעהם שלייכט זיך שטענדיג דורך אין זיין מוח. „וואָס איז עס?״ — פרעגט זיך דער יונגערמאן און קען זיך ניט דערמאָנען.

מיט אמאָל קומט עס: בעלא האָט איהם געזאָגט פאר׳ן אוועקגעהן צו דער ארבייט, אז עדי פיהלט ניט גוט, דאכט זיך ער האָט אביסעל היץ.

געוועזן באדארפט איהר זאָגען, זי זאָל איהם ניט ארויסלאָזען פון בעט, טראכט ער.

„כ׳וועל אָפּרינגען פון שאָפּ״, באשליסט ער ווייטער, און רייבט זיך די רויטע פארשלאָפענע אויגען.

דער טראמוויי יאָגט. פּאסאזשירען געהען ארויף און אראָפּ. ס׳קומט ארויף אן אלטער מאן מיט א קוישעל בייגל, ער סאָפּעט, נעבאך שווער׳ קוים וואָס ער האלט זיך אויף די פיס.

אָט קומט ארויף א קליין אינגעל מיט צייטונגען. ער פארקויפט א פּאָר צייטונגען און שפּרינגט אראָפּ.

מ׳יאָגט זיך טאָג איין, טאָג אויס. יונג און אלט, מאן, פרוי און אפילו קינד.

אידען, קריסטען, פראנצויזען, ענגלענדער, דייטשען, רוסען, סלאָוואקען — אלע יאָגען, שוויצען, האָבען קיין צייט ניט.

יעדער מיט זיין זאָרג און שטרעבען, יעדער מיט זיינע פארלאנגען און דאגות, יעדער איינער א באזונדערע וועלט.

עס ווערט אלץ ליכטיגער און ליכטיגער. ענדליך באווייזט זיך די זון, גאָלדיג׳ שיינענדיג ווארפט זי איהרע שטראלען מילך און צערטליך־ווארעם. נעהמט ארום אלץ און אלעמען. יעדען איינעם ווערט אזוי גרינג אויפ׳ן הארץ.

— בעסי טראכט, אז נעקסטען מאָל וועט מאקס אָפּפיהרען פריהער פעני׳ן און נאָכדעם זי. אָדער זי וועט גאָר זעהן, אז פעני זאָל געהן מיט אן אנדערען באָי ניט מיט זיי . . . און זאָקען וועט זי קויפען עטליכע פּאָר, און דער „פור מאָדער״ וועט זי נאָך אפשר היינט קויפען א פּאָר שיך. ס׳איז אזוי שעהן צו געהן „שאָפּינג״ אין א זוניגען טאָג !

דער יונגער מאן ווידער טראכט, אז עדי האָט מסתמא א געוויינליכען „קאָלד״, וואָס וועט לייכט איבערגעהן, בעלא וועט מסתמא אליין פארשטעהן, אז זי באדארף איהם ניט אראָפּלאָזען פון בעט. און אך וועט זי אויסזעהן „סוויט״, בעלא, אין יענעם מאנטעל, וואָס ער האָט געזעהן אויף סט. קעטרין סטריט אין א פענסטער !

דער אלטער מאן טראכט, אז מ׳וועט היינט ביי איהם צו־כאפּען די בייגעל ווי מצה־וואסער.

דאָס אינגעל האָפט אויסצופארקויפען אלע צייטונגען און קריגען פון זיין פאָטער די לאנג פארשפראָכענע „סקעיטס״ פאר ארויסהעלפען איהם ביים סטענד . . .

דאָס האָבען די זון־שטראלען דערוואַרימט און דערפרעהט אלעמענס הערצער ! . . .

פלעזשור פאר א קוואָדער

ס׳איז געווען אין א שעהנעם, זוניגען יוני טאָג. ניט האָבענדיג אזוי וואָס צו טאָן האָב איך זיך אויפגעזעצט אויף דער פלעזשוור, אָדער „אָבזערוויי־שאָן״ קאהר, און האָב זיך אוועקגעלאָזט אין דער גרויסער, ברייטער וועלט! די קאר געהט אדורך פארשידענע געגענדען: פארק עוו., סט. קעטהרין ראוד, קאָדענעיזש, שערברוק וועסט, סט. קעטהרין וועסט און אזוי ווייטער און ווייטער.

די בוימער זיינען שוין געווען צוואוואקסען אין זייער פולער פראכט און שעהנקייט, די בלומען צובליהט אין זייערע פילפארביג פראכטפולע קאָלי־רען: ווייס׳ בלוי, רויט, געל, פיאָלעט און אזוי ווייטער און ווייטער. פרויען, מענער און קינדער אין ליכטיגע, פארשידענקאָלירטע קליידער, מיט זון־פאר־ברוינטע פנימער, הענט און פיס, מיט פרעהליכע, שיינענדיגע אויגען, פאָרען אין קארס, שפאצירען אויף טראָטוארען, פיהרען ווער א „בייבי קערידזש״ ווער א הינטעל אויף א שנירעל.

ווער עס געהט לאנגזאם, שפאצירענדיג, ווער עס יאָגט זיך, איילט זיך. מען געהט אריין אין פארשידענע סטאָרס, מ׳קומט ארויס מיט פעקלאך. מ׳שמייכעלט צו באקאנטע׳ מ׳שטעלט זיך אָפּ און מ׳פארפירט א שמועס.

די קאר פיהרט אונז ווייטער און ווייטער איבער פארשידענע גאסען, גע־גענדען, פארקס, קאָלירפולע שעהנקייט באָדט זיך אין א ים פון זונשיין!

עס איז גוט אזוי צו פאָהרען און זעהן שעהנע און שעהנערע בילדער, פאנאָ־ראמעס.

אָט שפיגעלט זיך אונזער קאר אָפּ אין א גרויסען סטאָר־פענסטער אויף סט. קעטהרין סטריט.

פון פענסטער קוקט אויף מיר א טונקעלע פרוי, זי קוקט אויס אביסעל ווי איך. אפשר מיין אָפּשפיגלונג . . . ניין, עס איז ניט איך, יענע איז דאָך שווארץ ווי א רוח!״ טראכט איך.

א קעמעלע האלט ביים ארויספאלען, הויב איך אויף די האנט עס צו דערכאפען, און יענע שווארצע פרוי (שוין פון א צווייטען פענסטער) טהוט דאָס זעלבע . . . מילא, ציגיינער זיינען אויך שווארץ . . . נעגערס אויך . . און איך אויך.

אבי ס׳איז פאראן אזא שעהנע וועלט, א ווארימע זון, וואָס נעמט ארום אלץ און אלעמען אָהן אונטערשיד. און אפילו אידען . . . און פאר איין קוואָ־דער קען מען קריגען אַזוי פיעל פארגעניגען!

איך האָב ליב די זון און איך וויל זיך פון איהר קיינמאָל ניט באהאלטען. גענוג וואָס זי באהאלט זיך אויפ׳ן גאנצען לאנגען׳ ווינטער!

די קאר געהט ווייטער. אַט זיצט לעבען מיר א יונגע שעהנע פרוי מיט א קינד. ביידע זיינען אזוי שעהן און ליבליך. דאָס קינד א אינגעלע פון א יאָר פיר האלט אין איין שטעלען פראגען.

און די מוטער ענטפערט, א ברירה האָט זי . . . זי קוקט צו מיר און שמייכעלט. ענטפער איך מיט א שמייכעל, א ברירה האָב איך . . . אַט דאָרט געהט א יונגע שעהנע מיידעל און פיהרט א קליין הינטעל אויף א שנירעל. ס׳איז א ווייס הינטעל ווי שניי. מיט געקרייזעלטע צושויבערטע האָר, וואָס פארשטעלען איהם די אויגען.

כ׳ווייס ניט ווי אזוי קען עס זעהן, אז די אויגען זיינען פארשטעלט מיט ווייסע קרייזעלס.

אויף א גאניק זיצט א מיידעל און לייענט א בוך: אפשר א טרו לאָוו סטאָרי, אפשר אן ערנסט־וויסענשאפטליך בוך, אפשר מאכט זי איהרע לעק־ציעס . . .

לעבען איהר הענגט א שטייגעל מיט פייגעלעך. ווען זי פרעגט ביי מיר וואָלט איך איהר געהייסען ארויסלאָזען די פייגעלעך, פון שטייגעל, זאָלען זיי בעסער פליהען, צווישען די ביימער, צווישען בלומען, אין דער ווייטער ברייטער וועלט!

און אָט דאָרטען רעדען זיך איבער צוויי שכנות פון די באלקאָנעס, איינע שטריקט עפּעס׳ און לעבען איהר דרימעלט א גרויסע קאץ. די צווייטע האלט א קען מיט וואסער און באגיסט וואזאָנעס.

א שעהנע וועלט! א פראכטפולע כשופדיגע וועלט!

און אָט דאָרט געהען סאָלדאטען. ניין, ס׳זיינען גאָר פרויען, אָבער זיי טראָגען כּמעט די זעלבע קליידונג וואָס מענער. מ׳דערצעהלט אזא וויץ.

איינער פרעגט ביים צווייטען: „אָט יענע באשפעניש אין יוניפאָרם איז אַ בחור צי א מיידעל?״ ס׳איז מיין טאָכטער ענטפערט יענער.

„ענטשולדיגט, כ׳האָב ניט געוואוסט אז איהר זענט איהר פאָטער״, פאר־ענטפערט זיך דער ערשטער.

— איך בין איהר מוטער — קומט א באמערקונג . . .

אלץ איז „אפסיידדאָן״ א מאָדנע צייט, ווער ווייס וואָס זי וועט נאָך ברענ־גען, די צייט, אלץ קען זי!

אין מוח דריקט עפּעס: מלחמה, חורבן׳ בלוט, טרעהרען, היטלער . . . אפילו אויף א ווילע איז אוממעגליך צו באפרייען דעם געדאנק פון שרעק־ליכען וואָרט, היטלער״ . . .

„גוואלד, דער רעדאַקטאָר גערט״

ס'איז געווען אין א זומער אווענט.

איך בין געזעסן אויף „פּלעטשער׳ס פילד״. ס'איז געווען שטיל, די לופט קיהל, ס'זענען ניט געווען גראָד קיין סך מענשען און איך בין געזעסן אן אומעטיקע, פארטראכט . . .

מיט אמאָל האָט זיך באוויזען א גרופע פראנצויזישע אינגלאך און מיידלאך.

א פּאָר פון זיי האָבען געטראָגען „אָווערהאָלס״, צוריסענע שיך, די מיידלאך צושויבערטע, אין קליידלאך פון אומבאשטימטען קאָליר . . . אלע זענען געווען אין עלטער צווישען צוועלף און פופצעהן יאָהר. איין בחור'ל האָט געטראָגען אן אַקאָרדיען, א צווייטער — א מאנדאָלין, א דריטער — א פידעל!

די חברה האָבען זיך אויסגעזעצט אויף א פּאָר בענק און גענומען שפּי־לען. קיינער פון זיי האָט זיך ניט אויסגעצייכענט מיט באזונדערען טאלאנט. איך בין געזעסן און געקוקט אויפ'ן פידעל און מיט אמאָל האָט זיך מיר פארוואָלט נעהמען דעם פידעל. עס האָט מיך א ציה געטאָן מיט א גוואלדיגען חשק צו שפּילען . . .

—איך קען אביסעל שפּילען פידעל — ווענדע איך זיך צו זיי.

אלע דרעהען אויס די קעפּ, און קוקען מיך אָן פארוואונדערט, קענטיג אז זיי מיינען אז איך מאך שפּאס. זיי גלויבען ניט.

אָבער דער בחור'ל, מיט'ן פידעל קומט צו צו מיר נעהענטער און פרעגט מיט א שמייכעל. „דו ווילסט דעם פידעל?״ און ער גיט עס מיר . . .

איך קוק זיך ארום, צי קיינער זעהט ניט, און איך נעהם דעם פידעל אין די הענט. אלע רינגלען מיך ארום, איך נעהם שפּילען עפּעס א רוסישען ראָמאנס . . .

חברה ווערט פרעהלאך. מ'קוקט זיך איבער און מ'שמייכעלט ווי זיי וואָלטען זאָגען:

— זעה, זי שפּילט דאָך טאקע די מאדאם, אבי איך האָב געמיינט, אז זי מאכט שפּאס.

עס קומען צו א פּאָר פארבייגעהער, נאָך און נאָך און דאָס רעדעל ארום מיר ווערט וואָס אמאָל גרעסער, געדיכטער . . .

איך שפּיל א וואלס און חברה מאכט באשטעלונגען: „קען יו פּלעי „אָ קאנאדע?״, „גאָד סייוו די קינג״ „ראָמאנאַ״.

עס לאָזען זיך הערען באשטעלונגען פון אלע זייטען און חברה איז באגייסטערט ממש אויפ׳ן זיבעטען הימעל !

מיט אמאָל ווייזט זיך מיר אויס, אז איך זעה דאָרטען ניט ווייט . . . דעם רעדאקטאָר !

גוואלד, וואָס טוט מען, וואוהין אנטלויפט מען פון דער חברה אָפּ־געריסענע בחורימ׳לאך און מיידלאך, וואוהין באהאלט מען זיך ? . . .

אָט די פראגען לויפען אדורך אין מיין קאָפּ, אָבער גאָט האָט אויף מיר רחמנות געהאט, איך האָב געמאכט א טעות: ס׳איז עפּעס אן אנדער יונגער מאן, וואָס איז אין דער פינסטער פון ווייטענס עהנליך צום רעדאקטאָר. א שטיין איז מיר אראָפּ פון הארצען, איך אָטעם אָפּ פרייער ! אָבער איך האָב שוין מורא צו שפּילען ווייטער, טאָמער ווי א זאך מאכט זיך, אימיצער וועט מיר זעהן און וועט דערצעהלען דעם רעדאקטאָר, אז מען האָט מיך געזעהן אויף פלעטשער׳ס פעלד מיט א חברה אָפּגעריסענע אינגלאך און מיידלאך שפּי־לען פאר זיי אויפן פידעל! ווער ווייסט וואָס פאר אן איינדרוק אזא זאך קען מא־כען אויפ׳ן ווערטהען רעדאקטאָר ! ? ער קען מיך נאָך אויפהערען דרוקען אין צייטונג פאר אָט אזא אויפפיהרונג.

און וואָס אמת איז אמת, איך האָב פאר קיינעם אזוי ניט מורא ווי פאר׳ן רעדאקטאָר ! פריהער פאר גאָט נאָכדעם פאר׳ן רעדאקטאָר !

איך האָב שנעל אוועקגעגעבען די פידעל, און א זאָג געטאָן „גוד באַי!״ צו מיינע יונגע פריינט און זיך געלאָזט געהן. ס׳האָבען זיך דערהערט באַ־דויערענדע, פארצווייפעלטע אויסרופען פון דער חברה:

— וואי, מאדאם, איטס סאָ אורלי ?

א פּאָר מיידלאך האָבען מיר פּשוט צוגעהאלטען ביי די הענט.

— „סאָרי אי מאסט גאָ!״ — האָב איך געענטפערט באפרייענדיג זיך פון זייערע הענט און פון געדיכטען רעדעל מענשען וואָס האָט אונז ארומ־גערינגעלט, און האָב זיך שנעל דערווייטערט פון זיי אין דער פינסטערער נאכט צווישען די בוימער.

ס׳איז געווען א זיסער אווענט: איך האָב געלאכט צו זיך אליין, ווי א קינד א שטיפערקע, איך וועל קיינמאָל ניט פארגעסען דעם איינדרוק וואָס יענער אווענט האָט אויף מיר געמאכט! . . .

פעליטאָנעז

אידען און אידיש!

די טעג איז מיר אויסגעקומען צו ריידען וועגען עפּעס אן ענין מיט אן אומבאַקאַנטער פרוי.

ניט איך געדענק, ניט עס איז וויכטיג וועגען וואָס מיר האָבען גע־רעדט, אָבער ס'איז צוגעקומען מיינע א באַקאַנטע און האָט צו מיר גע־רעדט וועגען מיינעם א פעליעטאָן וואָס זי האָט געלייענט, און די אומבאַ־קאַנטע פרוי האָט שוין געוואוסט אז איך שרייב און . . . זי האָט גלייך גענומען רעדען צו מיר אין ענגליש!

ס'זאָל הייסען: אויב דו ביסט א שרייבערין פּאַסט דאָך ניט מיט דיר צו רעדען „דזשואיש!״ . . .

איך האָב אָבער אלץ גערעדט צו איהר אין אידיש, האָט די פרוי מיך אָנגעקוקט פאַרוואונדערט, ווי זי וואָלט ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי איך האָב ניט קיין בושה צו רעדען אידיש, בעת איך בין מעהר אָדער ווייניגער אן אינטעליגענטער מענש!

דאָ ניט לאַנג צוריק בין איך געשטאַנען לעבען א דראָג־סטאָר און גע־וואַרט אויף אימיצען וואָס האָט זיך דאָרט אביסעל פאַרזאַמט.

נעבען מיר אויפ'ן טראָטואַר זענען געשטאַנען צוויי מענער און גע־רעדט וועגען עפּעס.

און ווייל עס האָט מיך גענומען לאַנגווייליגען דאָס וואַרטען אויף מיין פריינדין וועלכע איז געשטאַנען אין דראָג סטאָר און געוואַרט אויף איהר „נעקסט״ און ווייל די מענער האָבען גערעדט אין מאַמע־לשון האָב איך אויפגעכאַפּט אייניגע זאַצען און עס איז מיר געוועזען אנגענעם צו הערען ווי מענשען טוען מיר א טובה און שעהמען זיך ניט צו ריידען אידיש . . .

איך בין זיי פשוט געוועזען דאַנקבאַר פאַר דער טובה און נאָכ־מעהר, איך האָב געטראַכט אז דער אידישער שרייבער' פאַראיין וואָלט באַדאַרפט שאַפען א פאָנד צו אויסטיילען קעש - פרייזען צו די' אידען וואָס רעדען נאָך אידיש! צום ביישפּיל: אידען וואָס רעדען אין הויז אידיש זאָלען קריגען 50 דאָלאַר א יאָהר; אידען וואָס רעדען אידיש אין הויז און אויך אין גאַס — 150 דאָלאַר א יאָהר! איך בין געוועזען פאַרטיפט אין אויס־שטעלען דעם פּלאַן און דערוויילע קומט צו א דריטער מאַן צו די צוויי און זאָגט זיי עפּעס מיט אן ערנסט פּנים. איך האָב ניט געקענט הערען וואָס ער האָט זיי געזאָגט, אָבער עס איז, ווייזט אויס, געווען עפּעס א טרויעריגע נייעס, וויילביידע האָבען זיך א כאַפּ געטאָן איבעראַשטע.

—וויפיל איז ער אלט געווען ? — האָט איינער פון די צוויי א פרעג געטאָן : „עי, פיו ענד פיפטי״ — האָט געענטפערט דער מאן וואָס מיינט נאָך זיין ענגליש עטליכע און פופציג און ער וויל פאָרט ניט רעדען קיין אידיש!...

איך בין זיך מודה, אז איך לייען אָפט ענגלישע ביכער, איך רעד ענג־ליש מיט אזעלכע וואָס קענען ניט קיין אידיש: נאָכמעהר : איך האָב הנאה דערפון, ענטשולדיגט, איך „ענדזשויע״ עס ! אָבער מיט אימיצען וואָס איך ווייס אז יענער פארשטעהט אידיש, קען איך בשום אופן ניט רעדען קיין ענגליש. עס קומט אויס ווי איך וואָלט געשפילט טעאטער אָדער גע־מאכט אן אָנשטעל. און איך בין זעהר א שוואכע אקטריסע, איך האָב אָט די קונסט קיינמאָל ניט געלערענט.

פארוואָס איז עס, אז אוקראַינער, אונגארען און אזוי ווייטער ווען זיי קומען זיך צוזאמען רעדען זיי רוסיש, אוקראַיניש, אונגאריש און אזוי ווייטער? פארוואָס שעהמען זיי זיך ניט מיט זייער מאמע־לשון, נאָר פאר־קעהרט, זיי שטאָלצירען דערמיט, נאָר מיר אידען שעהמען זך מיט „דזשו־איש״ !

און ווייל איך בין פון דעם קליינעם טייל אידען, וואָס האָבען ליב זייער שפראך, וועל איך שוין, ווי מיין מומע זעלדע זאָגט : „קיינמאָל ניט ווערען קיין מאָדערנע ליידי — : אויב רעדען אידיש מיינט אפילו ווערען אויס ליידי איז מילא, וועט מוזען זיין אין דער וועלט פון אידישע ליידיס מיט איין ליידי וויינינגער. איך קען זיך ניט העלפען ! . . .

„אהער — ניט אַהין !״ . . .

מיינעם א פריינד פארדריסט שטארק דער פאקט וואָס אין זיין רעדע מיט א צייט צוריק, האָט מר. טשוירטשיל אויסרעכענענדיג אלע ליידענדע אונטערדריקטע פעלקער פון נאצישען יאָך, אויסגעלאָזט איין פאָלק.

אלע פעלקער האָט ער אָנגערופען ביי זייערע נעמען חוץ . . . אונזער פאָלק, דאָס פאָלק ישראל !

האָט עס מיך אויך, ווילענדיג ניט ווילענדיג, געמאכט צו טראכטען: אפשר ווייסט ער ניט, מר. טשוירטשיל, אז אויך מיר אידען ליידען א קאַפּיטשקע פון נאציזם, אז אויך מיר זענען אין צעטעל פון די ליידענדע פארשקלאפטע פעלקער. אפשר האָט ער עס ניט געהערט, א קשיא אויף א מעשה ! ס׳איז דאָ פלענטי צו וואָס זיך צוצוהערען, חוץ צו די אידישע צרות.

אפשר האָט ער גלאט פארגעסען אין אונז !

אפשר . . . פארקערט: האָט ער שוין צופיל געהערט און איז שוין „סיק ענד טאירד״ פון דעם קרעכצען און זיפצען פון אָט דעם איינגעגעסענעם פאָלק, וואָס נאָר עס האלט אין איין האָבען טענות, וויינען און קלאָגען פארוואָס מ׳הרג׳עט עס אויס !

איך ווייס ניט ווי איהר, אָבער איך בין אויף איהם ניט ברוגז אויף מר. טשוירטשיל. מעגליך אז ער טראכט אז . . . ס׳איז שוין די העכסטע צייט די אידען זאָלען פארשטעהן, אז מ׳האָט זיי פיינט הרג׳עט מען זיי, און אז זיי האָבען שוין געהאט פלענטי צייט זיך צו צוגעוואוינען צו דער לאגע !

ס׳איז עפּעס א מעשה פון נעכטען

ס׳איז שוין נמאס, ס׳האָט שוין דערעסען אָט די גאנצע חתונה ! א מעשה מיט א פאָלק וואָס מ׳האלט אין איין הרגענען, א פאָלק וואָס האלט אין איין בלוטיגען, וויינען, קלאָגען, קארטשען זיך אין פיין און ליידען און . . . עס לעבט !

אומעטום איז עס דאָ !

מזרח — דאָ, מערב — דאָ, צפון — דאָ, דרום — דאָ !

סאיז פון דעם פאָלק ניט פטור צו ווערן און רק זיי בעטען מ׳זאָל אויף זיי רחמנות האָבען, ניט הרגענען !

זיי וואָלטען שוין געמעגט פארשטעהן, אז . . . מ׳קען ניט העלפען ! אזוי איז עס. אידען באדארף מען הרגענען ווייל זיי זענען אידע! ! ווער האָט

זיי געבעטען געבוירען צו ווערען אידען ? וויניג אנדערע פעלקער זיינען פאראן, האָבען זיי געזאָלט געבוירען ווערען ביי יענע פעלקער ! נאָך ניט צייט זיי זאָלען זיך צוגעוואוינען צום געדאנק, אז די פארפאָלגונגען זענען שוין געוואָרען אַ מין טראַדיציע, ספּאָרט, העבּ:ט אָדער פארוויילונג, און דאטס אָל !

פאראן אַ ווערטעל : ניטאָ די זאך צו וואָס דער מענש זאָל זיך ניט קענען צוגעוואוינען !

טאָ וואָס איז דער מעהר מיט די אידען, זענען זיי קיין מענשען ניט ? די מעשה דערמאָנט אין אַ געוויסען דאָקטאָר, וואָס פלעגט אהיימקומענדיג פון זיין אָפיס, טרעפען זיין פרוי טאָג־איין, טאָג אויס מיט אַן ארומגע־בונדענעם קאָפּ, ווייל זי האָט געליטען פון אַ כראָנישען מיגרען, וואָס איז געווען שווער צו קורירען.

— אום גאָטעס ווילען, אַ פרוי זאָל טאָג־איין, טאָג אויס ארומגעהן מיט אַ זויערען פּנים, האָב איך נאָך אין מיין לאנגיאָהריגער פּראַקטיק ניט גע־זעהן ! עס מאכט זיך עס טוט וועה דער קאָפּ, אָבער טאָג־איין, טאָג אויס, דאָס איז אונערטרעגליך, איך קען עס מעהר ניט צוזעהן ! — האָט אויסגע־רופען יענער דאָקטאָר, און איז אנטלאָפען . . .

אויך מיר אידען עסען זיך איין יעדען איינעם אין די ביינער, און אפילו אונזערע אזוי־גערופענע דאָקטוירים. די דאָקטוירים אונזערע זענען שוין קענטיק „סיק ענד טאירד״ פון אונזער וויינען און בעטען, דערצו באטראכטען זיי אונז שוין ווייזט אויס פאר אַן אומהיילבארען חולה, פון ועמען מ׳איז שוין אויף אזוי פיל מיד, אז מ׳ווינשט איינס פון די צוויי : אהער אָדער אהין ! . . .

* * *

וואָס איז שייך אונז, די באטרעפענדע חולאים, געהן מיר מיט אזא חשבון :

— אהין וועלען מיר דאָך ניט אָנווערען, מיט דעם „אַהין״ זענען מיר דאָך אלע זיכער.

טאָ צו וואָס באדארפען מיר זיך יאָגען?

דאָס וואָס מר. טשוירטשיל האָט „פארגעסען״, אז מיר אידען זיינען אויך צווישען די ליידענדע, איז גאָרניט.

מילא, וואָס די אזוי גערופענע „דאָקטוירים״ אונזערע האָבען אונז שוין אָפּגעזאָגט דאָס לעבען, אפילו אמת׳ע דאָקטוירים מאכען צומאָהל אַ טעות.

איך קען אַ מאן וועמען די דאָקטוירים האָבען אמאָל אָפּגעזאָגט דאָס לעבען, אָבער ער איז געזונט געוואָרען, אָפּגעגט זיין קינדערלאָזע אידענע —איצט האָט ער אַ יונגע ווייבעל און פירט אַ קערידזש מיט אַ בייבי !

וואָס ווייסען די דאָקטוירים ? — זיי זיינען ניט מעהר ווי מעסעדזש באָיעס ביים וועלט פיהרער !

אלזא, מיר אידען האלטען זיך אלץ ביי אונזער וועלט־טראדיציאָנעלער פראָגראם : מיר קעמפען, פראָטעסטירען, בעטען און . . . האָפען !

מיר האלטען זיך פעסט, שטאָהל און אייזען ביי אָט דער ליניע, און מיר וועלען זיך פון איהר קיינמאָהל ניט צוריקציהען ! וואו מ׳פארזייט אונז אפילו ניט, דאָרטען געהען מיר אויף ! מ׳האלט אונז אין איין פארפאָלגען, אָבער מיר לעבען אייביג ! אונזער לאָזונג איז דער אלטער:

„אהער — ניט אהין ! ! ! ״

געדיינקט, עס וועט ניט טויגען ! . . .

„דו ביזט ניט קיין ציוניסטקע, ניט קיין בונדיסטקע, ניט קיין קאָמו־ניסטקע, טאָ וואָס זשע ביזטו פאַרט?"

אַט אזוי טענה׳ט צו מיר מיין מומע זעלדע און זי האָט טאקע אפשר רעכט, א מענש באדאַרף ערגעץ באלאנגען !

אָבער איך קען ניט און וויל ניט זיין קיין שום „איסטקע", איך וויל זיין א פרייער מענש און באלאנגען צו זיך אליין.

„א פרייער מענש", אָבער צי מיינט איהר איך בין שוין זיכער אז איך בין א מענש ?

עפּעס איין קלייניגקייט צו זיין א מענש! א הונדערט פּראָצענטיגער מענש !

ווער פון אונז קען עס זאָגען מיט פולער פאראנטוואָרטליכקייט ; — איך בין אן עהרליכער מענש ! ? — ווער ?

זאָג איך צו דער מומע זעלדע, ווי דער אמת איז: ווי קען איך קריכען אין פּארטייען, אז איך בין אפילו ניט זיכער צי איך בין א . . . מענש ! ?

אקעגען וואָס זאָג איך עס ?—אקעגען דעם וואָס עס האָט מיך זעהר גע־ריהרט ראבאי סילווער׳ס רעדע, דאָ ניט לאנג צוריק, כאָטש איך בין ניט קיין ציוניסטקע !

ראביי סילווער וויל ארץ ישראל פאר אידען און ער טענה׳ט זיך אויס מיט די בעלי בתים פון די אלעאירטע און מיטן „וועלט בעל הבית" !

— סטייטש וואו איז יושר ? ביז ווי לאנג וועלען מיר אידען זיין אזוי הפקר ניט צו האָבען קיין אייגען ווינקעל, קיין דאך איבערן קאָפּ ?

(ביז ווי לאנג וועט מען אויף אונז קיין רחמנות ניט האָבען, און פאר־וואָס זאָל מען אויף אונז קיין רחמנות ניט האָבען ?

איך שווער אייך, אז איך האָב שטארק רחמנות געהאט אויף אונזער פאָלק, ווען איך האָב געלייענט וועגען דעם, הלואי וואָלטען אויף אונז אזוי רחמנות געהאט די יעניגע פון וועמען עס איז אָפּהענגיג אונזער גורל !

אָבער הערט זיך איין, איהר גליקליכע וואָס איהר זענט געבוירען גע־וואָרען ניט קיין אידען, — איהר, אונזערע אויפריכטיגע און ניט אויפריכ־טיגע פריינט !

איך, א טאָכטער פון פאַרפאָלגטען, פארשעהמטען, אומגליקליכען פאָלק, איך א הילפלאָזע זעמדעלע פון אידישען ים זאָג אייך פאַראויס אז... אזוי לאנג ווי איהר וועט אונז ניט באטראכטען ווי גלייכבארעכטיגטע מיט־

גלידער פון דער וועלט, אזוי לאנג ווי איהר וועט אונז ניט העלפען קריגען קיין מקום מנוחה, אזוי לאנג ווי איהר וועט אויף אונז קיין רחמנות ניט האָבען, וועט אייך אויך זיין ביטער פונקט ווי אונז !

אזוי לאנג ווי איהר וועט קיין רחמנות ניט האָבען אויף גאָטס אמאָל באליבטע און איצט געשטראָפטע און ליידענדע קינדער פון פאָלק ישראל, וועט אייך ניט זיין וואָס מקנא צו זיין !

די אטאָמישע באָמבע איז א געפאר ניט נאָר פאר אידען נאָר פאר אלעמען ! . . . זי איז ניט קיין אנטיסעמיטקע ! . . .

כ׳געדענק ווען היטלער האָט זיך גענומען נוקם זיין אין אונז אידען, האָט איהר זיך ניט וויסענדיג געמאכט, „וואָס געהט עס אונז אָן?‟ האָט איר זיך גע־טראכט. שפעטער איז עס אייך שוין אויך אָנגעגאנגען ; ס׳איז שוין אָבער געווען צו שווער עפּעס אויפצוטאָן. וואָלט מען געווען רחמנות געהאט אויף אונז, וואָלט צו דעם גרויסען אומגליק ניט געקומען !

איהר זענט דאָך יעזוסעס נאָכפאָלגער, זאָגט איהר. טאָ וואו זשע איז פאָרט אייער רחמנות ?

טראכט זיך גוט אריין אין דער לאגע איידער איהר טוט באשטימען אי־בער דעם גורל פון א געפלאגט, פארפאָלגט אומגליקליך פאָלק, וועלכען איר קענט העלפען באפרייען פון ליידען און אומגליק, ווייל עס איז אין אייער מאכט צו באפרייען אָדער ווידער לאָזען וואגלען דאָס פאָלק ישראל.

טאָ האנדעלט ווי גוטע, עהרליכע קריסטען און זעהט אז ניט נאָר איהר אליין זאָלט זיין „העפּפי‟, נאָר מזאָל קאָנען זאָגען „עוורי באָדי איז העפּפי‟!

ס׳איז שוין נאָך דער מלחמה ! . . .

איך האָב איצט געזעהן פארבייגעהן א יונגען סאָלדאט אָהן א פוס . . .

איך האָב מיט דעם יונגען בחור קיינמאָל ניט גערעדט, אָבער זיין פּנים קען איך גוט, ער איז ווייזט אויס מיינער א שכן, וואוינט ערגיץ אין דעם געגענט, און איך פלעג איהם זעהען גאנץ אָפט פארבייגעהן מיט זיינעביידע פיס, א געזונטען ! . . . און עס ווערט מיר אזוי אומעטיג, איך דערפיהל ווי א שטאָך, א טיפען שטאָך אין הארץ . . .

פארוואָס איז עס איהם געקומען צו בלייבען א קאַליקע אויפ׳ן גאנצען לעבען? אָרימער אומגליקליכער בחור ! ביזט נאָך כמעט א קינד און וואָס פאר דערפארוגען דו האָסט שוין דורכגעמאכט ! . . .

און טרעהרען פאלען פון מיינע אויגען.

דער בחור ווייסט אפילו ניט אז אן אומבאקאנטע פרוי באוויינט זיין פארלוירענעם פוס . . . און ווען ער ווייסט וואָלט איהם א גליק געטראָפען!

עס איז ניטאָ וואָס צו דערציילען, אָבער איך דערצייל עס אקעגען דעם וואָס איך האָב אלץ געהערט ווי מענשען האָבען געזאָגט (און כ׳האָב אויך געלייענט אין די צייטונגען): „ווען עס וועט ווערען שלום וועט מען טאנצען אין די גאסען!״

קען איך עס בשום אופן ניט פארשטיין ווי אזוי מענשען קאָנען טאנצען אין די גאסען נאָכדעם ווי א וועלט איז צובראָכען, פארוויסט, פארפינסטערט און חרוב געוואָרען . . .

נאָכדעם ווי עס זיינען אומגעקומען אזוי פיל מיליאָנען מענשען, צוויי־שען זיי אזוי פיל יונגע קינדער וואָס האָבען נאָך ניט געוואוסט וואָס איז לעבען.

נאָכדעם ווי עס זיינען געבליבען אזוי פיל פיזיש און גייסטיג צובראָכענע לעבענס. ווען עס פעלען אזוי פיל הענט, פיס, אויגען, און אנדערע גלידער?

ווען עס וועלען זיין אזוי פיל מיידלאך וואָס וועלען ניט האָבען קיין חתנים . . . קיינמאָל ניט הייראטען און ניט האָבען קיין קינדער׳! . . .

איז עס ניט א משוגעת צו טאנצען אין די גאסען בעת מענשליכע הער־צער קאָרטשען זיך פון בענקשאפט, וויטאָג און ליידען ? . . .

יענע מענשען וואָס דיינקען אז מען דארף טאנצען זענען זעהר שמאָל־קעפּיג ! זיי פיהלען וויניג און פארשטעהן וויניג, אנדערש וואָלטען זיי גע־טראכט אויך פון זייערע שכנים, וואָס האָבען פארלוירען ווער א זוהן, ווער צוויי און דריי, ווער דעם מאן, א ברודער, א חתן און אזוי ווייטער ! . . .

זיי וואָלטען זיך אויך פארטראכט וועגען די קליינוואַרג, וואָס וועט פרעגען: „מא, פארוואָס איז בעני׳ס פאָטער אהיים געקומען און מיינער ניט?״

אָדער: „פארוואָס איז הערי׳ס פּאַ געקומען א געזונטער און מיינער — אָהן פיס?״ . . .

ווי צו דעם מענשען וואָס קען טאנצען אין די גאסען ביי אזא לאגע . . . ער מוז זיין „ניט מיט אלעמען״ . ..

* * *

אָט האָבען מיר דערלעבט די גליקליכע מינוט! מזל טוב! . .. מזל טוב!

די ראדיא לאָזט וויסען, אז די מלחמה אין איראָפּע איז אויס! דאנקען גאָט! ער טוט וואודער! מיר באדארפען איהם דאנקען און לויבען און . . . בעטען ער זאָל שוין מאכען א סוף איינמאָל און פאר אלעמאָל מיט די בלוטיגע וואונדער . . .

מיר ווייסען שוין אלע גאנץ גוט אז ער קען! . . . מיר האָבען זיך שוין איבערצייגט! . . .

און מיר פון אונזער זייט באדארפען אויסדריקען אונזער צופרידענקייט, באוואונדערונג, דאנקבארקייט, אנערקענונג און פארשידענע אנדערע געפיהלען אויף פארשידענע אופנים, און ניט „טאנצען אין די גאסען!״

מיר באדארפען באגעגענען די גרויסע, ליכטיגע היסטאָרישע שעה מיט שכל און טאקט! אָהן שכל טויג גאָרניט! אפילו פרייד!

איך בין אליין אויך צווישען די גליקליכע וואָס דערווארטען אימעצען: איך דערווארט מיין יונגען איינציגען זוהן! (

אָבער צוזאמען מיט דער גרויסער פרייד, פיהלט מיין הארץ מיט מיט די אלע אומגליקליכע, וואָס האָבען פארלוירען זייערע זיהן, ברידער, מענער, אין דער בלוטיגער שפּיל וואָס הייסט מלחמה און וועלען זיי שוין קיינמאָל ניט זעהן! . . .

גרויסער גאָט! טרייסט אלע אומגליקליכע, צובראָכענע הערצער! . .. זאָל עס האָבען געווען די לעצטע מלחמה! די לעצטע, די לעצטע, די ל־ע־צ־ט־ע!!!

שוין די העכסטע צייט

איך האָב גרויס הנאה פון די שטונדען וואָס איך פאַרברענג אין שוהל: סיי פון דער געהויבענער אטמאָספערע וואָס הערשט אין די הייליגע טעג אין שוהל, סיי פון חזנ׳ס זינגען. איך אליין „זאָג״ כמעט גאָרניט. איך פאַר־לאָז זיך אין גאנצען אויפ׳ן חזן, און איך הער זיך צו ער זאָל ניט „טשיטען״! דער אמת איז, אז אין געוויסע שטעלען איז ער בעסער ווי איך דערוואַרט און צומאָל איז מיר א וואונדער אויפ׳ן רבונו של עולם ווי אזוי ער קען זיך מאכען „ניט הערענדיג״ צו אזא הארציגען אויפריכטיגען געבעט ! . . .

אלזא, איך האָב אז דער רבונו של עולם וועט אויף מיר ניט ברוגז זיין וואָס איך „זאָג״ ניט. ער ווייסט דען ניט וואָס איך וויל ? ער ווייס גאַנץ גוט. ער ווייס אויך וואָס מיר אלע ווילען. אָט למשל ווילען מיר, אז אין פוילען זאָלען פאָליאקען ניט שלאָגען קיין אידען נאָך דעם אלעמען וואָס זיי, די אידען, זיינען דורכגעגאנגען ביי די דייטשען, איז דאָס צופיל פאַר־לאנגט? און איז עס אפשר צופיל פארלאנגט, אז די „באפרייטע״ אידען פון היטלער׳ס מאָרד־לאגערען זאָלען שוין זיין אויף אז אמת באפרייט? ס׳איז אפילו ניט צופיל פארלאנגט, אז אידען זאָלען שוין אויפהערען זיין היימלאָז און מען זאָל זיי צוריקגעבען זייער לאנד, ארץ ישראל.

אפילו זיצענדיג אין שוהל הער איך ניט אויף טראכטען וועגען די אומ־גליקליכע אידען, וואָס ליידען אזוי פיל, אזוי פיל ! און מיין הארץ בלוטיגט, איך פיהל דערנידעריקט, באליידיגט, ווייל אונזער גאָט דערלאָזט עס. פארוואָס נעמט ער זיך פאָרט פאר אונז ניט אָן?

זאָל זיין מיר זיינען ניט קיין צדיקים, נו, און זיי זענען בעסער? און אויב אפילו מיר זיינען ניט אזעלכע צאצקעס ווי מיר האָבען באדארפט צו זיין, איז קומט אונז מען זאָל אונז הרגענען? הרג׳עט מען דען אייגענע קינ־דער אפילו ווען זיי זיינען שלעכטע קינדער ?

— פארקערט, מיר בעטען גאָט פאר זיי, ווען זיי זיינען אין געפאר. באדארף איך דען דערציילען דעם פאָטער אין הימעל? ער ווייסט דאָך עס גאנץ גוט ! מיר בעטען דאָך טאקע ביי איהם, ניט ביי אימעצען אנ־דערש ! . . .

און בעת איך בין אזוי פארטיפט אין טראכטען וועגען אונזערע צרות זעה איך ווי אידען טראָגען ספרי תורה און דריקען זיי אזוי צערטליך צום הארצען, ווי א מוטער איהר קינד ! מיט אזוי פיל ליבשאפט און צערטליכ־קייט קושען די אידען די תורה !

יאָ, מיר קושען די תורה, בעטען, וויינען און קלאָגען און זיי שלאָגען אונז, פארפאָלגען אונז און באווארפען אונז מיט שטיינער ! . .

מיר טוען אונזערס און זיי — זייערס !

די שמאַלקעפּיגע אידען־פרעסער ווילען ווייזן אויס דערגרייכען א קאַריערע מיט'ן טאלאנט פון ווארפען שטיינער און רייסען אידישע בערד !

דער אמת איז, אז מיר די פארפאָלגטע וואָלטען גאַר באדארפט רחמנות האָבען אויף זיי די פארפאָלגער. ווי הילפלאָז עס מוזען זיין מענשען וואָס באמיהען זיך צו דערגרייכען עפּעס דורך פארפאָלגען אומשולדיגע מיט־מענשען ! . . .

קיין בעסערע, גרעסערע זאכען קאָנען זיי ניט אויפטאָן, ווארפען זיי שטיינער און שטעלען אָן אנדערע דאָס צו טאָן !

מיר אידען פארנעהמען זיך ניט מיט אזעלכע „אויפטואונגען", מיר ווייסען בעסערע וועגען ווי אזוי עפּעס צו דערגרייכען.

ווען מיר ווילען עפּעס דערגרייכען פארנעמען מיר זיך ניט מיט שלאָגען אידען אָדער ניט אידען, נאָר מיר ארבייטען אויפ'ן געביט וואָס איז ווערט מ'זאָל זיך מיט איהם אָפּגעבען, און מערסטענס דערגרייכען מיר טאקע וואָס מיר ווילען !

א מיידעל האָט מיר דערצעהלט, אז אין אָפיס, וואו זי ארבייט אלס „סטענאָגראפער", איז פאראן איינער א צודרייטע בריאה וואָס קערט אויס דעם אָפיס.

האלט ער אין איין ווידערהאָלען, אז ער וועט אמאָל ווערען דער הויפּט פלאָר־קערער ! דאָס איז זיין אמביציע, זיין חלום, זיין אידעאל !

איך גלויב אז זיין אמביציע איז פיל העכער, עהרליכער און נאָבעלער ווי די אנטיסעמיטישע אמביציע צו דערגרייכען „גליק" דורך רייסען בערד, שלאָגען אידען, און ווארפען שטיינער . . .

און איך טראכט, אז דער רבונו של עולם וואָלט שוין איינמאָל פאר אלע־מאָל געדארפט פאראליזירען יעדע האנט וואָס הויבט זיך אויף צו שלאָגען אידען און יעדען מויל וואָס עפענט זיך מיט שימפּערייען קעגען אונז. ס'איז שוין די העכסטע צייט !

אידיש בלוט . . . .

פאר א נאָווינע גיסט זיך ווידער אידיש בלוט אין ארץ ישראל ! . . .
און ווער קען זאָגען ווי לאנג די בלוטיגע שפיל וועט נאָך אָנגעהן ? . .
און עס איז דאָך שוין כמעט גאָרניט געבליבען . . . וואָסזשע וועט פאָרט זיין דער סוף, און ווי ווערט עס אונזערע שונאים ניט נמאס זיך צו באָדען אזוי פיל אין אונזער בלוט ?
זיי באטראכטען, ווייזט אויס, אונזער בלוט ווי רויטע וואסער אין וועלכען עס איז זעהר באקוועם זיך צו באָדען ! . . .
צו מאָל טראכט איך : אָה, וואָס קומט ארויס פון דעם טראכטען און שרייבען, אז איך קען גאָרניט אויפטאָן, העלפען; אז איך בין אזוי קליין, נישטיג, הילפלאָז און די געדאנקען דריקען און בריהען אזוי פיינליך און ווייטאָקדיג דעם מוח . .
נאָך פון מיין פריהער קינדהייט זייט איך געדענק זיך איז מיין קינדיש הערצל פארוואונדעט געוואָרען פון דעם וואָס מען האָט מיר דערצעהלט וועגען קאפיטאן דרייפוס !
איך פלעג איהם אין מיין חלום זעהן זיצען אויפ׳ן אינזעל א עלענדען, א וויינענדיגען ווי ער קוקט ארויף צום הימעל און פרעגט ביי גאָט : „וואו איז יושר?" און ער ווענדעט זיך צו די ים כוואליעס און בעט זיי, זיי זאָלען זאָגען דאָרט די מענשען, אז ער איז ניט קיין שפיאָן, נאָר אן אומשולדיגער קרבן וועמען די אידישע שונאים האָבען באדארפט פאר א בלבול, און אויף איהם איז געפאלען דער גורל. . . .
איך האָב שוין דאן געפיהלט דעם ביטערען טעם פון זיין א אידיש קינד, א קינד פון דעם געפייניגטען אומגליקליכען פאָלק !
נאָכדעם איז אונטערגעקומען ביילים׳עס פראָצעס, די מלחמה נומער איינס און פאר א נאָכשפייז — פאָגראָמען; נאָכדעם היטלעריזם, געטאָ, געלע לאטעס און ווידער פאָגראָמען. די וועלט מלחמה נומער צוויי מיט גאז-קאָ-מערען, ברען-אויוועגס, מורא׳דיגע שחיטות און נאָך מיט א צובייס פון א „שטרומא" און א „פאטריא", וואָס דאָס איז שוין געקומען ניט פון די אָפע-נע שונאים, נאָר פון פאלשע פריינט. איבער פינף מיליאָן אידען אויסגע-מאָרדעט, אָבער ס׳איז נאָך ווייניג, גיסט זיך נאָך איצט אידיש בלוט אויך אין ארץ ישראל ! . .
גאָט אין הימעל, מיט וואָס האָסטו זיך עס פארנומען ? טאָמער זענען נאָך דאָ אביסעל אידען וואָס גלויבען אין דיר, ווילסטו זיי אויך פארלירען?

וואָס פאַר א גליק וועט דיר טרעפען? ווי ווערט דיר פאָרט ניט נמאס אזוי לאַנג און אזוי שווער צו פלאָגען דיין פאָלק ישראל ? עס מוז דאָך אמאָל נע־מען אן עק, א סוף צו אונזערע שווערע אומערטרעגליכע ליידען! . . .

אידען זיינען שוין בטל אין חשבון און ווייסען ניט וואָס עס איז בע־סער : צו זיין גוט אָדער שלעכט, עהרליך אָדער פאַרדאָרבען ! . . .

מיר האָבען דאָך שוין פּרובירט פאַרשידענע וועגען, פאַרשידענע רפו־אות; גאָדולד, שעהנע רעדעס, פּראָטעסטען. אפילען און וואָס ניט, אָבער פון אלעמען לאָזט זיך אויס א טייך ! עס איז ארויסגעוואָרפענע ארבייט.

מיר זיינען ווי א דאָקטאָר, וואָס באַנוצט זיך מיט פאַרשידענע רעצעפּ־טען, מיקסטורען, זאַלבען צו היילען א וואונד, אָבער ווען די אלע זאכען העלפען ניט מוז ער אָנווענדען כירורגיע, אויב עס געלינגט ניט אויסצוקו־רירען א שווערע כראָנישע קריינק מיט קיין אנדערע באַקוועמע וועגען מוז מען אָנווענדען דאָס מעסער און שניידען !

אודאי איז עס געפערלאך און ניט ווינשענסווערט, אָבער פון דער אנ־דער זייט איז דאָך מעהר קיין אנדערע וועגען ניט פאַראַן.

צו דער זעלבער צייט איז דאָך דעם קראַנקענס לעבען סיי ווי אין גע־פאַר, טאָ וואָס קען מען דאָ פאַרלירען.

מיר אידען ליידען פון א אָנגעוויטאָגטען ברייט־פאַרשפּרייטען קאַנ־סער, וואָס פאַרפּאָלגט אונז און פרעסט אונז שוין העכער צוויי טויזענד יאָהר!

מיר האָבען פּרובירט מיט פאַרשידענע מיטלען איהם צו היילען, אָבער די מיטלען העלפען ניט. זענען מיר אזוי ארום געצוואונגען זיך אקעגענ־צושטעלען קעגען אונזערע פאַרפּאָלגער, וואָס באַטראַכטען אונז ווי אן אָנשי־קעניש אויף דער וועלט ווי איבריגע ניט־געווינשטע מענשען, וועמעס בלוט איז הפקר !

אידען ווילען אָבער קעמפען פאַרן רעכט צו לעבען !

און עס גלויבט זיך ניט, אז גאָט זאָל אונז לאָזען צוטראָטען ווערען פון די שווערע מעכטיגע שטיוועל פון אונזערע בלוט־דורשטיגע שונאים !

עס קען זיך מיר ניט פאָרשטעלען אז ער וועט זיין אויף דער זייט פון אונזערע פאַרפּאָלגער !

לאָמיר האָפען און גלויבען, אז עס וועט שלאָגען די שעה ווען רעכט וועט קריגען די אויבערהאַנט איבער אומרעכט ווי שטאַרק עס זאָל ניט זיין איהר מאכט !

לאָמיר האָפען, אז מיר אידען ווילען זיין אין דעם קאַמף די זיגער, ווייל מיר זענען די גערעכטע ! לאָמיר האָפען און גלויבען אז מיר ווילען דעם קאַמף געווינען, ווייל מיר זיינען ניט די פאַרפּאָלגער, נאָר די פאַרפּאָלגטע !

דאָס פּיצעלע היינט

איך בין געזעסען ביים זאמדיגען ברעג, געקוקט ווי מענשען באָדען זיך און טומלען און לאכען; געקוקט און געטראכט: ווי וואונדערליך דער זומער איז! ווי וואונדערליך דאָס לעבען איז!

עס איז געוואָרען טונקעלער, און איך האָב באמערקט א וואָלקען נעהמט זיך אָנרוקען אויפ׳ן לויטערען הימעל . . . עס קען נעמען רעגענען, באַדאַרף מ׳ען זיך שנעל אָנטאָן און אָפּטראָגען. אזוי טראכטענדיג פאלט מיין בליק צופעליג אויף א קעפּעל פון אן ארטיקעל אין אן אלטער צייטונג: „רעד פלעג אָווער בערלין״ . . . (די רויטע פאָן איבער בערלין!) — א וואונש פון וועלכען מיר האָבען אזוי פיל געטרוימט, אזוי פיל געהאָפּט! . . .

ערשט מיט בלויז איין יאָהר צוריק איז עס פאר אונז געווען בלויז א וואונש וואָס קאָן ניט רעאליזירט ווערען, ריינע אילוזיע, אוטאָפּיע און חלום; און אָט מיט איין יאָהר שפּעטער איז דער וואונש געוואָרען אווירקליכקייט, די רויטע פאָן פלאטערט איבער בערלין! . . .

כאָטש די נאצי־אויסוואורפען זענען געווען פון אַזוי לאנג און אזוי שטארק צוגעגרייט; כאָטש זיי האָבען אין זיך אנטוויקעלט אזעלכע ווילד־חיה׳שע כוחות און רציחה, אז ס׳איז אוממעגליך געווען צו זעהן א מעג־ליכקייט זיי צו באזיגען, אָבער די השגחה האָט געוואָלט, אז עס זאָל זיך אויסדרייען אזוי, און ניט אנדערש . . .

רעכט געוועלטיגט איבער אומרעכט! מעג די אומרעכט זיין ווי שטארק וועט זי פריהער אָדער שפּעטער צוזאמענברעכען פאר׳ן אמת!

און מערקווירדיג ווי מיר מענשען נעמען שנעל און זיכער צו וואָס מ׳גיט אונז און . . . ווי שנעל מיר פארלאנגען נאָך און נאָך!

אָט איז שוין דער פאקט כמעט ווי וואָכעדיג און מ׳וויל שוין עפּעס אנ־דערש!

בפרט מיר אידישע מענשען, מיר ווילען גאָר א סך! . . .

מיר ווילען מ׳זאָל אונז ניט אויסהרג׳ענען אין מיליאָנען; מיר ווילען א דאך איבער׳ן קאָפּ; מיר ווילען א היים, מיר ווילען מענשליכע רעכט, מיר ווילען געניסען פון לעבען, פון אלץ מיט אנאנדער ווי „רעגעלע מענשען!״...

און לאָמיר אייך זאָגען, אז איך וועל ניט זיין איבערראשט, ווען נאָך דעם ווי עס וועט אלץ מקוים ווערען, וועט זיך אונז נאָך אלץ עפּעס ווילען!

איהר ווילט זיך אפשר מיט מיר וועטען? איך בין גרייט צו מאכען מיט אייך א וועט. אז אזוי שנעל ווי מיר, די „פארפלוכטע אידען״ וועלען קריי־

געגן די אַלע אויסגערעכנטע „לוקסוסען" װעלען מיר װעלען נאָך און נאָך פאַרשידענע זאַכען!

קיין סך געלט האָב איך ניט, אָבער איך קען זיך װעטען אויף... לאָמיר זאָגען צעהן דאָלער!... און איך בין זיכער, אַז איך װעל געװינען!

װייל אַזוי איז שוין דאָס זינדיגע װעלטעל אונזערס.

דאַכט זיך װאָס איז דאָס גאַנצע לעבען מישטיינס געזאָגט? — ס'איז אַזוי קורץ.

דער אמת איז דאָך, אַז עס איז ניט װערט קיין אויסגעבלאָזען איי אפילו!

דערמאָנט זיך: אָט ערשט װי נעכטען האָט מען זיך געװעט װער עס װעט װערען דער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען — רוזװעלט צי װילקי, און איצט זענען שוין ביידע אַפּאָנענטען אויף דער אמת'ער װעלט!

װער האָט זיך געקענט ריכטען, אַז אין אַזאַ קורצער צייט װעט זיין אויס מיט ביידען?

און אָט ערשט נעכטען איז טשוירטשיל געפלויגען אַהין און אַהער, באַ־פוילען, געפיהרט, און זיין ציגאַר האָט מען געזעהן זיך רויכערען אויף אַלע צייטונגען, זשורנאַלען, בילדער, אַדװערטייזמענטס און װאו ניט? און היינט איז ער שוין אַראָפּ פון בענקעל אָפּטרעטענדיג דאָס פּלאַץ פאַר אן אַנ־דערען.

„אויס כלה און װידער א מויד!"...

אַלזאַ, דאָס גאַנצע לעבען איז גאָרניט, דערפאַר באַדאַרף מען פאַרגע־סען אין נעכטען, ניט זאָרגען פאַר'ן מאָרגען, נאָר זיך באַמיהען הנאה האָבען פון דעם פּיצעלע היינט.

און אויך דער היינט איז ניט אַזוי פויגעלדיג, באַדאַרף מען פון איהם מאַכען דאָס בעסטע װאָס איז מעגליך, װייל נאָך אַלע זאַכען איז נאָך קיינ־מאָל צו קיינעם ניט געגעבען געװאָרן קיין בעסערע מתנה װי אָט דאָס בידנע שטיקעל לעבען אונזערס!...

איך שלאָף רוהיג . . .

עס טוט זיך אויף טיש און אויף בענק מיט דער אטאָמישער באָמבע !
גאָט האָט באשאפען אן אטאָם־באָמבע און שרייבער האָבען א טעמע !
און ניט נאָר שרייבער זענען „ביזי״ אויך די „גרויסע קעפּ״ האָבען קאָפּ ווייטאָג און די קליינע האָבען . . . מורא ! . . .

מ׳פארנוצט טאָנען פאפיר און פעסער טינט !

פרעגט: מע רעש ? וואָס איז דער טומעל ? — א באָמבע איז א באָמבע ! ווייניג אָנשיקענישען זענען פאראן אויף דער וועלט וועט זיין מיט איין אָנשיקעניש מעהר !

איז דער תירוץ, אז די דאָזיגע באָמבע איז געפערליכער פון אלע אנ־דערע אָנשיקענישען וואָס די וועלט האָט געהאט ביז איצט, מחמת זי קען חרוב מאכען ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי די גאנצע פאסקודנע וועלט אונזערע !

איין קלייניגקייט א וועלט מיט אזעלכע צאצקעדיגע נאָבעלע עהרליכע באשעפענישען וועלען אומקומען !

אָבער איך — גלויבט עס אָדער ניט — שלאָף גאנץ רוהיג און הויב אפילו ניט אָן צו זאָרגען וועגען דער אטאָם־באָמבע !

נאָך מעהר, עס ארט מיך ניט אויב די פאסקודנע וועלט וועט מיט איינמאָל אונטערגעהן אנשטאט שטופּענווייז . . .

אמת, עס זיינען צווישען אָט די צוויי פיסיגע חיות אויך פאראן אביסעל מענשען, אָבער וואָס פאר א ווערטה האָט ס׳ביסעל מענשען צווישען א וועלט מיט אויסוואורפען ! ?

חוץ דעם, וואָס פאר א טעם איז לעבען פיהלען אָט די געציילטע מענ־שען צווישען אזעלכע שבֿנים ווי די מיט וועלכע עס קומט זיי אויס צו לעבען?

אימיצער פון אייך, מיינע לעזער קען טראכטען, אז עס איז מיר חלילה נמאס געוואָרען דאָס לעבען, דערפאר מאכט ניט אויס ביי מיר די געפאהר פון דער אטאָם־באָמבע, פאר וועלכער אזוי פיל מענשען האָבען מורא, אָבער דאָס איז א טעות, לײדיס און דזשענטעלמען; ביי מיר ווען איך בין געזונט, און האָב אָפּגעגעסען א מאָלצייט, וועלכען איך האָב ניט געלאָזט פארברענט ווערען און ניט פארגעסען צו זאלצען, און איך זעץ זיך אוועק ביי דער ראַ־דיא וואו עס געהט אָן א פיינער מוזיקאלישער פראָגראם — פיהל איך גוט און פיין און איך בין ניט מקנא אימיצען וואָס איז פארמעגליכער פון מיר

און וואָס געניסט פון פארשידענע „גודטיימס״. איך גלויב אז מיין „גוד־טיימ״ איז דער בעסטער!

אזוי פיל איך אויך בעת איך לייען א גוט בוך. פאראן נאָך אנדערע פארגעניגענס ווי: טעאטער, מאָווים, זומער וואַקאַציע, באגעגענישען מיט אינטערעסאנטע מענשען און אזוי ווייטער און ווייטער.

דאָס לעבען איז וואונדערליך שעהן און גוט, און אויף וואָס פאר א שווארץ יאָהר האָט מיר אויסגעפעלט די אטאָם־באָמבע ? — איז דער ענט־פער : מ׳האָט באדארפט די באָמבע פאר א רפואה קעגען די געפערליכע וועלט-שונאים האָט מען זי געשאפען !

איצט איז אזוי די מעשה :

ערשטענס וואָס וועט מיר דען העלפען ווען איך וועל ניט שלאָפען קיין נעכט און מורא האָבען ?

צווייטענס קען איך דען עפּיס אויפטאָן אָפּצושאפען אָט דאָס אָנשי־קעניש ?

דריטענס . . . און דאָס איז דער עיקר פון דעם וואָס איך וויל אויסברענ־גען מיט אָט די גאָלדענע שורות:

אויב די אטאָמישע באָמבע וועט טאקע (די שעה זאָל ניט זיין) חרוב מאכען די גאנצע וועלט, וועט עס זיין א סימן, אז . . . די מענשהייט האָט זיך עס כשר פארדינט !

ווי זאָגט מיין מומע זעלדע : „ווי מ׳בעט זיך אויס אזוי שלאָפט מען!״...

מיר אידען זאָרגען ניט פאר די קאָנסעקווענצען פון דער אטאָמישער באָמבע, ווייל זי איז גאָט צו דאנקען פריי פון אנטיסעמיטיזם ! . . . זי איז א דעמאָקראטישע באָמבע, וואָס קען אויגענבליקליך אומברענגען פעלקער אָהן אונטערשייד פון איד אָדער גוי ! . . .

אויפן שוועל פון 1946

פאראן א ווערטעל : „ווען פרעהט זיך אָן אָרימאן ? — בעת ער פאר־לירט און געפינט צוריק".

אָבער די מענשהייט בכלל און מיר אידען בפרט האָבען פאר די לעצטע עטליכע יאָהר פארלוירען אזוי פיל . . . און מיר וועלען עס שוין קיינמאָל ניט צוריק געפונען ! . . .

דאָך וועט דאָס פאָרגעהענדע יאָהר 1945 פארצייכענט ווערען אין דער געשיכטע ווי דאָס ליכטיגסטע און וויכטיגסטע יאָהר פון א סך אנדערע יאָה־רען ! ס'איז דאָס יאָהר ווען עס איז שטיל געוואָרען די וועלט מלחמה נומער צוויי !... דאָס יאָהר אין וועלכן די בלוטדורשטיגע חיות אין מענשען געשטאלט זענען באזיגט געוואָרען ! מיט מיר פערזענליך האָט דער אלמעכטיגער גרויס חסד געטאָן, געלויבט איז זיין ליבער נאָמען !

ער האָט מיר אומגעקערט פון דער מלחמה א גאנצען און אומבאשיידיגטען מיין צוואָנציג יעהריגען איינציגען זוהן !

אלזא מענשען וועלען הוליען, טומלען און טאנצען באגעגענדיג דאָס נייע יאָהר 1946 !

אָבער איך זעה ניט איין קיין גרויסען אונטערשיד אין די נייע און נייע־רע יאָהרען וואָס קומען אויפ'ן אָרט פון די פאָרגייענדע יאָהדען !

צו מיר קוקען זיי אויס ווי פון איין שטיקעל געוואנט געשניטען, ווי איין מאמע וואָלט זיי געהאט, אָדער ווי מיין מומע זעלדע זאָגט : „די זעלבע יענטע נאָר אנדערש געשלעיירט!" אין דער אמת'ן זענען זיי די יאָרען אפילו ניט אנדערש געשלייערט, נאָר אנשטאט 1944 רופט מען עס 1945 און אנשטאט 1945 — 1946, אָבער דאָס איבריגע בלייבט ווי געווען.

פונקט ווי ביז איצט וועלען מענשען זיך יאָגען נאָך געלט, כבוד און זיך באמיהען צו האָבען דאָס שעהנסטע, דאָס בעסטע און באקוועמליכסטע אפילו אויפן חשבון פון די אונגליקליכסטע ! פונקט ווי ביז איצט וועלען די, וועמען די מלחמה האָט געבראכט פראָספעריטי, זיין צופרידען עס זאָל אויס־ברעכען (די שעה זאָל ניט זיין) א פרישע מלחמה . . .

פונקט ווי ביז איצט וועלען זיך אלע רייסען איבער כבוד, פיהרער־שאפט און וועלען רק וועלען זיין דאָס אויבערשטע פון שטויסעל !

„דער וואָלף בייט זיין פעל, אָבער ניט דעם כאראקטער", און אזוי איז עס מיט מענשען. אזוי איז עס געווען און אזוי וועט עס זיין. ניטאָ קיין נייעס אונטער דער זון.

ווען מ׳קען הוליען בעת דער שכן וויינט אין יאָהר 1945 וועט מען עס אויך טאָן אין יאָהר 1946.

אָבער דאָך . . . פּאסירען אמאָל וויכטיגע ענדערונגען, צייטען ברענגען נייע ווינטען, און עס איז דאָך פאָרט פאראן א כלל, אז קיין זאך קען ניט אָנ־האלטען אייביג, קען אמאָל זיין אז אָט דאָס וואָס „איהר״ רופט יאָהר 1946 און מיין מומע זעלדע רופט „איין שווארץ יאָהר״, זאָל גראד ברענגען א גליקליכע ענדערונג און פאר אונז אידען אבי אן ענדערונג איז שוין גוט, ווייל וואָס קען זיין ערגער פון ערגער? וואָס קען פאר אונז זיין ערגער פון אָט די לעצטע פאר יאָהר ! . . . וואָס פאר אן ענדערונג עס זאָל ניט פּאסירען וועט עס מוזען זיין פאר אונז בעסער . . .

אמת, קיין גרויסע גליקען קענען מיר ניט דערווארטען און מיר באַ־דארפען עס ניט דערווארטען, ווייל מיר זיינען שוין שטארק אָפּגעוואוינט דערפון און עס קען אונז נאָך פארשאדען, אָבער עס איז מעגלעך מ׳זאָל אונז ענדליך אויפהערען צו פארפאָלגען און מיר זאָלען קריגען א שטיקעל דאך איבערן גרויען, מידען קאָפּ ! . . . עס קען זיין אז אונזערע שונאים וועט ענדליך דערעסען די שפּיל פון פייניגען אונז, די בעסטע מאכלים עסען זיך דאָך אָ מאָל צו, וועט אפשר זיי אויך זיך איינעסען דאָס זיסע געשמאקע מאכל : „אנטיסעמיטיזם״ און זיי וועלען עס אָנהייבען פארנאכלעסיגען.

יעדענפאלס געפּטר׳ט א יאָהר, זאָל עס געהן צו אלדע גוטע יאָהר. איך בענק כלל ניט נאָך דעם נאָך מעהר: עס ארט מיך אפילו ניט וואָס איך בין עלטער געוואָרען מיט א יאָהר, כאָטש אלס פרוי דארף עס מיך דוקא שטארק ארען, ווייל פרויען ווילען ווערען איגגער, ניט עלטער.

און אז איהר רופט דאָס יאָהר „ביי״-יאָהר ארט עס מיך אויך ניט, און אויב עס איז פאר אייך אן אויסרייד צו פראוועך א שמחה׳לע אָדער פּארטי פארגין איך עס אייך פון גאנצען הארצען און זאָל עס אייך וואויל באקומען!

אָבער צו מיר קוקט עפּעס אויס די גאנצע זאך ווי א באָבע־מעשה ! ! !